STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09580

FRAYE ERD

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פרייע ערד

זאמעלבוך

ארויסגעגעבען פון פערלאג „פראגרעס“.

פערלאג „פראגרעס“.

ווארשא. ניו-יארק.

תרע״א.

Тип. Ф. Пиментъ и Я. Швабе, Варшава Сѣраковская 4.

אינהאַלט:

שלום אַש	א שנור פערל.	5
"	א יונגעל מיט א סור.	13
יעקב שטערענבערג	עלעגיע.	22
"	הימלען בלאָהע...	23
"	ס'שפאַלט די וואָלקענס...	23
זשאָרזש ראָדענבאַך	יאָאס.	25
משה סטאַווסקי	ליעבע.	61
היינריך היינע	בערג-געשיכטען.	63
"	ליעדער.	86
אויגוסט סטרינדבערג	דער איינזאַמער.	87
"	פאַרוויכטיג מיט אויגען.	102
י. בלייכער	חלומט דער בוים...	104
נ. לוריא	באַרים.	105
"	א שטילע.	139
היינריך מאַן	א שפאַציר הינטערן טויער.	137
ריכאַרד דעהמעל	מיין טרינק-ליעד	163
"	דער גרויסער קאַרוסעל.	165
גיואי דע מאָפאַסאַן	אויף דעם שפאַצירגאַנג.	167
	אין פריהלינג.	177

וויקטאָר הוגא	די רויז און דער קבר .	187
"	מיט האַרמאָני און פינסטערניש . . .	187
שרה רייזען	אַן׳אומזיסטער נאַכטלעגער .	189
אֶלאַ האַנסאָן	די לידער פון יונגען אָפּעג .	195
קנוט האַמסון	אין נאַס .	205
פּויל ווערלען	אַ סאַנטימענטאַלעס געשפּרעך .	214
דוד קאַסעל	דער פאַקטערס זוהן .	215
"	הערבעסט .	240
אַנטאָן טשעכאָוו	אַ וועט .	241
"	אַ העלדישער מאַן .	253
"	אַניוטאַ .	262
"	אַ געהיימניספולע נאַטור .	267
אי. ס. ניקיטין	דער בורלאַק .	271
ז . סעגאַלאָוויטש	אדעלאַ .	277
פּעטער אַלטענבערג	מיניאַטיורען .	287

א שנור פּער׳

שלום אש.

אַ שנור פּערעל.

(אַ מעשה)

דאָס וואָס איך פערצעהל אייך, קינדער, זאָלט איהר זיך נישט שראַכטען: אַז עמיץ לאַכט אָב און דערצעהלט דאָס צום שפּאַס, זאַלען וואָס נישט געשטויגען נישט געפלויגען.

ניין, מיינע טייערע! די מעשה איז אַ ריכטיגע, איך האָב זי אַליין געהערט פון מיין באָבעס מויל.

און מיין באָבע איז זייער אַ ערליכע יודענע. זי האָט שוין פון לאַנג איהרע חשבונות געענדיגט אויף דער וועלט, און האָט שוין לאַנג תכריכים זיך אָנגעגרייט אויף צו שפּאַצירען אין זיי אין „גן־עדן"; און, אַז איהר פערווילט זיך ווען, טהוט זי אָן די ווייסע קליידער און שטעלט זיך קעגען שפּיגעל זעהען אויב זיי זענען איהר אויפגענייט צום מאָס.

און איך געדענק נאָך די נאַכט, ווען איך בין אויף איהרע קניה געזעסען און האָב איינגעהאָרכט איהרע רעד, אַרייקוקענדיג אין איהר אַלט צוקנייטשטען פּנים; און יעדע רגע ציהענדיג די איינציגע האָרר, וואָס האָבען איהר אַרויסגעשפּראָצט פון שפּיץ קיהן.

און זי האָט מיר אַזוי פערצעהלט:

זאָלסט וויסען, מיין זוהן, אַז דאָרט אין הימעל איבער די וואָלקענס, צווישען הויכע צווייגעדיגע בוימער, וואָס שטעהען ווי פאַר חלומ'ט איינגעזינקען אין גרויסע געדיכטע גראָזען, וואָס אויפ'ן פלאַץ אַרום, — פליסט שטיל און לאַנגזאַם אַ וואַסער פון אַ ריין־קלאָרע טייכעל. און די וואַסער פון טייך שיינט, לויכט און קוקט אַרום ווי אַ רעגען־בויגען פון וואָלקען. און אויף יעדען בליהענדען בלאַט וואָס אַרום, אויף אַלע קליינע און גרויסע גראָזען וואָס אויפ'ן פלאַץ אַרום

שײַנען טױ־טראָפּענס, װי אױף די באַקען פֿון אַ אונשולדיג קינד.

און דער טײַך רופֿט זיך: „טױער פֿון טרעהרען״.

װאָרום נישט װי װאַסער װאָס װערט אין דרױסען געגאָסען, איז די װאַסער, נור טרעהרען איז עס. יעדע טרעהר, װאָס רינט אַראָב פֿון יעדער קינד׳ס אָדער מענשען׳ס אױג ברענגט דער װינד אין זײַנע פּאַלעס און גיעסט זײ אַהין אין טײַך אַ רײַן.

און אײַנמאָל איז אַ קלײַן מלאך געקומען מיט אַ קרוג אין דער האַנד אָנצושעפּען װאַסער פֿון טײַך.

און דו, מײַן זוהן, װײסט דאָך, װי די פּנים׳ער פֿון מלאכים זענען שײן און קײַלעכיג װי אַ קינד׳ס פּנים, לױכטען מיט אַ לבנה־ליכטיגקײַט, און אַ זיס־אונשולדיגער שמײכעל שװעבט תמיד אױף זײערע דינע לעפּצען. און יעדער האָט צװײ גרינגע, װײַסע פֿליגלען, װאָס שײַנען און פֿינקלען; װאָרום פֿון זונען־שטראַהלען זענען זײ געמאַכט.

און דו, מײַן זוהן, אױב דו װעסט האָרכען דײַנע עלטערין, װעסט טהון װאָס זײ װעלען דיר הײסען, װעט גאָט דיר אױך שענקען אַזױנע פֿליגלען, און װעסט פֿליהען װי אַ מלאך.

און דער מלאך נעמט אָן אין קרוג טראָפּענס־טרעהרען פֿון טײַך, און קוקט אין זײ אַרײַן מיט זײַנע גרױסע, שװאַרצע אױגען װאָס קאָנען אונטערשײדען פֿון אמת ביז פֿאַלש.

און אַז דער מלאך האָט אין די טרעהרען אײַנגעקוקט, האָט ער פֿערקרימט זײַנע לעפּצען, אַ דרעה געטהון מיט די אױגען, און פֿער־קרימט אַביסעל זײַן שײנעם פּנים.

„די טרעהרען זענען פֿאַלשע, נור מענשען צו נאַרען זענען זײ געקומען״, — האָט דער מלאך אױסגערופֿען.

„און אַז איך װעל פֿון די טרעהרען מאַכען פּעריל, װעלען זײ נישט לױכטען, נישט שײַנען, װאָרום זײ װעלען זײַן װי די שטײנער פֿון גאַס, װאָס האָבען קײן װערדע נישט, װאָס קײנער קוקט זיך אױף זײ נישט אום״. און רײדענדיג האָט דער מלאך אױף דר׳ערד זײ אױס־געגאָסען.

„איך קען דאָס יונגעל״, — האָט דער מלאך פֿאַר זיך גערעדט קוקענדיג אױף די אױסגעגאָסענע װאַסער: „איהם האָט זיך אין חדר נישט געװאָלט געהן, האָט ער זיך פֿאַר זײַן מוטער צװױנט אַז ער איז

קראַנק, אַז דער קאָפּ טהוט איהם וועה: און די מוטער האָט איהם געגלויבט, און האָט איהם ערלויבט פערבלייבען אין שטוב, שפּילען זיך מיט די קינדער וואָס אין דרויסען". אָבער דאָס יונגעל האָט פון דער מוטער אויסגעלאַכט, וואָרום ער האָט איהר ליגענד געזאָגט, און זיינע טרעהרען זענען נישט ריין און הייליג, נור פאַלשע און אונווירדיגע און דער מלאך האָט נישט געקענט פערוואַנדלען אין פּעריל, וואָרום נישט קיין טרעהרען איז עס, נור וואַסער געזאַלצען וואַסער, וואָס מ'גיעסט אין דרויסען אַרויס.

און דו מיין זוהן, האָט די באָבע צו מיר זיך אָנגערופען, אָבּשרעקענדיג מיר מיט איהר שאָקלענדען פינגער קעגען מיר: זאָלסט זיך היטען, פון צו פערגיסען פאַלשע טרעהרען, וואָרום דיינע טרעהרען וועלען גאָר נישט נוטצען. און דער מלאך האָט נאָך אַ מאָל אָנגעשעפּט וואַסער פון טייך, האָט ווידער אַריינגעקוקט אין די טראָפּענס־טרעהרען, האָט זיי געפּרובט, געפּאַרשט ווי אין דעם ערשטען מאָל, אָבער אויך זיי האָט ער אָנקוקען נישט געוואָלט.

„זיי זענען דאָך ווי שוועסטער פון די ערשטע טרעהרען. פון איין קוועלע שטאַמען זיי, פון איין אויג רינגען זיי, און טויגען אויף גאָר נישט", האָט דער מלאך געזאָגט און האָט זיי אויף דר'ערד אויסגעגאָסען.

„און דאָס יונגעל, אַז ער אַ גרויס געוואָרען, טהוען ביי איהם אָפט טרעהרען זיין; ביי יעדער צופאַל רינגען זיי ביי איהם פון די אויגען. און אַז ער שטעלט זיך פאַר גאָט דאַווגען וויינט ער, און דער גאַנצער עולם מיינט, אַז ער דינט גאָט מיט אַנ'אמת, ער אָבער טראַכט נישט אַזוי, וואָרום פאַלש איז זיין האַרץ און נישט ווירדיג — זיינע טרעהרען, און אַז ער קניעט פאַר אַ פּריץ וויינט ער, חנפה'ט איהם, בעט זיך ביי איהם, לעקט איהם ווי אַ הונד די האַנד.

„וואָרום האַנדלען טהוט דער מענש מיט זיינע טרעהרען און וויינען.

און דו, מיין זוהן. היט זיך, היט זיך פון צו פערגיסען אַזוינע טרעהרען! האָט מיר די באָבע מתרה געווען.

און דער מלאך האָט נאָך אַמאָל דעם קרוג אין טייך אַראָפּגעלאָזט און האָט ווידער איינינגע טראָפּענס־טרעהען אָנגעשעפּט.

ערשט די וואַסער אין קרוג איז ריין און קלאָר, לויכט און שיינט

קענען די שטראהלען פון דער זון.

און אז דער מלאך האט אין קרוג אריינגעקוקט, איז זיין פנים זעהר ליכטיג געווארען, און ער האט זיך געפרעהט.

— מיינע היילינע, ריינע טרעהרען! — האט זיך דער מלאך געפרעהט.

איך קען דאס יונגעל, יצחק רופט מען איהם,

יא, יצחק.

און יצחק האט נישט קיין פאטער און מוטער, ווארום זיי זענען איהם אבגעשטארבען, אז ער איז נאך געווען א קינד; איז ער און זיינע צוויי קליינע ברידער געבליבען עלענדע יתומים.

האט זיך אויף זיי זייער פעטער, דעם פאטערס-ברודער, דער-בארימט, און האט די קינדער גענומען צו זיך. דערנסמאל האט ער יצחק'ן געשיקט אין א צווייטע שטאדט לערנען ביים דארטיגען אלטען רב, און זיינע ברידער האבען זיך ביי איהם אב געשטעלט. און יצחק האט אין דער פרעמדער שטאדט קיין פריינד און בעקאנטען נישט אוי-סער דעם רב'ס טאכטער, וואס האט ביי איהם אלעס געוואוסט.

און אז דאס יונגעל פלעגט דערזעהן דער מיידעלס פנים, דערמאהנט ער זיך אן זיין מוטער און ברידער. און ביינאכט, אז ער ליעגט אויפ'ן בענקעל פון בית-המדרש, און הערט, ווי אין דרויסען קלאגט דער ווינד, און זעהט די ליכט וואס ברענט אויפ'ן עמוד, טראכט ער דערנסמאל פיעל.

ער טראכט פון דעם מיידעל, וועלכע איז אזוי גוט צו איהם, און פון זיינע קליינע ברידער וואס זענען ביים פעטער, און האט גרויס רחמנות אויף זיי; ווארום זיי זענען דאך יתומים און ברידער.

און דאס יונגעל בענקט נאך זיי זעהר און שפירט נישט די טרעה-רען וואס רינען איהם אויף די באקען.

און פיהלט אויך נישט דעם ווינד, וואס ווישט איהם די טרעהרען אב.

און דער ווינד ברענגט אין זיינע פאלעס די ריינע טרעהרען צום טייך וואס הייסט:

„טויער פון טרעהרען".

איצט, האט דער מלאך אויסגערופען, וועל איך פרובען מאכען פון זיי פעריל.

און דער מלאך האט צוגעלעגט זיין טויל צום לאך פון קרוג און

אויסגערופען :

„מיינע טייערע, ריינע טרעהרען! אויב איהר זייט אמת׳ע, — פערוואנדעלט אייך אין פערל. און אויב איהר זייט פאלשע, פערוואנדעלט אייך אין שטיינער.

און אין איין אויגענבליק איז פון די טרעהרען געווארען פעריל.

אין דער מלאך איז ניט ערשטוינט געווארען, זיך נישט געוואונדערט, וואָרום ער האט פאראויס געוואוסט, אז אזוי וועט געשעהען. און דער מלאך האט ווידער אראבגעלאזט דעם קרוג צום טייך און האט וואסער אנגעשעפט. ערשט די וואסער שיינט אין שפיגעלט זיך קעגען די ליכטיגקייט פון דער זון.

און דער מלאך האט זיך זייער געפרעהט, אריינגעקוקט מיט זיינע גרויסע אויגען אין קרוג אריין און געזאגט:

די טרעהרען זענען גלייך צו די פעריל, וואָרום פון איין קוועלע שטאמען זיי, און פון איין אויג רינען זיי.

זומער. די היץ ברענט ווי פייער, און יצחק דער יונגעל איז שוין פון לאנג אויסגעוואקסען און איז אמענש געווארען; ער ארבייט אין פאבריק זייער שווער, און טראפענס שווייס רינען איהם אויפ׳ן שטערען און אויף זיין שווארץ פערברענטען פנים. די הענד זענען איהם זייער פערחלש׳ט, די פיס בייגען זיך אונטער איהם, נאך איין האָהר און ער פאלט באלד צום ערד. פלוצים דערמאנט ער זיך אויף דאס קליין קינד, צפורה זיין טאכטער, וואס ביי איהם אין דער היים; ער דערמאהנט זיך אן איהרע גאלדענע האהר, איהר ברודיג-רונדען פנים, וואס פאר איין זיסען חן ס׳איז אויף איהר פנים׳ל אויסגעגאסען, וואס פאר איין אונשולדיג שמייכעלע עם רוהט אויף איהרע ליפעלעך, ער דערמאנט זיך דאס אלעס שטארקט זיך און ארבייט ווייטער.

און ער טראכט, אז נאך אביסעל, און די זון וועט אונטערגעהן און אווענד וועט ווערען. דענסמאל וועט ער פון זיין שווערע ארבייט אהיים געהן, זיין קליין טאכטער וועט איהם אנטקעגען לויפען, וועט מיט איהרע קליינע דינע הענדטלעך זיין האלז ארום נעהמען, און ער וועט איהר אבגעבען די גוטע זאכען, וואס ער האט געקויפט פאר איהרם וועגען. ער פיהלט די שמחה, וואס זיין טאכטער וועט האבען פון די גוטע זאכען, און פאר פרייד רינען ביי איהם ארויס טרעהרען פון די אויגען און גיסען אריין כח און שטארקייט אין אלע זיינע אברים. זיינע פערחלש׳טע הענד ווערען שטארקער, און זיינע שוואכע

פים קרעפטיגער. און אגרינג קיהל ווינדטעל האט איהם א בלאז געטהון אויפ'ן פנים און איהם איז זייער גוט און גרינג געווארען און ער האט נישט געפילט, ווי דער ווינד האט די טרעהרען פון זיינע באקען אב־געווישט. און דער ווינד האט די טרעהרען אין זיינע פאלעס אוועק־געטראגען אין טייך אריין וואס הייסט: „טויער פון טרעהרען". און דער מלאך האט צוגעלעגט זיין מויל צום קרוג און האט אויסגערופען:

„מיינע רייניגע, הייליגע טרעהרען! אויב איהר זייט אמת'ע, — פערוואנדעלט זיך אין פעריל, און אויב איהר זייט פאלשע, — פער־וואנדעלט זיך אין שטיינער!"

און פון די טרעהרען איז געווארען פעריל.

האט דער מלאך די פעריל איינציגוויים, איינציגוויים, אויף גאלד־ענעם פאדים אנגעצויגען, און האט זיך אויפ'ן האלז אנגעטהון.

און דער מלאך האט פערשפרייט זיינע ווייסע גרינגע פליגלא און איז אוועקגעפלויגען אין הימעל אריין.

א יונגעל מיט א סוד

שלום אש.

אַ יונגעל מיט אַ סוד.

„אַ מענש קאָן גאָט נישט זעהן — און לעבען בלייבען". אָבער דאָס יונגעל, פון וועלכען איך פערצעהל אייך, האָט גאָט יאָ געזעהן — און לעבט. און ער האָט גאָט געזעהען נישט איינמאָל, צוויי מאָל, נור תמיד, תמיד האָט ער איהם געזעהען, יעדען טאָג, יעדע שעה, יעדע רגע.

אָט זיצט ער אין רב ברוך דעם מלמד'ס חדר, און דער חדר איז קליין און ענג, אַ גרויסער טיש שטעהט אין דער מיט און אַרום איהם בענק, אויף וועלכע די תלמידים זיצען געדריקט פעסט צוגעדריקט איינער צום צווייטען און זייערע אויגען קוקען אַראָב אין די אָפענע גמרות, וואָס ליגען פאַר זיי — און זיי לערנען הויך אויפ'ן קול. אויבען-אָן בײם טיש זיצט רב ברוך מיט אַ רוט אין דער האַנד, קוקט אין האַרבסט גוט איין ווי די יונגלעך לערנען, און זיין פנים וואַרפט אַשרעק.

אָבער דאָס יונגעל זעהט גאָר נישט די אָפענע גמרא וואָס פאַר איהם און זיינע אויערען הערען נישט דעם רבי'ס רעד. זיין מוח איז פערנומען מיט אַנדערע מחשבות און זיינע אויגען זעהען גאָר אַנדערע בילדער.

עס פערגעהט די זון.

די לעצטע שטראַהלען לעבערן דורך און דרינגען אַריין דורך די ברודיגע שויבען פון פענסטער אין חדר אַריין. און די שטראַהלען צו-שפרייטען זיך, פאַלען אויף די קעפּ פון די יונגלעך, און בעגאָלדען זיי-ערע האָהר; פון דאָרט פויזען די שטראַהלען ווייטער און נידערן אַראָב אין דער קרים אוש ביז סאַמע ווינקעל פון הויז. אַ עלטער „עמוד-איש" איז אין חדר.

און דאָס מאָגער-בלאַס פנים פונ'ם יונגעל זעהט אויס זייער צו-פריעדען און פרעהליך; דאָס גרויסע שטאַרקע ליכטיגקייט, וואָס קוקט

פון זיינע גרויסע, שווארצע אויגען בעשיינט און בעלויכט דעם יונגעלס פנים.

„די שכינה הערשט אין חדר" — טראַכט דאָס יונגעל בײַ זיך.

נור ער ענטפּלעקט דאָס פּאר קיינעם נישט, וואָרום זיין סוד איז אַ בעהאלטענער סוד בײַ איהם. און פיעל סודות האָט ער, וואָס ער ענ־דעקט פאר קיינעם נישט, אפילו פאר זיין מוטער רעדט ער פון זיי נישט, און אָפט־מאל האָט ער מורא אפילו צווישען מענשען צוטראַכטען וועגען זיי.

נור ווען דאָס יונגעל געפינט זיך אַליין ווייט פון זיינע חברים און פריינד — דענסטמאָל טראַכט ער טיעף אריין אין זיינע וואונדער־סודות, און עס פרעהט איהם זעהר, די שכינה הערשט אין חדר, — אָט רוהט זי דאָרט אין סאַמע ווינקעל און פאַרנעהמט די רעד פון די יונגלעך ווען זיי לערנען.

און ער זעהט איהר מיט זיינע אויגען, נור מעהר ווי ער זעהט פיהלט ער איהר אין הארצען. די שכינה האָט אנגעפילט דעם גאַנצען חדר. און ער זיצט און טראַכט אנגענעהמע זיסע מחשבות. און זיין נשמה נעמט אַרום אַזאַ איידעלע בענקשאַפט, אַזאַ זיסע בענקשאַפט...

און אַ הייליג ריינער געמיט שוועבט אין חדר אַרום און אַרום...

און ער זעהט איהם און פיהלט איהם.

דענסטמאָל האָט דאָס יונגעל גאָט געזעהען — און איז געבליבען לעבען.

„אַ מענש קאָן גאָט נישט אַנקוקען, און בלייבען לעבען". אָבער דאָס דאָזיגע יונגעל האָט איהם יאָ געזעהען. פרייטאָג צו נאַכטס איז עס געוועזען.

אַ גרויס ברייט צימער. אין דער מיט שטעהט אַ טיש מיט אַלעם געגרייט לכבוד שבת. די ליכט, וואָס ברענען אין די פינקלענדע זילבערנע לייכטער לויכטען און פערשפרייטען זייער קלאָרע ליכטיגקייט אין אַלע ווינקלען פון צימער. אַרום טיש זיצען אַלע זיינע ברידער און שוועסטער די גרויסע מיט די קליינע, יעדער אויף זיין אָרט. די פנימ'ער מיט די הענד זעהר ריין אָבגעוואַשען. פאַר יעדערן ליגען אונטער ווייסע סערוועטלעך צוויי קליינע חלות, — און דאָרט אויבען־אָן, וואו

דער פאטער זיצט, ליגען צוויי גרויסע חלות איבערגעדעקט מיט א זיי־דענע סערוועטל און פאראויס שטעהט א פלעשעל ווײן וואס רויטעלט זיך קעגען דעם שיין פון די ליכט. דארט אין א ווינקעל נעבען א קליין טישעל זיצט זיין מוטער איבער א אפענע תחינה וואס ליגט פאר איהר. א ווייסער צעפיק פארדעקט איהר קאפ און א גאלדענע קייט העגגט איהר אראב אויפ׳ן ברוסט, אלע רגע חאפט זי פון דארט א קוק אויף די קינ־דער, וואס זיצען און הארכען איין דאס קול פון זייער פאטער וועלכער געהט אום איבערן צימער הין־והער און זינגט:

„שלום עליכם, מלאכי השרת״!

און דאס יונגעל זיצט, קוקט און הארכט זיך איין, און זעהר אנ־גענעהמע געפיהלען שפירט ער אין זיין הארץ.

און א בילד איז פאר זיינע אויגען: אט האט זיך אויפגעהויבען דער סופיט פון הויז, און ער זעהט דעם בלאען הימעל, וואס פון אויבען פערשפרייט. פלוצים האט זיך דער הימעל געשפאלטען און פאר זיינע אויגען ברענט א העלער בלויער פייער און גרויסע שטראמען ליכטיגקייט פלאצען פון הימעל־הויך און פילען די גאנצע ערד.

„שלום עליכם, מלאכי השרת, מלאכי עליון, ממלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא״.

און דאס יונגעל זעהט די מלאכים, און זיי זעהען איהם. זיי זענען פול די שטוב און ער הערט זייער געזאנג.

און זיינע אויגען זענען געווענדט אויף דאס גרויסע וואונדערליכע ליכטיגקייט.

און זיינע אויערען פערנעהמען דעם וואונדערליכען קול.

און ער זעהט גאט — און לעבט.

„א מענש קאן גאט נישט אנקוקען, און לעבען בלייבען״. אבער דאס יונגעל האט יא געזעהען גאט.

שבת צונאכט׳ס איז עס געווען.

א זיסע פינסטערניש און א ליעבע שטילקייט הערשט אין צימער.

דער פאטער זיינער איז אוועק דאווענען מעריב.

נור דאס יונגעל מיט דער מוטער זענען אין הויז. זי זיצט אויף א שטוהל דעם קאפ אונטערגעשפארט מיט ביידע הענד און זאגט אין

דער שטיל:

„גאָט פון אברהם, יצחק ויעקב״!

אין שוואַרצע פלעקען, שוואַרצע שאָטענס צושפּרייטען זיך אויף די וועגד. איין שאָטען שלינגט דעם צווייטען, איין פלעק פויזעט און פערשפּרייט זיך אויפ׳ן אַנדערן.

דאָס גאַנצע הויז איז פול מיט געדיכטע פינסטערניש און דאָס יונגעל שטעהט ביים פענסטער און קוקט אין דרויסען אַרויס.

אַ בלאָער צודעק אויסגעזעצט מיט שיינענדע שטערען איז פון אויבען פערשפּרייט.

אָט איז די לבנה, דאָס פּנים פון אהרן הכהן. און די לבנה קוקט אַרוים דורך די שיטערע וואָלקען־שפּאַלטען, קוקט מיט אַ זיסען שמייכעל וואָס איז פול מיט ליעבשאַפט צו יעדער בעשעפעניש.

ער ווייס, אַז דער וואָס קוקט אַריין אין דעם פּנים פון דער לבנה ווערט בלינד. און דאָך קוקט ער אויף איהר! עפענט דאָס מויל און קוקט גלייך אין דער לבנה אַריין.

און ער שפּירט אין האַרצען עפּעס אַ מאָדנעם געפיהל, עפּעס אַזא זיסע בענקשאַפט וואָס ער ווייס אַליין נישט וואָס.

און פּלוצים דערפיהלט ער און פערשטעהט זיין בעהאַלטענעם סוד, דעם סוד וואָס ער ענדעקט קיינעם נישט.

דענסטמאָל טרעט ער צו צו זיין מוטער, שטעהט און קוקט אין פּנים אַריין.

ער וויל איהר קושען, האַלזען אָנשפּאַרען דעם קאָפּ אויף איהר ברוסט און דאָרט וויינען, וויינען און קושען.

ער ווייס אָבער, אַז עס איז נישט שיין פאַר אַ יונגעל ווי ער איז צו קושען זיין מוטער...

און ער וויל איהר ענטדעקען זיין סוד, נור ער געפינט קיין ווער־טער נישט מיט וואָס אויסצודריקען איהם. נור אין האַרצען פיהלט ער איהם. און ער וויל, אַז זיין מוטער זאָל פיהלען וואָס ער פיהלט, זאָל וויסען דעם סוד, וואָס ער ווייס. און ער שטעהט און קוקט אַריין אין זיין מוטער.

— מוטער, — רופט ער גיך און שטיל.

— וואָס פערלאַנגסטו? מיין זוהן?

— דאָס איז אמת, אַז אַ מענש קאָן גאָט׳ס פּנים נישט זעהן און בלייבען לעבען?

— יאָ, מײַן זוהן. אַזוי שטעהט געשריבען.

אין „צאינה וראינה".

— און אַ יונגעל קאָן אויך גאָט'ס פּנים נישט זעהען?

— נײַן, מײַן זוהן.

— און אפילו אַז ער איז ריין פון זינד?

— יאָ, מײַן זוהן.

— און פאַר וואָס, מוטער, פאַר וואָס זאָל אַ מענש נישט אָנקוקען גאָטס פּנים? גאָט איז דאָך אַ גוטער און אַ דערבאַרימדיגער.

— ווײַל אַזוי פערלאַנגט גאָט און מען טאָר פון זײַנע מדות נישט טראַכטען.

און דאָס יונגעל שווײַגט און טראַכט אַ ווײַלע.

דערנאָך רופט ער זיך אָן:

— און איך... מוטער... איך... — און איז גלײַך פאַר גרויס שאַנדע שטיל געוואָרען.

— וואָס איז דיר געשעהן, מײַן זוהן?

וואָס שטאַמעלסט דו?

— איך... זעה גאָט — האָט דאָס יונגעל אויסגערופען.

— העהר אויף, מײַן זוהן. דו ביזט גאָר אַ גרויסער שוטה.

און דאָס יונגעל האָט זיך פערשעמטערהײט אומגעקעהרט צום פענסטער און האָט ווידער אין דער לבנה אַרײַנגעקוקט.

און ער ווייס, אַז ער זעהט גאָט — און בלײַבט לעבען.

און תּמיד זעהט ער איהם אין די שטראַמען זונען־ליכט און דער שײַנענדער לבנה, און תּמיד פיהלט ער איהם אין הארצען.

אויך אין דער שטילער פינסטערניש שפּירט ער און פאַרנעהמט גאָט'ס קול.

און תּמיד איז ער בעזונדער, געהט תּמיד אום אַלײן און רעדט מיט זײַן אייגען הארץ, מיט זײַן גרויסען סוד.

און די גאַנצע וועלט האָט ער ליעב מיט'ן גאַנצען הארצען און זעהל, אַלע האָט ער ליעב, אויף אַלץ האָט ער רחמנות,

— — — — — — — — — — — —

און דאָס יונגעל ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער; נור צוגלײַך מיט זײַן געוויקס ווערט ער אַלס שלאַפער און בלאַסער. וואָרום וואָס

מעהר ער האָט אָנגעקוקט גאָט אַלץ מעהר האָט זיך איהם נעבענקט נאָך איהם, און ער איז תמיד אײַנגעזונקען געווען אין זעהר טיפֿע, שווערע געדאנקען. ביז ער איז קראַנק געוואָרען און איז געפֿאַלען צום בעט.

און זײַן קערפּער איז געוואָרען אײַנגעדאַרט און מאָגער, זײַן פּנים מאָגער-בלאַס, נור די אויגען, וואָס זענען טיף טיף אײַנגעגראָבען אין זײַערע לעכער האָבען געשײַנט און געבליצט.

און ער ליגט ווי אַ טויטער אין זײַן קלײַן בעטיל און זעהט גאָר נישט זײַנע עלטערן שטעהען נעבען איהם, זײַנע אויערען הערען גאָר נישט זײַער וויינענדען קול.

וואָרום דעם יונגעלס אויגען זענען שטאַרק געווענדעט צו די באַלקענס פֿון הויז. דאָרט אין דער הויך, האָט זיך דער הימעל געעפֿענט און גאָט׳ס ליכטיגקײַט איז פֿערשפּרײַט אויף אַלעס וואָס אַרום, און ער קוקט און זײַנע ליפּצען שעפּצען: גאָט, גאָט וויל איך זעהען ... זעהען און שטאַרבען.

און אָט איז אַ קול פֿון אַ פֿליגלען-קלאַפּ — און דער קול איז דאָס קול פֿון גאָט, אַ קול פֿון וואונדער-געזאַנג, וואָס ער האָט עס ביז יעצט געהערט.

און זעהר אַ גרויס-וואונדער-געשטאַלט איז פֿאַר זײַנע אויגען, די געשטאַלט — פֿון גאָט׳ס פּנים.

און גאָט האָט אַראָבגענידערט פֿון די הויכע הימלען, און טויזענדער, צעהן טויזענדער מלאכים שוועבען און רינגלען איהם אַרום...

און גאָט האָט זיך דערנעהענט צום יונגעל און האָט איהם אַ קוש געטהון.

דענסמאָל האָט דאָס יונגעל געזעהן גאָט׳ס פּנים — און איז געשטאָרבען.

אויבען אין הימעל אויף העל-פֿײַערדיגע טרעפּ שטעהט דער כסא הכבוד, דער שטוהל אויף וועלכען גאָט האָט אויסגעפֿונען פֿאַר פּאַסענד צו זיצען ווען ער קומט בעווײַזען זיך פֿאַר זײַנע מלאכים און פֿאַר אַלע וואָס טוען זײַן ווילען; דער שטוהל איז געמאַכט פֿון גילדערנע פֿעדים וואָס זענען אויסגעזעצט מיט גינ-גאָלדענע שטערן, וועלכע קוקען אַרויס מיט אויגען ווי די בלויקײַט פֿון הימעל; און פֿאַר די פֿיס אַ פּורפּורנע געשטאַלט ווי די הימעל-געשטאַלט נאָך דער פֿערגעהענדער זון אין

אין מערב־זייט, און אין דער הויך א וואונדערליך שיינענדער צודעק וואס לייכט און אין דעם צודעק א גרויסע לבנה, און אין דער לבנה, א בלאנקענדער שטערן. און דער שטערן איז מעהר נישט ווי א גאלדענע־קרוין — אבער דאס פינטעלע וואס אין איהם — דאס פינטעלע וואס לויכט — איז דעם יונגעל׳ס נשמה „וואס זעהט גאט״.

און א אנגענעהמער שיין, און א טייערע ליכטיגקייט איז פון דעם בלאנקענדען שטערן, און אז ער פערשפרייט זיינע ליכטיגע שטראהלען פאלען זיי גלייך אריין אין דאס בלאע אויג פון דער לבנה, מישען זיך און לויכטען צוזאמען, און ווערען א וואונדער־שיינונג. און א וואונדערליכער כח איז בעהאלטען אין דער ליכטיגקייט פון יענעם שטערן, וואס קעהרט אום שלעכט׳ס אויף גוטס, און ווער נור עס בליקט אויף איהם ווערט זיין געמיט אומגעקערט צום גוטען.

און אז גאט זעצט זיך אויפ׳ן שטוהל משפט׳ן די זינדיגע, שיקט דער בלאנקענדער שטערן זיינע לויכטענדע שטראהלען אויף גאט׳ס פנים און באלד ווערט אומגעקעהרט די מדה פון דין אויף דער מדה פון רחמים.

און דער שטערן איז דעם יונגעלס נשמה.
און דאס יונגעל זעהט דארט גאט — און לעבט.
לעבט אייביג.

יעקב שטיינבערג .

עלעגיע.

פ׳שווימען זילבער-וועלען שטיל זיך
טעלאנכאלישע, פערטראכטע ;
פרעלען הערען זיך פערבייטנקטע ;
ד׳אויגען ווערען פייכטע .

אינזאם ווי דאס זילבער-טייכעל
פליעסט מיין שטילע יוגענד ;
ווי דאס מורמלען פון די חוואליעס
איז מיין ליעד נור קלאגענד .

פליעסט אייך , פליעסט אייך , ליעבע וועלען
נעהמט אויך מיינע טרעהרען ;
איהר וועט האבען פערעל טעהרער —
מיר וועט גרינגער ווערען . . .

*   *
*

ב׳האב קיין לאמפ ניט אנגעצונדען ,
וויל איך גלויב ניט אין זיין ליכט ;
ביי די שאטענס , אין דער פינסטער ,
וועבען וועבט זיך מיין געדיכט . . .

קיינעם פרעהט ניט זיין געבוירען ,
ווי דעם קבצן׳ס ארים קינד ;
אויף זיין פינסטער-ביטער מזל
וויינט און קלאגט נאר צו דער ווינד .

* *
*

הימלען בלאָהע — תּכלת סאַמעט,
אויגען בלויע — סאַמעט ווייכער,
גלעמען צערטליך זייערע בליקען,
ווערט מיין פּנים טרוימיש־בלייכער.
בוימליך ווייסע — פריהלינג, כּלות
מיידלעך ווייסע — צנועות גאַלע,
פרישע, יונגע, ציכטיג־ריינע, —
און איך ליעב זיי אַלע, אַלע..
ס'באָדט אַ וואָלקען זיך אין ראָזען,
טובל'ט זיך אין גינגאָלד, שווענקט זיך —
אין אַ ראָזען ליעבע־טייכעל
מיין נשמה פלאַטערט, טרענקט זיך...

* *
*

ס'שפּאַלט די וואָלקענס די לבנה,
פאַסט זיי איין אין זילבער־צויבער;
ווי דאָס פּנים פון אַ קדוש
ווערט דער הימעל מילדער־זויבער.
עפּיס ווערט אויך וואַרים, ליכטיג
טיעף דאָרט, פיהל איך, אין מיין האַרצען;
ליעבע־שטראַהלען זיס פערוועבען
מיין נשמה־וואָלקען, שוואַרצען...

יאָם

וש. ראָרענבאַך.

יאָאַם האָט שוין אַ היבשע צייט געוואַרט אויף נילל'ען נעבען גרויסען דעמבענבוים ביים שיידוועג. זי האָט היינט פערשפּעטיגט געגען איהר געוועהנהייט, וואָס קען דאָס זיין? יאָאַם איז אַ ביסעל געווען אונרוהיג. דער בין־השמשות וואָס איז געפאַלען אויפ'ן קליינעם זעלאַנדאינזעל, ווי שוואַרצער לייכטער טול, האָט אַרויפגעבראַכט אויף איהם אַ אומעט. דער אינזעל מיט זיין פרישע פאַרב פון אַ גאָרטען צווישען וועלען, פון אַ בוקעט צווישען דעם אונרוהיגען שום פון צפון־ים, איז בלאַס געוואָרען. יאָאַם האָט געפיהלט ווי דער אָוועגד דרינגט אַריין אויך אין איהם. נאָך קלערער האָט אָבגעקלונגען דעם ים'ס אייביגעם מורמלען געגען די דונעס, אַרום אינזעל. דער אומעט פון מענשען'ס האַרץ, וואָס זעהט דעם אָוועגד אָנקומען און האָט ניט קיין ליעבע• נאָר יאָאַם האָט ליעב געהאַט נילל'ען, זיין שענע כלה. ביי זיי איז שוין געווען אַ קנין. זיין מוטער, וואַרוואַרע לאַם, איז שוין דורכגעקומען מיט איהר פאָטער, פעטער דע רעלא. אויב זיי האָבען דאָך אָבגערעדט זיך צו זעהן בשתיקה, ווייט פון דער היים, אויסען שטאָדט, אין אָוועגד איז דאָס געווען נור כדי נאָך מעהר אויפצורייצען זייער ליעבע, שאַפענדיג זיך די אילוזיאָן פון געשטערטע פערליבטע; כדי צו שפּיעלען זיך אין סודות, אין בעהעלטעניס, אין סכנות, און אגב אויך דערפאַר, ווייל עס איז דאָ זאַכען, וואָס די געליעבטע פיהלען און זאָגען איינער דעם אַנדערן נור פאַר דעם געריכט פון דער נאַטור און פון דער נאַכט. חוץ דעם איז שוין געווען אַ אַלטער מנהג אויפ'ן אינזעל פיהרען אַ ליעבע ביי דער גרויסער דעמבע פון שייד־וועג. קיין פּאָרל האָט איהם ניט אויסגעמידען.

דער בוים האָט אויסגעזעהן אונגעוועהנליך; שוין עטליכע הונדערט

יאָהר אַלט, בלישצענדיג פון אַזוי פיעל איינגעזאַפּטע יאָהרען, אויסגעטריקענט ווי פאַרמעט פון הונדערטער דונערן. די קאָרע איז געווען אין קנייטשען, דיק, ווי מינעראַל־אָדער. דער שטאַם האָט אויסגעזעהן ווי אויסגעשניטען פון אַ פעלז. אונדייטליכע און פערפּלאָנטערטע צווייגען זיינען אַרויסגעגאַנגען פון שטאַם, האָבען זיך בעהעפט איינער אין אַנדערן, האָבען זיך אַלץ פערמעהרט. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ סקעלעט פון אַ קלויסטער: דער שטאַם ווי אַ הויכער זייל; די בלעטער ווי אַ סטעליע; די צווייגען קיילעכיג געוועלבט; צווישען די צווייגען שטיקליך הימעל, ווי גלאָז צווישען שטיינערנע ראָגען; אין דערזעלבער צייט האָבען די בלעטער זיך בעוועגט ווי ליפּען, מיט אַ שטילען געריוש פון אַ געדיכטען, דאַוונענדען עולם מענשען.

אַ אונבעוועגליכער עדות, האָט די דעמבע געזעהן אונטער זיך געליעבטע פון אינזעל. אַ ביסעל האָט זי שוין פערגעסען, צייט יאָהר־הונדערטער, אַביסעל האָט זי נאָך געדענקט אויך. פיעל האָט זיך פערגלוסט צו לאָזען נאָך זיך אַ אָנדענקען אויף דער גאַנצער לענג פון זיין ברייטען שטאַם, אויף זיין קאָרע, פול סודות, ווי אַ מענשענס זכרון. ליעבעססצייכענס. אויסגעקריצטע הערצער, סימבאָלישע סימנים, אויסגעשניטענע ראשי־תובות. אַ טייל האָט זיך אָבגעמעקט, אַ טייל איז איבערגעבליבען, אַ טייל איז פערלאָרען געגאַנגען. אַ בית־עלמין פון נעמען...

• יאַאָס האָט געקוקט, געלייענט, ער האָט געזוכט ניללע׳ס שענעם נאָמען, וואָס ער האָט אויסגעקריצט מיט׳ן שפּיץ מעסערל, נאָך אין אָנהויב פון זייער ליעבע. יעצט האָט דער נאָמען געדאַרפט איינוואַקסען אין דער קאָרע, ווי ביי איהם אין הארצען. ער האָט איהם ענדליך געפונען, ווירקליך גרעסער, אָבער ניט אַזוי דייטליך; די אותיות האָבען זיך כּ׳ורצויגען מיט אַ גרינקייט, אָנשטאָט די פריהערדיגע ווייסקייט פון ענטבלויזטען האָלץ, יאַאָס האָט מיט׳ן מעסערל בענייט ניללע׳ס נאָמען אויפ׳ן בוים, און באַלד האָט דאָס ווידער געבלישצעט, ניי און פריש, ווי אַ בעגאָסענע פלאַנצונג אויף דעם בית־עולם.

אין דער מינוט איז אָנגעקומען ניללע.

—וואָס פאַר אַ נייעם נאָמען שניידסטו דאָ שוין אוים, דו שלעכטס?

—איך קלייב נחת פון דיין נאָמען. דיין נאָמען איז ווי דיין געזיכט.

ער האָט זי אַרומגענומען, זיי האָבען זיך צונויפגעדריקט פעסט אין די אָרעמס. זיי האָבען זיך צוגעזעצט אויפ׳ן באַנק, וואָס האָט זיך

געצויגען ארום דעם ריזיגען בוים. מיט אימפעט איז אנגעפאלען דער אווענד. דער נעבעל האט זיך געוויגט איבער דער פלאכער ערד. סטאדעס שאף האבען זיך אומגעקעהרט פון די פעלדער, אויך אונקלאר, ווי א געדיכטער נעבעל, וואס האט זיך צונויפגעפרעסט אין עטליכע ערטער און האלט ווידער ביים פערשווינדען. א לעצטער ליכטיגער וואלקען איז דורכגעצויגען, פון וועלכען דאס גאלד איז פערשוואונדען. די מיהלען האבען זיך א ביסעל פערהאלטען נאכהער, אבגעשטעלט אינגאנצען און פונאנדערגעפענט זייערע גרויסע שווארצע צלמים אויף דער טרומנע פון דער נאכט. פון דער דערבייאיגער שטאדט האבען זיך גלאקען-קלאנגען געהערט. דער ים האט אנגעהויבען זיינע בייזאכטיגע טענות צו די אינזעל-ברעגען.

ס'אר א בעדייטונגס-פולע בעטרונקענהייט די אנקומענדע נאכט גיט צו דער ליבע! ווי זיס איז זיך צו פיהלען זאלבעגאנד, ווען אלץ ארום פערבלייכט, פערשווינדט, פערזינקט אין די פינסטערניש, וועלכע איז די בעגרייפבארע פארב פון דעם ניט-זיין, און אין דרעמעל—דעם האלבען טויט. אלע געליבטע האבען דעם בעגריף דערפון, און זוכען איינע די אנדערע, ווען ס'הויבט אן דעמערן.

ניללע האט זיך איבערגעגעבען דער זיסקייט פון דער רגע, יאאס האט זיך איבערגעגעבען דער זיסקייט פון ניללע'ן און נאך אמאל האט זיך אנגעהויבען דער אייביגער שיר-השירים.

— לעג אונטער דיין לינקע האנד אונטער מיין קאפ און מיט דער רעכטער גלעט מיין געזיכט, — האט ניללע געזאגט.

יאאס האט אויסגערופען: „דו ביזט דורכאוים שען, פריינדין מיינס! דיינע ציינער זענען ווי פישלעך, מיט זילבערנע פלוספעדערן, וואס ווייזען זיך און בעהאלטען זיך אין קאנאל. דיינע ליפען זענען רויט, ווי די ציגעל פון אונזערע דעכער. דיינע האהר זענען בלאנד ווי די שטרוי-זאנגען, וואס בעדעקען אונזערע שטאלען. דיינע הענד זענען ווי פליגעל פון דער מיהל, און דער ווינד קלייבט פון זיי נחת.

ניללע האט אויסגעהערט, צופרידען, און בעוועגט פון אזא געטליכען געפיהל, וועלכער האט, דוכט זיך, אבגעשטערט דאס בלוט אין הארצען!

— ניללע, וואס איז מיט דיר? דו ביזט בלאס? — האט יאאס געפרעגט עטוואס אונרוהיג.

— דאס שלאגט אב די לבנה, וואס האט זיך אויף מיר פערקוקט.

— און איך האב זיך אויך אויף דיר פערקוקט, ווי שען דו ביזט נאר, מיין געליעבטע, ווי עס קליידט דיר דיין שפיצענער קראגען! ווי דיין זיידען טיכעל בלישצעט, ווי דיין קלייד ווארפט זיך ארום, ווי א גלאק, און דיין ציערונג, דיינע אוירינגליך, דיין שטערען־באנד, די ברייטע רינגען, וואס האלטען דיינע פינגער, ווי אין א שיידעל. דא, ווען די זון איז אזוי קארג פערשפרייטסטו ליכט און לעבען. מיט דיין געזיכט, צי מיט דיין ציערונג? קיין חילוק ניט! קיינער טראגט נאך ניט ווי דו די פארצייטיגע קליידונג פון אונזער אינזעל! קיינער איז ניט אזוי שען ווי דו!

נילע האט אויסגערופען:

— אויך דו, דו ביזט שען! מיין געליעבטער איז צווישען אלע יונגע לייט, ווי די דעמבע ביים שייד־וועג צווישען די איבעריגע בוימער פון אינזעל. כ'האב געדורשט נאך דיין שאטען, און אט האב איך איהם.

יאאס און נילע האבען זיך ווידער ארומגענומען און האבען מעהר ניט גערעדט...

דאס האט געווירקט דער כשוף פון דער דעמבע ביים שייד־וועג. פון קומען אהער איז געוואקסען זייער ליעבע. די ליעבע איז א פליסיגקייט, זי בעוועגט זיך און ווערט פערגליווערט אויף געוויסע פונקטען. א בוים האט אין זיך אפטמאל א מין מאגנעטישע פליסיגקייט. עס זענען דא בוימער, בעלאדען מיט גלויבען, וואו עס געשעהען וואונדער אין נאמען פון הייליגע, וועלכע פערשפרייטען ארום זיך גלויבען. אזוי איז אויך די דעמבע ביים שייד־וועג געווען בעלאדען מיט ליעבע; די גאנצע ליעבע, וואס מיליאנען געליעבטע זייט הונדערטער יאהרען, האבען אויסגעשטראהלט פון זיך, האט דער בוים איינגעזאפט, איינגעעטעמט, צומישט מיט זיינע זאפטען, מיט זיינע ווארצלען, זיין שטאם און בלעטער. ער האט געלעבט אין ליעבע, ווי אין א בעזונדער אטמאספער. די ווארימקייט האט ער געהאט פון די קושען, רעגען — פון טרעהרען. און איצט איז ער דורכאויס ליעבע, ער טיילט אויס פון זיך דאס, וואס ער האט אין זיך איינגענומען.

יעדער ארט וואו געליעבטע טרעפען זיך: א גראט, א ברעג פון טייך, א אבגעזונדערטע באנק, — דאס אלץ קען דורכלאזען דורך זיך די עלעקטריציטעט פון ליעבע. נאר איבערהויפט טרעפט דאס ביי בוימער: דאס איז א נאטור־געהיימניס, א זכר געירשנ'ט פון

גן־עדן, וואו ס'איז פארגעקומען אויך די איינציגע מענשליכע דראמע, אימער דיזעלבע אונטער א עהנליכען בוים, וואס ווייסט פון גוטס און בייזעס, פון אלע פריידען און פון אלע ליידען. אונטער דעם גרויסען בוים ביים שייד־וועג האבען יאאס און נילליע ווידער פערזוכט דעם גן־עדן!

כשוף פון אונשולדיגער ליעבע! זייערע פינגער האבען זיך צונויפגעוועבט, אבער ניט פיבערהאפט, ווי די איינצעלנע האהר פון א מיידעל, ווען זי פלעכט זיי צונויף אין א קנויל. לאנג האבען זיי געשוויגען, געפינענדיג אין שווייגען דאסזעלבע גליק, ווי אין ריידען. נאכהער ווידער גערעדט, שטיל, אום ניט צו פערטרייבען די לייכטע און זיסע געדאנקען, וואס זענען צווישען זיי געבארען געווארען. די צייט איז אוועקגעלאפען... נילליע האט געוואלט אוועקגעהן. יאאס האט זיך געבעטען:

— בלייב! נאך א ביסעל. געה ניט אוועק, איידער דאס לאנד וועט ניט ווערען גוט שווארץ, איידער דיינע אויגען וועלען ניט ווערען טיעף־שווארץ.

ער האט איהר אנגענומען, האט איהר פערווארפען דעם קאפ: „דיינע אויגען זענען נאך ליכטיג: איך זעה אין זיי דעם בוים, וואס שיינט אב אינגאנצען, פון אויבען ביז אראב, ווי אין א וואסער. איך זעה אלץ ארום, די ווייטע פערמעס, די מיהל, וואס דו קוקסט אויף איהר, און זיך אויך, אין דיינע אויגען... איך לאך צו זיך אליין... געה ניט אוועק, ביז וואנען איך וועל זיך מעהר נישט קענען זעהן." נילליע האט צוגעשטימט, „גוט! לעג אונטער דיין לינקע האנד אונטער מיין קאפ, און מיט דיין רעכטער גלעט מיין געזיכט."

א גליקליכע רגע! זייער ליעבע האט זיך בעגעגעט אין זייערע אויגען!

פלוצלונג, האבען זיך אין דער שטומער איינזאמקייט דערהערט שטימען, געשרייען, הייזעריגער געזאנג. די שטילקייט איז געפייניגט געווארען... דאס איז ניט געוועזען דער בעקאנטער לשון פון אינזעל. יאאס און נילליע האבען אנגעשטרענגט דעם אויער, דער גערויש איז שוין געוועזען גאר נאהענט, סילועטען האבען זיך אויסגעטיילט ניט קלאר אין שאטען, יאאס האט זיי דערקענט.

— דאס זענען די פרעמדע געקומען, וואס ווילען דא בויען א אייזענבאהן...

דאס זענען זיי טאקע געווען. מיט א מינוט שפעטער האבען זיי זיך דורכגעלאזט פארביי דער באנק, וואו יאאס און נילע זענען געארעמט געזעסען. אלע זענען געווען שכור און האבען בעשאטען די הערצליך פערליעבטע מיט גראבע ווערטליך, מיט א הויכען געלעכטער, מיט מיאוסע הועיות, מיט צווייטייטיגע וויצען. יאאס האט געציטערט פאר נילען. ער אליין האט זיך געפיהלט ווי פערווארפען מיט שמוץ, ווי מען וואלט פון איהם אראבגעריסען די נעבעל-בלויע קרוין, מיט וועלכע דער אונפערגעסליכער אווענד האט זייערע ביידענס שטערענס בעפוצט. ער האט געברומט אונצופרידען: „די פערשאלטענע אויסלענדער!"

נילע האט זיך אויפגעהויבען אוועקצוגעהן. זיי האבען ביידע געהאט דעם געפיהל, אז זייער ליעבע איז געווארען ווי דאס וואסער פון קאנאל, וואס האט דורכגעשניטען דעם אינזעל, ווען מען ווארפט אין איהם שטיינער, און עס ווערען צושטערט די שענע אבשפיגלונגען. די אויסלענדער האבען געשליידערט שטיינער אין זייער ליעבע.

II

די אויסלענדער.

ארום פינף א זייגער נאכמיטאג פלעגען זיך שטענדיג צוזאמענקלויבען ביים פאסטאר טיטעקא עטליכע גוטע פריינד. דעם פאסטאר'ס הויז איז געווען דאס שענסטע, אויפ'ן ראג פלאץ, מיט א שפיציגען א דאך, מיט די פולע פענסטער, פערשטעלט מיט פארצייטיגע רויך-בלויע עקראניען... —

דער פאסטאר איז געווען גאנץ תקיף. ער איז געווען פון די פיינסטע מענשען אויפ'ן אינזעל. זיין פאטער און זיין זיידע זענען אויך געווען פאסטארען. ער האט פערקערפערט אין זיך די גאנצע טראדיציע, אלע אלטע מנהגים, אלע היסטארישע זכרונות. ער האט מעהר פון אנדערע זיך פעסט געהאלטען אן דעם נאציאנאלען גייסט, אן די אונבעריהרליכע אבהיטונג פון אינזעל, וועלכע האט מיט עפעס א נס

ביז אַהער ניט פערענדערט זיין בעזונדער פייזאַזש, פיהרונגען, קליי־דונג. דער פּאַסטאָר טיטעקאַ האָט זיך אַליין אויסגעוויזען פאַר אַ טרייען היטער פון דער פערגאַנגענהייט. אין זיין הויז איז געווען פון אַלדאָס גוטס, נאָר קיין ברעקעל ניי־מאָדישע מעבעל: בלויז קופּערס, זעלאַנדישע בופעטען, מיט אַלטע שניצונגען פון בלעטער און רויטע טולפּאַנעס; דעמבענע פּאָליצעס מיט פערשיעדענע וואַזען, ביער־קאַ־ראַפען, צינענע טעלער מיט זייער מאַטאָווען ליכט, ווי דער אָבשיין פון זילבער. שטענדיג האָט געברענט אַ פייער־טאָפּ, אויף וועלכען עס האָט זיך געוואַרימט טהיי פאַר די געסט. די געסט האָבען זיך גע־רויכערט ציגאַרען, נאָר דער פּאַסטאָר, אויס טרייהייט צו די אַלטע מנהגים, האָט גערויכערט זיין לאַנגע ווייסע פּאָרצעלייענע פּיפּקע, אויף וועלכער ס'איז געווען אויסגעמאָלט אַ שיף. דער רויך האָט זיך געוועלבט אויבען, האָט בעשאַפען געהיימניספולע אַראַבעסקען, ווי די ליניעס פון האַנד, ווי אונזער מזל. אַזוי האָט זיך אויך געצויגען דאָס געשפּרעך. אָפטמאָל פלעגט מען זיך ווײַלען מיט מוזיק. דער אָר־גאַניסט פון קלויסטער, וואָס איז געווען פון די שטענדיגע געסט, פלעגט זיך זעצען ביי דער אַלטער קלאַוועסינע און דער פּאַסטאָר פלעגט איהם בעגלייטען אויף אַ פידעל, פלעגט קלייבען פערגעניגען פון אַ וועלכען ס'איז אייגענעם מאָטיוו, פון אַ פאָלקס־ניגון, פון אַ ליע־דעל, וואָס די קינדער זינגען ווינטער, גליטשענדיג זיך אויפ'ן אייז פון קאַנאַל:

די פישליך איז וואַרים אין וואַסער פון אונטען,
אונז, יונגלעך, איז וואַרים זיך גליטשענדיג אויבען.

דאָסמאָל האָט מען ניש גערעט וועגען מוזיק. דער בורג־מיסטער, אַ אָפטער איינגעהער, האָט געבראַכט איבעלדיגע נייעס: אין טראַקטיר „די האַלבע לבנה״ איז נעכטען פאָרגעקומען אַ גרויס געשלעג.

דער פּאַסטאָר האָט זיך געוואונדערט:

— וואָס! פּיטער ראַיו'ס טראַקטיר? דאָס איז דאָך איינער פון די אַנשטענדיגסטע. איצטער האָט דאָרט געוויס געדאַרפט זיין מלא שמחה, ווען די שענע ניללע איז אַ כלה מיט דעם פערמער יאָאָס.

— גאַנץ ריכטיג, האָט געענטפערט דער בורגמיסטער: נעכטען

האָבען דאָרט יונגע לײַט געפּראַוועט אַ קנין. אין מיטען זענען אָנגעקומען די אויסלענדער, האָבען געוואָלט אַרײַנמישען זיך אין דער שמחה, האָבען פערטשעפּעט די מײדליך... ס'איז דערגאַנגען צו מעסערס, ס'זענען געפאַלען עטליכע פערוואונדעטע.

דער פאַסטאָר איז געווען אויסער זיך: „ווידער די אויסלענדער! איך האָב שטאַרק מורא, אַז זײ זאָלען אונז נישט ברענגען אַלע צרות. פאַרוואָס האָט מען זײ גאָר געלאָזען אַרײַנקומען? פאַרוואָס האָט מען צוגעשטימט צום אײַזענבאַהן. אויף דער אינזעל האָט מען געלעבט גאַנץ גליקליך!"

דער אָרגאַניסט, וואָס האָט געהאַט אַ טבע אַ ביסעל צובאָמקען צו דעם פאַסטאָר'ס רייד, האָט בעמערקט: „אמת, מיר קענען איצט פערלירען אונזער גאַנצען אײַנגעאָרטיגען לעבען. ס'איז אַ נס, וואָס מיר האָבען ביז איצט אויסגעמידען..."

טיטעקאַ האָט ערקלערט: „דאָס דאַרפען מיר דאַנקען דעם ים. נאָר עטליכע אינזלען זענען געבליבען, ווי געווען, דער ים בעשיצט זײ, זונדערט זײ אָב. מען זאָגט אַז זאַלץ מאַכט דויערהאַפט. מיר האָבען זיך אײַנגעהאַלטען מיט דעם זאַלץ פון ים, וואָס איז אַרײַנגעדרונגען אין אונזערע דיונעס און ברעגעס. איצט, אַז מען וועט דורכפיהרען די אײַזענבאַהן, און מען וועט אָנשיטען אַ פאַס ערד ביז צום ברעג, וועלען מיר שוין נישט זײַן אָבגעזונדערט און וועלען מעהר ניט קענען האָבען קײן קיום.

— טאַקע, האָט דער אָרגאַניסט נאָכגעזאָגט; מיר האָבען געדאַרפט אַראָבוואַרפען אין ים די פרעמדע, ווי זײ זענען נאָר אָנגעקומען. איצט איז שוין צו שפּעט, דאָס אומגליק איז שוין צווישען אונז.

דער בורגמײַסטער איז געווען אונרוהיג: „אפשר טרײַבט איהר איבער".

אמת, די לעצטע מחלוקת צווישען אונזעריגע פלעגט קײנמאָל נישט דערגעהן צו מעסערס. דאָס ערשטע מאָל איז בײַ אונז פערגאָסען געוואָרען בלוט. מיר האָבען קײנמאָל קײן פערברעכען נישט געהאַט אויפ'ן אינזעל. און קײן זעלבסט-מאָרד. דער עקעלהאַפטער טויט מיט'ן אײגענעם ווילען איז בײַ אונז אונבעקאַנט.

— בלוט איז גורם בלוט, האָט דער פאַסטאָר געזאָגט: עס וועלען ווידער אויסברעכען קריגעג, און פערברעכען, און זעלבסט-מאָר-

דען, דאס איז די ציווילזאציע! דאס רופען זיי פראגרעס!

דער בורגמייסטער האט מודה געווען: „ריכטיג, די אלע פרעמדע ארבייטער, זייערע אויפזעהער, די אינזשיניערען האבען טאקע פערדארבענע זיטען. טאג-טעגליך, איבערהויפט זונטאג, בעגעגענט מען זיי שכור'ע אויף די וועגען. די אונזעריגע טרינקען שוין אויך, מהיען זיי נאך".

טיטעקא האט אונטערגעהאלטען: „נאכטהון דעם אנדערן — דאס ליעגט אין דער נאטור! מען וועט זיי אין אל'ץ נאכטהון. ס'וועט באלד דערגעהן צו אונזער קליידונג אויך, צו אונזערע קאסטיומען, די ציהרונג און דער רוהם פון אונזער אינזעל!"

זיי האבען זיך אלע פערטראכט. א, דער קאסטיום — דאס איז די אונבערירהרליכסטע טראדיציע פון אור-אור-עלטערן. און וואו געפינט מען נאך א שענערע טואלעט פאר זייערע פרויען: א ברייט יאקעל, ווי א געהיימניספול געצעלט, א געבלימט טיכעל, א בונט קאראלען. און דער געריומער ראק אויף עטליכע אונטערקלעך, וואס האט זיי צוגעגעבען די עהגליכקייט צו וועלאסקעצ'עס פרינצעסינס. און די פוצונג אויפ'ן קאפ, דורכגעפלאכטען מיט שפיצען און בענדער, בעלעבט דורך היינגלעך ציהרונג! נישט ערגער איז געווען דער אנצוג פון די מענער: א קורצע שווארצע וועסט, שווארצע הויזען אויף א אויסגענייהטען גורט, א בלישצענדער זיידענער קראוואט מיט א פינקלענדער שפילקע אין מיטען. דארפען זיי דען זיך ענטזאגען דערפון, וואס מאכט זיי פאר די איינציגע אין דער וועלט?

דער בורגמייסטער האט געשטערט דאס שטילשווייגען, וואס איז געווען צו גינסטיג פאר די אומעטיגע געדאנקען, וועלכע זענען געהאנגען אויף זיי, ער האט מודה געוועזען נאך א ערגערע זאך.

— נישט גענוג, וואס די פערשאלטענע אויסלענדער האבען איינגעפיהרט שכרות צווישען אונז, ווילען זיי נאך אריינברענגען זנות.

— אט האט איהר פאקטען, האט ווייטער געזאגט דער בורגמייסטער: ביז אהער, ווייסט איהר דאך, האבען די פרויען זיך פערהאלטען צו זיי מיט אונצוטרוי. זיי האבען ערוואַרט א אנדער קבלת-פנים. נאר דאס זענען היציגע, צולאזענע יונגען. זיי דארפען האבען געליבטע. נישט קענענדיג קיין זאך מאכען דורך פערפיהרען און בעטריגערייַ, האבען זיי אויסגעפרובט געלד. איך ווייס, זיי האבען עס פארגעלעגט איניגע פרויען. יענע האבען זיי אבגעשטויסען

מעהר מיט פערוואונדערונג, ווי מיט כעס. זיי האבען דאס נישט גע־קענט פערשטעהן, אז א פרוי זאל זיך אבגעבען וועמען ס׳איז, ווע־מען זי האט נישט ליעב און אז מען זאל קענען נעהמען א מענשענס קערפער פאר געלד.

— איך האב געזאגט, אז א אומגליק איז צוזאמען מיט זיי אריינגעטראטען אויף אונזער אינזעל, האט ארויסגעזאגט דער פאסטאר.

— אונזער מוסטערהאפטע אינזעל! האט צוגעגעבען דער בורג־מייסטער, ווען איך גיב נאר א קלער, אז ביי אונז זענען קיינמאל קיין ממזרים נישט געווען. אין ניכען וועט דאס אונז שוין נישט פעהלען.

— דערווייל האבען מיר שוין שכרות, זנות — די ערשטע מתנות פון דער ציוויליזאציע — נישט רעכענענדיג שנאה, האט גע־זאגט דער פאסטאר. שנאה איז איצט אומעטום אויפ׳ן אינזעל. פרי־הער האט יעדער געהאט א קליינע בעל־הבית׳ישקייט, לפי ערך א גלייכע, יעדער האט זיך געלעבט צופרידען, האט זיך געפיהלט גלייך מיט לייטען. די אויסלענדער האבען דאס צושטערט. אנטראגענדיג צו אונז זייער אייזענבאהן, האבען זיי דא איינגעקויפט א שטיקעל ערד, דא צוברעקעלט, די גיטער האבען זיך אינגאנצען געביטען. איי־נער האט בעקומען א גראבע מטבע פאר זיין שטיקעל ערד, און איז מיט אמאל געווארען א קצין. ביים צווייטען האט זיך דער ווערט פון זיין ערד מיט אמאל געהויבען, ווייל עס איז נאהענט צום וואקזאל, צו די נייע געביידעס. אנדערע, פערקעהרט, זענען פעראריימט געווא־רען. עס איז געווארען א פאלשטענדיגע איבערקעהרעניש. ברידער, וואס האבען פריהער בעקומען א גלייכע ירושה, זענען געווארען אב־געטיילט. אומעטום פלאקערט אויף די שנאה, אין אלע דערפלעך, אין אלע משפחות. איך האב געפרובט אריינמישען זיך דא, דארטען, מאכען ווי עס איז שלום, עס הויבט זיך נישט אן. די מטבע האט גע־קראגען די ממשלה. אלע תאוות האבען זיך אבגעבונדען פון קייט.

דער בורגמייסטער איז געווען צוקלעמט פון די אלע מעשים. ער האט זיך אליין געפרובט בערוהיגען, און האט געזאגט צום פאס־טאר: „אפשר וועט זיך דאס מיט דער צייט אליין איינארדנען?"

— א, ניין! האט געענטפערט מיטעקא: דער חורבן איז גרויס. זעהט נאר, ווי אונזער לאנד ווערט העסליכער. די אויסלענ־דער וועלען איבערפיהרען דעם גייסט, ווי זיי פיהרען איבער די

לאַנדשאַפט, זײַ האָבען צופערטעלט אונזערע פעלדער, האָבען פערשאָטען אַ טײל קאַנאַל, אויסגעהאַקט אַלטע, געדיכטע וועלדער. זײַ פיהרען זיך ווי אין אַ אײַנגענומענעם לאַנד, די אינזעל געהערט שוין נישט אונז, זי איז זײַערע.

עס איז געוואָרען שטיל. דערווײַל איז צוגעפאַלען דער אָוועגד. דער פּאַסטאָר האָט אפילו פערגעסען אָנצוצינדען די לאָמפּען. אַ חמאָרע האָט זיך אַראָבגעלאָזען אויף זײַ און האָט זיך געצויגען פון זײַ. די נאַכט און דער יאוש האָבען זיך בעגעגענט.

דער פּאַסטאָר האָט זיך געשטעלט, גלײַך ווי ער וואָלט אָנגענומען אַ פלוצלונגען בעשלוס, זיך אַנדערש נישט צו צושטרײַען, פערטרײַבען די טרויעריגע ווירקליכקײַט. ער איז צוגעגאַנגען צו זײַן פידעל אין פוטליאַר. די פידעל האָט אויסגעזעהן אין דעם לאַנגען פוטליאַר, ווי אין אַ טרומנע, די פידעל, וואָס האָט געשפּיעלט אַזוי פיעל פרעהליכע, אַלטע ניגונים.

דער פּאַסטאָר האָט אויסגעקליבען נאָטען פאַר דעם אָרגאַניסט, וועלכער איז שוין געזעסען בײַ דער קלאַוועסינע. זײַ האָבען אָנגעהויבען צו שפּיעלען, ווי זײַ וואָלטען וועלען מיט דער פערגאַנגענהײַטס-מוזיק צודריקען די געגענוואַרט — און ראַטעווען די אינזעל.

דער מאַרק-טאָג.

דאָס איז געווען די פרעהליכע יריד-צײַט, נאָך די שניט-אַרבײַט. פון די נאָהענטע און ווײַטסטע דערפער האָט מען זיך געצויגען צום שטאָדט. אַלע וועגען זענען געווען פערפּלײַצט מיט הײַמישע פוהרען ווינקעלדיגע און אויסגעהוילטע, פון אָריגינעלער פאָרם, די פאָרם פון אַ פּאַלאַנקין און אַ אַמאָליגען שיף צוזאַמען. אויפ'ן גרויסען פּלאַץ האָט מען אויסגעשטעלט בײַדליך, באַלאַגאַנעס, הילצערנע פערדלעך. אַלץ איז געווען פול געפּאַקט מיט לעבענסלוסטיגע הויפענס מענשען, גליקליכע בעוואוינער פון אינזעל.

יאָאָס איז געקומען אַהער מיט זײַן אַלטער מוטער, וואַרוואַראַ לאָס, וועלכע איז געווען אַ ביסעל דערשראָקען פון דעם גרויסען טומעל און האָט זיך קוים געהאַלטען אויף איהרע אַלטע פיס. זײַ האָ-

בּעֶן אָבגעֶרעֶדט צוּ טרעֶפעֶן זיִך מיִט ניִלל׳עֶן איִן אַ גרויסעֶן טראַקטיִר. זײַ האָבּעֶן איִהר שוֹין דאָרט געֶפוּנעֶן איִן אַ קרײַז מײַדליִך, וואָס האָבּעֶן זיִך, נאָך דעֶם היִגעֶן מנהג, געֶהאַלטעֶן פעֶסט פאַר׳ן טאַליעֶ, אויסגעֶצויגעֶן איִן אַ שמאָלעֶן, לאַנגעֶן ראָנד. ניִללעֶ האָט זיִך אָבגעֶטײַלט, איִז צוּגעֶגאַנגעֶן צוּ זײַ, פעֶררויטעֶלט... זיִ איִז געֶוועֶן אָנגעֶטהוּן איִן איִהרעֶ בּעֶסטעֶ זאַכעֶן. יאַאָס האָט זיִך געֶשפּיִגעֶלט איִן איִהר גאָלד=ציִערוּנג, איִן איִהרעֶ אויגעֶן, קלאָרעֶ, וויִ גאָלד. מעֶן האָט געֶנוּמעֶן טאַנצעֶן אוּנטעֶר דעֶר מוּזיִק פוּן אַ אָרגעֶל, מיִט זײַנעֶ בּרײַטעֶ בּרויזעֶנדעֶ טעֶנעֶר, וויִ פוּן ים. דאָס איִז געֶוועֶן אַ מיִן וואַלס. מעֶן האָט צוּגעֶשאַרט מיִט דיִ פיִס אוּן געֶעֶנדיִגט מיִט אַ קוּש. דיִ יוּגעֶנד האָט געֶטאַנצט פרײַ, ליִעבּעֶפוּל, זיִך געֶהמעֶנדיִג אָפט איִן דיִ אָריִמס, ווײַל איִן דעֶם טאָג איִז אַלץ געֶוועֶן עֶרלויבּט, הײַנט פלעֶגט פאָרקוּמעֶן דעֶר גרעֶסטעֶר טײַל בּעֶקאַנטשאַפטעֶן אוּן שידוּכים. פיִנגעֶר געֶפלאָכטעֶן צוּזאַמעֶן! ליִפּעֶן, וואָס זוּכעֶן דיִ אַנדעֶרעֶ! אוּן דאָך אַזוי אײַנפאַך, אַזוי צוּגעֶפּאַסט צוּ דעֶר אײַביִגעֶר איִדיִליעֶ! קיִנדעֶרשעֶ ליִעבּעֶשפּיִעלעֶן, למשל, צוּטראָגעֶן אַ מײַדעֶל אַ גלעֶזעֶל ליִקעֶר, האַלטעֶנדיִג דאָס גלעֶזעֶל צוויִשעֶן דיִ צײַהן, ווען דאָס מײַדעֶל טריִנקט אוּן רוּקט דעֶרבּײַ נאָהעֶנט צוּ איִהר געֶזיִכט.

טריִנקעֶן טריִנקט מעֶן דאָ איִבּעֶרהויפּט אַ פעֶטעֶן געֶדיִכטעֶן ליִקעֶר, שיִדאַם, וואָס האָט דעֶם קאָליִר פוּן דעֶר זוּן איִן נעֶבּעֶל, וואָס וואַריִמט שטיִלעֶרהײַד. דיִ גלעֶזעֶליִך האָבּעֶן געֶהאַט דיִ פאָרם פוּן טוּלפּאַנעֶס, מיִט וועֶלכעֶ גאַנצעֶ שטרעֶקעֶס זעֶנעֶן דאָ פעֶרדעֶקט, וויִ מיִט אַ טעֶפּיִך.

יאַאָס האָט זיִך געֶזעֶצט מיִט ניִללעֶן איִן אַ וויִנקעֶל. זײַ האָבּעֶן זיִך געֶהאַלטעֶן מיִט מעֶהר שטאַט וויִ דיִ איִבּריִגעֶ טאַנצעֶנדעֶ אוּן טריִנקעֶנדעֶ פאָרלעֶך, אַלס אַזוינעֶ, וואָס האָבּעֶן שוֹין ווײַטעֶר געֶהאַלטעֶן איִן ליִעבּעֶ. זײַ האָבּעֶן וועֶניִג געֶרעֶדט, מיִעד פוּן דעֶם טוּמעֶל, פוּן שטויבּ אוּן פוּן טאַנצעֶן. יאַאָס האָט געֶהאַלטעֶן ניִללעֶס העֶנד איִן זײַנעֶ, נאָר עֶר האָט געֶפיִהלט, אַז זײַ זעֶנעֶן הײַנט רוּהיִגעֶר, כּמעט גלײַכגיִלטיִג. זײַ זעֶנעֶן געֶוועֶן וויִ אײַנגעֶשלאָפעֶן. וואוּ איִז דיִ צײַט, ווען זײַערעֶ העֶנד פלעֶגעֶן זיִך טרעֶפעֶן מיִט אַזאַ קראַפט? זײַ פלעֶגעֶן זיִך בּעֶריִהרעֶן דאַן וויִ אַ פּאָר פלאַמעֶן, וואָס וועֶרעֶן שטאַרקעֶר צוּזאַמעֶן. יאַאָס׳ן האָט בּעֶאוּנרוּהיִגט ניִללעֶ׳ס קאַל-

קײַט. זי האָט זיך עפּעס פערענדערט די לעצטע פּאָר וואָכען. זי איז געוועזען פער'חלום'ט, די אויגען ווײַט, ווען ער האָט גערעדט צו איהר. דאס האָט זי געמאַכט שענער, מיט איהרע אויגען, אין וועלכע עס האָט זיך אָבגעשפּיגעלט דער ווײַטער האָריזאָנט, איהרע ווײַסע אויגען, וועלכע מען בעגעגענט אָפּט אויף אינזולען אָדער בכלל אין די פּראָווינצען מיט פיעל וואַסערן.

יאַאַס האָט געשעפּטשעט טויזענדער צערטליכע ווערטער, האָט געזעהן איהר צו געפעלען ווערען. און ניללע האָט עטוואָס געשמייכעלט, האָט איהם קוים שטאַרקער געדריקט די האַנד, אונרוהיג און עפּעס וואַרטענדיג אויף וואָס.

פלוצלונג איז עפּעס פאָרגעקומען אויפ'ן פּלאַץ. דורך די גרויסע פענסטער האָט מען געקענט זעהן, ווי דער המון לויפט זיך צונויף אין איין אָרט, איז אויפגערעגט. עס האָבען זיך געהערט קולות, מען האָט אויפגעהערט צו טאַנצען. דאָס רוב זענען אַרויסגעלאָפען דרויסען אַ קוק טאָן, וואָס איז דאָרטען. די אַלטע וואַרוואַרא איז צוגעגאַנגען צו יאַאַס'ן, אַ ביסעל אונרוהיג. וואָס איז פּאָרט פאָרגעקומען? פון ווייטען האָבען זיך בעוויזען דער בורגמייסטער און דער פּאַסטאָר, אויפגערעגט, מיט אַ פערענדערט פּנים, זיי האָבען געוואַרט אויפ'ן ראַג, בשעת ווען די פּאָליציי האָט געמאַכט אַ פרייען דורכגאַנג צום שטאָדט-האָטעל. מיט אַמאָל איז שטיל געוואָרען, אויף איין אויגענבליק האָט די שטאָדט פערהאַלטען איהר אָטעם. עס האָט זיך בעוויזען אַ פּראָצעסיע, עטליכע מענשען האָבען געטראָגען אַ קערפּער, אפשר אַ מת, וואָס האָט געוואָלט טרעפען אין לאַנד? די אַלטע וואַרוואַרא האָט זיך איבערגעצלמ'ט, ווי איהר געוועהנהייט איז געווען, פאַר אַ מת... ניללעסעס וואַסער-אויגען האָבען זיך פערנעבעלט.

יאַאַס איז אַרויסגעגאַנגען דערווייסען זיך, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, און איז באַלד געקומען צוריק. אַ שרעקליך געשעהעניש! ער האָט דערצעהלט מיט האַלבע ווערטער, מיט אַ אָבגעריסענער שטימע! „אויף דעם דעמבען-בוים ביים שייד-וועג... אַ געהאַנגענער... געפונען אויף די אויבערשטע צווייגען... פון עטליכע שעה טויט... גאָר אַ קאַלטער!“ אַלע האָבען זיך אַרומגעשטעלט הערען, אַ שרעק האָט אַלעמען אַרומגענומען. אַלע האָבען געשוויגען, פערטיעפט אין שווערע מחשבות: אַ געהאַנגענער! אַ זעלבסטמערדער! אַ מענש האָט אַליין זיך אַליין גענומען דאָס לעבען! אַזאַ מין פערברעכען, פון וועלכען מען האָט ביי זיי ניט גע-

וואוסט, פון וועלכען די פּאַסטאָרען האָבען ווען ניט ווען אונדײַטליך דערמאָהנט, ווי וועגען אַ אָנשטעקענדער געפאַהר, וועלכע עקזיסטירט אין דער ציוויליזאַציע, פון וועלכער זיי זענען געווען פרײַ, — דאָס האָט יעצט פּאַסירט אינמיטען העלען טאָג. כדי אַלע זאָלען דערפון וויסען, האָט דער זעלבסטמערדער בעוויזען זײַן ווײַס געזיכט, זײַנע בלויע ליפּען, זײַנע פון טויט אויסגעקרימטע געזיכטסצוגען פאַר אַלע בעוואוינער פון אינזעל. „ווער איז דאָס? ווער איז דאָס?“ האָבען געפרעגט די טאַנצענדע פּאָרען אַרום. יאָאַס האָט אַלײן ניט געוואוסט. אַלע האָבען געוואַרט. דער אָרגעל האָט ניט געוואַגט אָנצוהויבען זײַן שטורמישע מוזיק. די שטימען זענען אויך געוואָרען אונטערדריקט. מען האָט גערעדט זעהר שטיל. ווי אַזוי האָט דער דאָזיגער פערברעכערישער אַקט, וועלכער קומט אָפּט פאָר, דוכט זיך, אין די גרויסע פערדאָרבענע שטעדט, ווי אַזוי האָט דאָס פּאַסירט אויפ'ן אינזעל? די דאָזיגע גרעסטע זינד האָט נאָך קײנמאָל ניט בעפלעקט דעם אינזעל.

די נײַגיעריגע, וואָס זענען געשטאַנען בײַם פענסטער, האָבען אויסגערופען: „דער פּאַסטאָר געהט צו אונז, באַלד וועלען מיר אַלץ וויסען“. ס'איז נאָך שטילער געוואָרען. אין אַ מינוט אַרום איז אַרײַן דער פּאַסטאָר, די גדולה און דער שטאָלץ פון גאַנצען אינזעל. ער איז געווען עפּעס בלאַסער, ווי שטענדיג, זײַן באָרד האָט אויסגעזעהן ניט אַזוי ווײַס, ווי דער שנײ, איבער וועלכען עס לויפט פאַרבײַ אַ וואָלקען. טיטעקאַ איז געווען זעהר גערעגט: „אַ גרויס אומגליק איז געשעהן! גאָט האָט אָבגעקעהרט זײַן פּנים פון אונז פון הײַנט אָן“. זײַן שטים האָט געציטערט ווי איבער אַן אָפענעם קבר.

ער האָט ווײַטער געזאָגט: „אַ גליק נאָך, וואָס דאָס איז ניט קײן געבוירענער פון אונזער אינזעל. דער פערברעכער איז אַ אויסלענדער, פון די פערפלוכטע אויסלענדער, וואָס וועלען אונז געוויס ברענגען אַלערלײ זינד. לאָמיר בעטען גאָט, ער זאָל אונז וואָס גיכער בעפרײַען פון זײ“. אַ אײַנגעהאַלטענער כעס האָט זיך געפיהלט אין זײַן שטימע. עס האָבען זיך דערהערט פײַנדליכע געשרײען. ענטבלויזטע מעסערס האָבען אָנגעהויבען קלינגען.

יאָאַס האָט אינסטינקטיוו זײַן האַנד אויך אַראָבגעלאָזען אויף זײַן קינזשאַל מיט דעם אויסגעקריצטען זילבערנעם הענדטעל, וועלכער איז, ווי דער מנהג, געהאַנגען אויף זײַן גאַרטעל. אינסטינקטיוו האָט ער געהאַט אַ ווידערגעפיהל צו די אומגעבעטענע געסט, וואָס האָבען זיך אַרײַנגערי-

סען אויפ'ן אינזעל און בעהאנדלען איהם, ווי א איינגענומענעם לאנד ער האט דערביי געווארפען א צארטען בליק אויף ניללען, אויף די שענע, ניט־געריהרטע בלום פון דער ראסע, דעם שפיגעל, אין וועלכען עס האט אבגעשיינט נור דער הימישער הימעל. ער איז געווארען מבולבל. ניללע איז געוועזען בלאס, דאס געזיכט צומישט.

— וואס איז מיט דיר? ביזט קראנק?

— ניין! גארנישט. דער מת, וואס מען האט פארביינגעטראגען.. ווי רופט מען איהם?

א רעדעל איז דערווייל געשטאנען ארום דעם פאסטאר, האבען ביי איהם אויסגעפרעגט אלצדינג, דעם נאמען פון דעם אויסלענדער.

— איך ווייס נאך ניט, האט דער פאסטאר געענטפערט; זיין צונעמעניש איז, דוכט זיך, „דער געלער", מחמת זיינע האהר.

ניללע האט זיך גלייך געפאסט, איהרע אויגען האבען זיך בעלעבט. „מיר איז בעסער!" זי האט געוואלט אבפאהרען. יאאס האט גארנישט פערשטאנען. אינוועניג האט ער געזוכט צו פערשטעהן, וואס איז דא פארגעקומען מיט ניללען, און אין איין מינוט האט ער אויפגעבויט און צעווארפען טויזענד ערקלערונגען. עס איז קלאר, אז זי האט ניט געקענט בעהאלטען א טיעפע צורודערונג, וואס האט ביי איהר אבגענומען די בלוטען, א שרעק, וועלכען מען פיהלט פאר א נאהענטען מענש, פאר א זאך, וואס איז אונז שטארק נוגע. נאך חדוש'דיגער, וואס זי האט זיך מיט אמאל בערוהיגט, אז זי האט דערהערט דאס ווארט: „דער געלער". אפשר איז זי צופעליג געוועזען בעקאנט מיט וועמען עס איז פון די אויסלענדער, וואס שלעפען זיך ארום די שענע מיידליך פונ'ם אינזעל? אפשר שרעקט זי זיך פאר איינעם פון זיי, וואס זי האט ניט ליעב, נאר וואס האט זי ליעב און האט איהר געזאגט דערפון? ווי אנדערש קען מען דען ערקלערען איהר אנגסט, ביז וואנען זי האט זיך ניט דערוואוסט, ווער דער מת איז געוועזען? די אייפערזוכט האט אנגעהויבען צו נאגען יאאס'עס הארצען. די לאגע האט איהם דאס בעוויזען אויף קלאר, ער האט ווידער זיך פארגעשטעלט איהרע קלענסטע תנועות... ער איז געווארען זיכערער. קראנק, האט זי געזאגט, דאס איז נור א בלבול.

ניללע האט איהם דערמאהנט: „וואס, מיר געהען?" זי האט שוין גענומען די אלטע ווארוואראַ אונטער'ן ארעם און האט איהר געפיהרט צום ארויסגאנג. אינמיטען האט זיך אריינגעריסען א נייער הויפען מענ־

שען, האט זי אבגעשטופט אהן א זייט, צושפריים די טאנצענדע אין די ווינקלען, געשטויסען איינע די אנדערע. דא זענען געיען מענער און פרויען צוזאמען, און זיי האבען זיך צווישען זיך געראנגעלט, מעהר צוליעב גייעריגקייט, איידער פון כעס. פלוצלונג האט א שטים אויסגעשריען: „דעם שטריק!" דאס האט מען זיך טאקע געראנגעלט צוליעב דעם שטריק פון געהאנגענעם. לכתחלה האט מען מורא געהאט זיך צוצוריהרען צו איהם, נאר אז מען האט פארבייגעטראגען דעם בר־מינן, האט מען זיך דערמאהנט פון דער אבערגלויבעריי, אז דער שטריק פון א געהאנגענעם איז מזל'דיג, און ס'האט זיך אנגעהויבען א באטאליע. יעדער האט געוואלט אפרייסען א שטיקעל, יעדער האט געצויגען אין זיין זייט, און אזוי האט מען זיך פערשלעפט אוש צום טאנץ־זאל, און דא זענען צוגעשטאנען נאך מענשען צו דער רייסעריי.

די שטארקע תשוקה צו קריגען פאר זיך א שטיקעל מזל'דיגען שטריק האט שיער ניט געבראכט צו א בלוטיגען געשלעג. דער פאסטאר האט זיך אריינגעמישט, האט בערוהיגט די צוהיצטע. „קיין זאך קען ניט געבען קיין מזל, האט ער געזאגט. מען קען נאר אמאל פערמיידען א שלים־מזל. מיינט איהר, אז דאס שטיקעל שטריקעל וועט אייך פערהיטען פון אן'אומגליק? איהר מעגט זיך בעשיצען וויפיעל איהר ווילט... דאס אומגליק איז שוין צווישען אייך!"

יאאס איז געשטאנען פון וויטען, פערקלערט. זיין חשד האט זיך אלץ געשטארקט. אויף איהם איז ארויפגעפאלען א געוואלטיגער אומעט, ער האט זאגאר ניט געהערט דעם טומעל.

ניללע איז צוגעגאנגען צו איהם. זי האט איהם געפרעגט:

„יאאס, דו ווילסט גארניט קריגען! דו ווילסט אונז ניט ברענגען קיין גליק?" יאאס איז פערציטערט געווארען. די אייפערזוכט האט איהם א שטאך געטאן. עס האט איהם נאך מעהר וועה געטאן, ווי א פרוי, אין וועלכע מען האט טיעף אריינגעלאזען די גיעריגע צייהן. ניללע האט איהם בעטראכט, זי איז געווען אזוי רייצענד. עס איז געווען נאטירליך, אז אנדערע זאלען זי ליעבען, זי איז א צו גרויסער אוצר! נאר דער איינציגער געדאנק, אז ניט ער אליין בעזיצט זי, איז געווען אונערטרעגליך און איז איהם אויסגעקומען ערגער ווי דער טויט. יא! דער טויט איז שטענדיג א נאהענטע און לייכטע רפואה! אויפ'ן אינזעל האט מען דאס ניט געוואוסט. דער אויסלענדער האט דאס איהם איצט אויסגעלערנט. יאאס האט ניט געענטפערט ניללען. יענע האט ענט־

שלאָסען אַוועקגעפיהרט די אַלטע לאָם צום טהיר.

יאַס איז מאַשינאַל נאָכגעגאַנגען, רעדענדיג פאַר זיך: „דער טויטער שלאָפט מסתמא אַזוי רוהיג!“

IV

דער טויטער.

יאַס און ניללע האָבען זיך זעלטענער געטראָפען ביי דעם דעמבענבוים. ניללע האָט אָפט געפעהלט. יאַס האָט זיך בעקלאָגט, האָט איהר אויפגעוואָרפען ביז אָדער אומעטיג.

— איך האָב מורא נאָך דער מעשה מיט דעם געהאַנגענעם, — האָט ניללע געזאָגט. דאָס האָט יאַס'ן נאָך מעהר ערביטערט. דער טויטער האָט איהם צושטערט זיין לעבען, האָט אָנגעלערנט די איינוואוינער פון איבועל ליעב צו קריגען דאָס ניט־זיין. ער האָט פערפינסטערט איבערהויפט דעם בוים פון ליעבע, און זיין טויטער גוף האָט זיך געשטעלט צווישען די גליקליכע פערליעבטע. די מורא פאַר איהם האָט אָפט אָבגעהאַלטען נילען פון צו קומען, יאַס האָט איהר אָפט געוואַרט שעה'נלאַנג, בין השמשות, ווען דאָס פעלד האָט זיך בעדעקט מיט אַ פיאָלעטען־פאַרב. יאַס פלעגט אַרומגעהן הין און צוריק אין שאָטען פון גרויסען בוים ווי אין אַ געפענגניס, און ווי די, וואָס זענען געוועהנט צו אַ איינזאַמען לעבען, פלעגט ער רעדען צו זיך אַליין אויפ'ן קול.

— זי וועט שוין ניט קומען! דאָס איז נאָר אַנ'אַנשטעל, די מורא. זי ווערט אַלץ מעהר פערענדערט. זי האָט מיך וועניגער ליעב. אפשר האָט זי מיך שוין גאָרניט ליעב“.

ער איז ווידער דורכגעלאָפען זיינע ערינערונגען. אך, ווען אין איהם האָט זיך צום ערשטען מאָל דערוועקט דער חשד, דעם זונטאָג פון יריד! נאָכהער האָט ער זיך דערוואוסט, אַז ניללע האָט געקענט איינִיגע אויסלענדער, ימח שמם וזכרם! אַ קורצע צייט זענען זיי געוואָרען אָפטע בעזוכער אין טראַקטיר „די האַלבע לבנה“, וואו ניללע האָט געוואוינט מיט איהר פאָטער, פיטער דעראָא. איז איהר ווער פון זיי געפעלען געוועזן? האָט זיך אפשר פערבונדען צווישען זיי אַ שטיקעל אינטריגע? אומזיסט האָט יאַס געזוכט עפיס אַ סימן, אַ שפור

וואָס מען זאָל קענען אויסטײַטשען אַהער אָדער אַהין. ספקות — דאָס איז די ערגסטע זאַך.

ניללע איז אַלענפאַלס געוואָרען אַלץ קעלטער צו איהם. ער האָט אָפט זיך געטראַכט: „אונמעגליך, אַז זי זאָל ניט ליעבען וועמען אַנדערש, ווען זי האָט זיך פון מיר אַזוי אָבגעקעהרט!“ זי פלעגט נאָך אַמאָל קומען צום בוים, נאָר זי האָט זיך עפּעס געשטערט, עפּעס האָט זי זיך געהאַלטען אַזוי ווי פרעמד, און הינטער איהרע ווערטער פלעגט זיך פערמאַכען אַ טהירל, וואו עס האָט נעהערשט אַ געהיימניספולעס שטילשווייגען. יאָאַס איז געווען אונרוהיג:

— וואָס איז דיר?

— גאָרנישט.

— דו ליעבסט מיך מעהר ניט?

— וואָס דוכט זיך דיר עפּעס, אַז איך ליעב דיך שוין ניט!..

און זי פלעגט איהם נעהמען די הענד, פלעגט זיי דריקען, אָבער ער האָט געפילט דערין נישט מעהר ווי רחמנות, דער האַנדדריק, וואָס מען גיט אַ נדבה... יאָאַס האָט זיך לײַכט געלאָזט גלויבען, עס גלויבט זיך אַזוי לײַכט, אויף וואָס מען האָפט! נאָר ווען זי פלעגט אַמאָל ניט קומען, ווען ער פלעגט זיך אַליין געפינען פאַר די אָנקומענדע פינסטערניש, פאַר דעם קאַנאַל, וואָס פלעגט זיך אויסלעשען, פלעגט זײַן פערדאַכט, זײַן אײַפערזוכט, זײַן אומעט ווידער אויסוואַקסען. זײַן ליעבע איז זיך צוואַקסען, האָט זיך צוצווייגט, ווי דער אַלטער בוים. ברודערליכער בוים! ער האָט געטראָגען אויף זיך ניללעס נאָמען, וועלכער איז ענטשטאַנען אויף איהם פרעהליך און ליכטיג, האָט זיך פערטיעפט בײַ'ן האַרצען, האָט זיך פערגרעסערט אין דער קאָרע! נאָר די צײַט האָט זיך פאָרט געטהאָן איהריגעס, ווײַל דער נאָמען האָט זיך אַלץ פערגרעסערט, האָט ער זיך פערווישט. די אותיות האָבען זיך צוצויגען, זיך פערוואַנדעלט אין אונדײַטליכע צײַכענס. ניללעס נאָמען איז פערלאָרען געגאַנגען פונ'ם ליעבע-בוים, אין וועלכען עס האָט געשטעקט דער בר-מינן.

אין לאַנד האָט מען דערצעהלט, אַז דער אויסלענדער האָט זיך געהאַנגען צוליעב אַ ליעבע. אַ פרוי האָט איהם פערראַטען, האָט איהם פערלאָזען.

די קאַפּריזע פרויען-הערצער! יאָאַס האָט זיך דערמאָהנט אָן ניללען. דער טויטער איז איהם שוין ניט געווען אַזוי פרעמד. זיי האָ-

בען געהאט איין מזל. עס האבען איהם אינטערעסירט די אומשטענדען, ביי וועלכע ער איז אוועק צום בוים שטארבען. עס האט זיך איהם זאגאר געוואלט וויסען, צו וועלכען צווייג ער האט דאס שטריקעל צוגעבונדען, ווי אזוי האט ער זיך אויפגעהויבען ארויף, ווי ער האט זיך אנגעטהאן דעם שלייף, ווי ער האט זיך אראבגעלאזען אין דער לופט... און אין די פרייהייט...

נאכאנאנד טראכטענדיג וועגען איהם, האט זיך איהם אנגעהויבען צו דאכטען, אז ער זעהט איהם פאר זיך. לכתחלה, אונדייטליך, ווייגענדיג זיך אויפ'ן צווייג, וואו ער האט זיך מסתמא געהאנגען. נאכהער דייטליכער, א געשפענסט, וואס האט געלויערט ארום בוים, מיט געלע האהר... איינמאל האט ער איהם דערפיהלט נעבען זיך, ווען ניללע איז אנ'אוועגד ניט געקומען, ער האט הויך ארויסגעזאגט: „דעם טויטען איז געוויס רוהיג!" איהם האט זיך אויסגעדאכט, אז א שטים, אפשר דאס עכא, האט זיך אבגערופען: „געוויס רוהיג". דער געהאנגענער איז געווארען א דייטליכע פערזאן, משמעות כדי צו דערווייזען, אז דער טויט איז גארנישט, נישט מעהר ווי א לייכטעם פערגעסען זיך. „געוויס רוהיג!" דאס איז איהם געבליבען פון דעם זאץ, דערין איז בעשטאנען דער נסיון פון טויטען. יאאס האט זיך צום אנפאנג דערשראקען. די טויטע מיינען גאר אונזער בייז, ווען זיי קומען צו אונז. ער איז אנטלאפען, האט זאגאר מורא געהאט צוצוגעהן צום בוים, וועלכער האט אויסגעוויזען נאך גרעסער אין דעם פארנאכטיגען־ליכט.

גאנצע טעג פלעגט ער זיצען אין שטוב. איצט אז ער איז געבליבען אליין, האט ער נאך מעהר מורא געקריגען פאר'ן בר־מינן. איהם האט זיך געדוכט, אז ער געהט איהם נאך, רעדט צו איהם פון הינטער'ן פלייצע, ברענט איהם מיט זיין געלער באָרד, ווי מיט פייער, און הויכט אויף איהם מיט דעם ריח פון בראנפען און פון קבר.

וואס האט פון איהם געוואלט דער בר־מינן? ער האט עפעס ווייניג געטראכט דערפון. הגם איהם האט זיך געדאכט, אז ער וויל קיין זאך ניט פאר זיך. זיין געזיכט איז געווען רוהיג, איהם האט שוין ניט געארט, וואס עס טוט זיך אויף דר'ערד. ער האט זיך גוט געפיהלט אויף יענער זייט פון לעבען, אזוי גוט, אז ער האט איהם אויך געראטען נאכצופאלגען, אין רוהיגע וועלטער, ווי איינער, וואס וויל, אז דער אנדערער זאל געניסען פון זיין ערפאהרונג.

איין אָוועגד האט זיך אלץ מיט אמאל שנעל געענדערט. דאס

איז געווען אַ אָקטאָבער־פאַרנאַכט. דער טויט פון זומער איז געהאַנגען אין דער לופטען. די מיהלען האָבען אויסגעזעהן ווי גאָלדענע שטראַלען אין די וואָלקענס. עס האָט זיך געטראָגען אַ שאַרפער ריח פון צייטיגע פירות. עס האָט זיך געפיהלט דער אומעט פון דעם, וואָס האַלט ביים סוף...

יאַאַס האָט געהאַט מיט ניללען אַ ענדגילטיגען געשפרעך. זי איז דאַסמאָל געקומען צום בוים, יאַאַס האָט געפרעגט, האָט געוואָלט דורכאויס אַלץ וויסען, עס מעג זיך זיין וואָס עס וויל! ער קען שוין מעהר ניט לעבען אין ספקות. וואָס איז געשעהן? פאַרוואָס זענען זיי פון ליכטיגען אויפגאַנג פון זייער ליעבע מיט אַמאָל אַריינגעפאַלען אין אַזאַ פינסטערניש? ניללע איז געווען שטאַרק טרויעריג, זי האָט זיך געבעטען: „יאַאַס, פערצייה מיר, דערמאָהן דיך אָן אונזערע פריהערדיגע וואָגדען."

— רייד ניט פון אונזער גליק!—האָט יאַאַס אויסגעשריען, ער איז געווען שרעקליך אויפגערעגט, זיין שטים האָט געציטערט.

— ענטפער מיר, דו האָסט ליעב אַן׳אַנדערן?

— איך האָב קיינעם ניט ליעב אויסער דיך...

— און דער אויסלענדער?

— וועלכער אויסלענדער?

— איבער וועלכען דו ביזט בלייך געוואָרען, פאַר וועלכען דו האָסט אַזוי געציטערט דעם טאָג פון יריד. איך האָב אַלץ געזעהן, ניללע. איך בין ניט בלינד און ניט אַזוי נאַריש. אגב האָב איך זיך ערקונדיגט.

— אַלזאָ ווייסטו פון אַלץ! אדרבא, גענוג בעהעלטעניש, גענוג צו לייגען!

ניללע האָט געמיינט, אַז יאַאַס האָט זיך דערוואוסט איהר שרעקליכען סוד, וואָס האָט איהר פערשאַפט פול שאַנדע און וועהטאָג, זי האָט געמיינט, אַז צוליעב איהר אָפענהערציגקייט וועט ער קריגען אויף איהר רחמנות. זי האָט אינגאַנצען פערלאָרען דעם קאָפּ. „נאָר איך שווער דיר מיט מיין לעבען, כ׳האָב קיינעם אויסער דיר ניט ליעב געהאַט. כ׳האָב געהערט צו אַן׳אַנדערן, כ׳ווייס ניט, ווי אַזוי... כ׳ווייס באמת ניט, ווי אַזוי דאָס איז געשעהן, דאָס איז דער אומגליקליכער מזל! ער האָט מיך גענומען מיט געוואַלד, ווי דאָס לאַנד."

יאַאַס האָט זיך אויפגעשטעלט: „שרעקליכע אויסלענדער! נאָר דעם

וועל איך טויטען." ער האָט אויסגעזעהן ווי פערריקט, איז אַרומגעגאַנגען אויפגערעגט, האָט געשריען. ער האָט געשאָלטען, געוואָרפען אין לופט זיין וועדהטאָג, ווי אַ בלוט-שטורץ.

נאָכהער איז פאָרגעקומען אַ קריזיס... ער האָט זיך פערגאַסען מיט טרעהרען... איז צוגעגאַנגען צו ניללען, וועלכע איז געזעסען וויינענדיג אויפ'ן באַנק, האָט איהר גענומען פאַר די הענד, האָט איהר זיי געדריקט אין אויפקומענדען כעס. „אומגליקליכע! עלענדע! וואָס האָסטו פאַרט געטהאָן!" ער איז געווען אונבּרחמנות'דיג, האָט געקוועלט, האָט געפאָדערט זיך אין אַלץ מודה צו זיין: „וואו, ווען? ווי אַזוי? ווי האָט זי טאַקע ניט געוואָלט? דער אויסלענדער האָט זי דאָך ניט מאַנס געווען? דאָס וועט זי דאָך ניט וואַגען זאָגען. אַלזאָ, איז זי שול-דיג, זי האָט דאָך אינגאַנצען מסכים געווען... און ווי רופט מען דעם פראַנט?"

זי האָט ניט געוואָלט זאָגען.

— זעהסטו, דו האָסט איהם נאָך ליעב. דו ציטערסט פאַר איהם?

— ניין, ער איז שוין אוועקגעפאָהרען.

— אַך, ער איז אוועקגעפאָהרען. אויסגעצייכענט! אַבגעפליקט, פאַרבייגעהענדיג, ווי אַ שענע בלום, די שענסטע בלום אין לאַנד...

יאָאַס האָט אויסגעבראָכען אין אַ געוויין, נילע מיט איהם. די טרייסט פון טרעהרען, וואָס מישען זיך צונויף און דולטען זיך ניט אַזוי ביטער! יאָאַס האָט זיך דערמאָהנט אַמאָליגע אָווענדען אונטער דעמזעל-בען בוים. דאַן האָבען זיך זייערע הענד און זייערע האָהר בעהעפט און צונויפגעמישט. אַוועק די אָווענדען! דאַן האָט יאָאַס אין נילע'ס אויגען געזעהן אַי די מיהלען, אַי דעם געלבען הימעל, דעם בוים און זיך, — איצט האָט ער קיין זאַך ניט געזעהן, חוץ טראָפּענס, ווי רעגען.

און ער האָט געחזר'ט, ווי אַ שטענדיגען צושפּיעל אײַנצוויעגען זיין וועהטאָג: „אומגליקליכע! אומגליקליכע!" זי האָט געטענה'ט איהר שבועה: „איך שווער דיר, אַז מעהר ווי דיך האָב איך ניט ליעב גע-האָט!"

פלוצלונג איז יאָאַס צוגעגאַנגען צו איהר. די טרעהרען, זאָגט מען, ווען דער פערזיגעלטער קוואַל פון זיי עפענט זיך, רינען ניט אַרויס אינגאַנצען אין דרויסען. אַ טייל בענעצט דאָס האַרץ און מאַכט עס ווייכער.

יאָאַס איז געוואָרען גוט, האָט אויסגעהערט איהר פערענטפערן זיך פאַר איהר זינד. און ווײַבאַלד יענער איז ניטאָ, קען מען דאָס פערגלעטען. ס'וועט בלײַבען פון דער גאַנצער געשיכטע נור אַ בלאַסער זכרון, כמעט ווי קיינמאָל ניט געוועזן. יאָאַס האָט געהאַלטען ניל'ע'ס הענד אין זײַנע. דאָס איז געווען אַ טרויעריגע און זיסע שעה...

ער האָט געזוכט ווערטער און ניט געפונען. בעסער איז געווען ניט צו ריידען. ער האָט געפיהלט אַזאַ צושטאַנד, וואָס ער וואָלט ניט וויסען, ווי דאָס אָנצורופען, צי גליקליך, צי פײַנליך. ער האָט זיך דערמאָהנט זײַנע קינדער־יאָהרען, זײַנע קינדער־קראַנקהײַטען, ווען מען פלעגט בײַ אַ העלער, וואַרימער זון פאָרט דאַרפען היצען זײַן צימער, וואו עס האָט איהם געוואָרפען אין קעלט. אַ געפיהל פון קעלט און היץ. ניללע'ס הענד זענען געוועזן קאַלט ווי אײַז. איהרע קליינע הענטליך! ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זיי צוגעהען... ער האָט זיי נאָכמעהר געדריקט. ער האָט געפרובט עפּעס זאָגען.

— אַלזאָ, געווים? דו האָסט מיך שטענדיג געליעבט?

— איך האָב געשוואָרען; איך זאָג אמת.

ס'איז קענטיג געווען, ווי ער וואָלט זיך מיט אַמאָל אָנטהאָן אַ גרויסען כח. ער האָט צוגערוקט זײַן געזיכט צו נילל'ען. ער האָט אַרײַנגעקוקט אין איהרע אויגען. נאַכהער האָט ער געזאָגט מיט היץ:

— ס'איז בעשלאָסען! איך בין דיר מוחל! איך וואָלט סײַ ווי ניט קענען לעבען אָהן דיר! איצט וועלען מיר חתונה האָבען, טאַקע גלײַך.

ניללע איז גיך אויפגעשפרונגען, ווי עס וואָלט איהר טרעפען אַן אומגליק, פאַר וועלכען זי האָט זיך לאַנג געשראָקען. אָנשטאָט פרייד האָט אַ טיעפער אומעט פערצויגען איהר געזיכט. איהרע אויגען האָבען בעקומען זייער פריהערדיגען גלאַנץ. זי האָט געמורמעלט: „ניין, דאָס ניט!"

און איידער יאָאַס, העכסט פערוואונדערט, האָט בעוויזען איהר עפּעס צו פרעגען, זי אײַנגצוהאַלטען, איז זי אָבגעשפרונגען פון אַלטען בוים און, ווי די אימה וואָלט זי נאָכגעיאָגט, איז זי אַנטלאָפען מיט גרויסע טריט, גלײַך פאָראויס, און איהר טונקעלער ראָק האָט פערקעהרט די לעצטע ליכט־שטראַהלען אויפ'ן וועג. אַז יאָאַס איז געבליבען אַליין, איז ער אַנידערגעפאַלען אויפ'ן באַנק נעבען בוים. אין דערוועלבער מינוט האָט ער דערפיהלט, ווי דער געהאַנגענער לאָזט זיך אַראָב אין גערויש פון די בלעטער און זעצט זיך נעבען איהם. דאָס איז געווען אַ גינסטיגער אויגענבליק, אויף וועלכען ער האָט שוין פון לאַנג

ארויסגעקוקט. יאָאַס האָט דערהערט זײַן שטים איבער זײַן פּלײצע.

— דו לײַדסט, נעביך?

— אַ! יסורים ווי פון אַ קראַנקען צאָהן, ווען מען ווײס אַלײן ניט, וואָס מען רעדט, וואו מען געפינט זיך, וואָס מען טוט! — האָט יאָאַס אויסגעשריען, מײנענדיג, אַז ער רעדט צו זיך אַלײן, נאָר ענט־פערנדיג דעם געהאַנגענעם. יענער האָט ווידער געזאָגט! „אַז דו וואָלסט װעלען, וואָלסטו קענען מעהר ניט לײַדען.“ יאָאַס האָט איהם ווידער געענטפערט, כלומר'שט רײדענדיג צו זיך אַלײן: „דער טויטער מוז גע־װיס רוהיג זײַן!“

דאָסמאָל, ווי נאָר ער האָט אַרויסגעזאָגט די פראַזע, האָט זי זיך גלײַך ווידערגעקעהרט, נאָך רײצענדער, נאָך הײסער פון נסיון, נאָך הײסער פון דער רויט־געלער באָרד, וואָס ער האָט געפּיהלט אַזוי נאָ־הענט... איצט האָט יאָאַס גוט געקענט „דעם געלען“. ער האָט איהם געקענט זעהן פון נאָהענט. ער האָט מעהר פאַר איהם קײן מורא גע־האַט. ער האָט מיט איהם גערעדט, זיך געאַמפּערט, האָט זיך געלאָזען אײנרײדען. „יאָ! איהר האָט גוט געטהון; איהר האָט זיך בעפרײט. אַזוי אומגליקליך, — און איהר האָט אויפגעהערט צו לײַדען. איך מוז אויך טהאָן דאָסזעלבע. אָך, ווען איך וואָלט דאָס קענען פאַראויסזעהן, װאָלט איך געבראַכט וואָס מען דאַרף“...

יאָאַס האָט זיך געטראַכט: „וואו קריגט מען אַ שטריקעל?“ ער האָט געזוכט אַרום, אויף דעם דונקעלען פעלד. אפשר פון אַ צוגעבונדענעם שעפּס?.. יאָאַס האָט זיך געוואָרפען אין אַלע זײַטען. דער געלער איז איהם נאָכגעגאַנגען, אויף אַ געוויסער שטרעקע, יאָאַס איז עטוואָס געקו־מען צו זיך. אַ ווינד האָט אַ בלאָז געטהאָן אין די בלעטער. דער בוים האָט, דוכט זיך, אַ צאַפּעל געטהאָן. אַ געשרײ געטהאָן אויפ'ן געלען, װאָס וויל פון דעם ליעבע־בוים מאַכען אַ בוים פון טויט.

יאָאַס'ן האָט אַרומגענומען מיט אַמאָל אַ מורא. ער האָט געוואָלט לעבען. לעבען! דאָס לעבען איז שען! די זון איז שען! ער וועט זיך בעזעצען אין אַג'אַנדער דאָרף, וועט זיך מעהר ניט זעהן מיט ני־ללע' און וועט אָן איהר פערגעסען. אַ פּאַניש שרעק איז אויף איהם אַרויפגע־פאַלען, אַ שרעק פאַר'ן טויט, און ער איז אַנטלאָפען אין דער זײַט, צו די פערמעס צו, צו זײַן הײם. די ווײַטערדיגע טעג האָט ער געלעבט אין אַנגסט. די אַלטע וואַרוואַראַ האָט געהאַט גרויס צער, זעהענדיג ווי ער געהט אַרום צורודערט, אונרוהיג, קען זיך צו קײן אַרבײט ניט נעהמען.

זי האָט פערשטאַנען, אַז ער ליידט פון אַ אונהיילבאַרער ליעבע, אַז מיט קיין אנדער מיידעל וועט ער זיך ניט טרייסטען.

— אויב דו בענקסט דורכאויס נאָך גיללען, וועל איך אַליין געהן רעדען מיט איהר.

יאָאַס'ן האָט דאָס נאָך מעהר געקרענקט. זיין אַלטע מוטער, וועלכע מען וועט דאַרפען באַלד פיהרען פאַמעליך, טריט ביי טריט, אַזוי ווי זי האָט מיט איהם געטהאָן, בעת ער איז געוועזען אַ קליינער. ווי לאָזט מען זי איינע אַליין אויף די האַרטע, פערטריקענטע וועגען? ווען ניט זי, וואָלט ער זיך שוין דעם ערשטען טאָג גענומען דאָס לעבען.

עס האָט איהם ניט אויפגעהערט צו ציהען צום טויט. ער האָט געפּרובט טראַכטען וועגען זיין מוטער, וועגען זיין פליכט צו איהר. ער האָט גענומען טרינקען, כדי פּטור צו ווערען פון'ם געהאַנגענעם: נאָר יענער פלעגט זיך באַווייזען אין די שווערסטע מינוטען און פלעגט איהם וועלען אַוועקפיהרען מיט זיך: „קום מיט מיר, דאָרט וועסטו זיך אויסרוהען, איך וועל דיר ווייזען, וועלכען צווייג אויסצוקלייבען".

דער רעיון פון זעלבסט-מאָרד ענטוויקעלט זיך אויף'ן זעלבען אופן, ווי די ליעבע. איהר בעגעגענט אַ פרוי!.. זי איז פאַרביי געגאַנגען אויף גיך און האָט אייך עפּעס דורכגענומען. איהר זעהט זי אַ צווייטען מאָל, און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז זי האָט אייך אינגאַנצען בעהערשט, מעהר ווי איהר האָט גערעכענט. די ליעבע האָט זיך פערגרעסערט אונבעוואוסט פאַר אונז אַליין, צווישען ערשטען און צווייטען מאָל. די אויפרייצונג איז פון אָנפאַנג נעחען אונדיימליך, מיט הפסקות. נאָכהער איז זי געוואָרען פערשאַרפט, בעשטענדיג. אַזוי איז אויך מיט'ן זעלבסטמאָרד.

יאָאַס האָט נאָך געפּרובט פערטרייבען די געדאַנקען, זיך פערגעסען, דורך אַנדערע מיטלען. נאָר יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך געזעצט טרינקען, פלעגט דער געהאַנגענער — ער האָט איהם שוין גוט געקענט מיט זיין פייער-רויטער באָרד און שניי-ווייסען פּנים — זיך אַוועקזעצען נעבען איהם: „איידער דו וועסט זיך אינגאַנצען איינשכור'ן, וועט נאָך דויערן; מיין מיטעל איז בעסער." דער געהאַנגענער פלעגט איהם אויסשטעלען אַ צונג, פלעגט אַרויסנעהמען פון אונטער איהם די באַנק, און ער פלעגט פאַלען און צוקלאַפּען דעם קאָפּ. אָפטמאָל פלעגט ער איהם סטראַשען: „פאָלגסטו מיר ניט, וועל איך דיך ניט אָבלאָזען; איך וועל דיך משוגע מאַכען; איך וועל דיך פון בעט אויפהייבען; איך

וועל פון דיינע קליידער מאכען א גראבען שטריק, וועס ווי די לבנה, און וועל דיר אליין אויפהענגען אויף איהר".

גאנצע טעג פלעגט ער זיך בלאנקען, ווי א חיה, אין די פעלדער. די פרישע לופט פלעגט איהם א ביסעל בערוהיגען. עס פלעגט איהם ניט אריינגעבען קיין האפנונג אדער תשוקה צו לעבען, נאר צום טויט גופא פלעגט ער זיך פערהאלטען רוהיגער. דער געהאנגענער פלעגט איהם אויך מאלען דעם טויט מיושב׳דיגער, בערעכענטער:

— מיט דיר וועט אויך זיין דאסזעלבע, וואס מיט מיר — ווי האבען זיך שוין געדוצט — דאס בעסטע מיטעל געליעבט צו זיין פון א פרוי — איז זיך נעהמען דאס לעבען פאר איהר. מעהר ווי טויט קען מען אייביג ניט ליעב האבען.

יאס׳ן איז נאך געבליבען דאס פיזישע ווידערגעפיהל, די מורא פאר׳ן וועהטאג. דער געהאנגענער האט איהם דערין אויך איבערגערעדט: „דאס געדויערט סך־הכל איין אויגענבליק. קיינע יסורים..." און ער פלעגט צוגעבען מיט א שמייכעל: „איך בין דאך שוין געניט, וואס, נישט?" יאס האט זיך נאך אלץ געווייגערט. ער האט אויסגעקליבען א שטריקעל, ניט גאר קיין רעיעלע. ער האט זיך געטראכט: „אפשר, וועט עס זיך איבעררייסען, אדרבא! מסתמא, וועט דאס זיין בעשערט". אט האט ער געוואלט שטארבען, און אין א ווייל האט ער שוין ניט געוואלט. איין אווענד האט ער זיך בעשלאסען. ער האט זיך געלאזען צום בוים מיט דעם שטריקעל, וואס ער פלעגט שטענדיג האלטען ביי זיך.

דער מאיעסטעטישער בוים האט זיך אויסגעשפרייט אין דער לופט פון פערגעהענדען טאג. דאס איז געווען דער טעמפעל פון אלע ליעבעס אויפ׳ן אינזעל. די בלעטער האבען זיך בעוועגט ווי ליפען פון מיליאנען געליעבטע, זיי פלעגען ציטערן ווי פון א קוש. די ליעבע און דער טויט זענען אפטמאל שטארק געגליכען איינער צום אנדערן, און זיי פעראייניגען זיך דורך קארידארען, צו וועלכע מען קען געפינען א שליסעל נור אין דער אייביגקייט. פארוואס האט יענער אויסלענדער, און נאך איהם יאס, אויסגעקליבען דעם בוים? יאס האט געפיהלט, אז אנ׳אנדער בוים וואלט איהם ניט צוגענומען, וואלט אזוי ניט מיטגעהאלפען. דער בוים, דער טעמפעל פון ליעבע פריהער, איז איצט געווארען א טעמפעל פון טויט. און די אויסגעשניטענע נעמען פון פערליעבטע אויף דער קארע האבען אויסגעזעהן האלב אויסגעמעקט, ווי אויף מצבה־שטיינער.

יאָס האָט געזוכט צווישען די גראָבע צווײַגען יענעם, אויף וועלכען דער געלער האָט זיך געהאַנגען. יענער האָט איהם דאָס אײַנמאָל אליין געוויזען. אַרום די בלעטער איז געווען העלער. מיט זײַן קערפּער האָט ער אויסגעגראָבען אַ מין הוילקייט צווישען די בלעטער, אין דעם אָרט, וואו ער איז געבליבען הענגען. ס'איז געבליבען אַ אָפענע לאָך צווישען די גרינס, אַ פינסטערער גראָבען.

יאָס האָט געפיהלט אַ שטערבליכע בעטרונקענהייט, וואָס מען לעבט איבער נאָר דאַן, ווען דער טויט שטעהט אויף ניט ווי אַ ווייטע געשטאַלט, נאָר ווי אַ באַלדיגע, גאָר ניכע געשעהעניש. דער געלער איז געווען נעבען איהם. ער האָט איהם צוגעאײַלט, שאָטענס זענען אָנגעפאַלען. „דו ווערסט שוין מעהר ניט זעהן קיין ליכט". ער האָט איהם אָנגעוויזען דעם צווייג, וואו ער האָט צוגעבונדען דעם שטריק. יאָס האָט געוואָלט נאָך אַמאָל אַ קוק טהאָן אויף ניללעס אויסגעשניטענעם נאָמען, וועלכער איז שוין כמעט ניט געווען קענטיג, בעדעקט מיט אנדערע נעמען, אָבגעשטאָרבען. איצטער געהט ער שטאַרבען פאַר איהם. אַ קאַלטער ווינד האָט אַ בלאָז געטהאָן פון קאַנאַל. די בלעטער האָבען גענומען ציטערן, דער גראָבען איז שוין ניט געווען צו זעהן, פונקט ווי מען וואָלט איהם פערשאָטען. יאָס האָט זיך ווידער דערשראָקען פאַר'ן טויט. ער האָט גענומען לויפען אַזוי גיך, אַז דער געלער האָט איהם ניט געקענט דעריאָגען. ער האָט זיך ווידער אומגעקעהרט וואו מענשען וואוינען, טראַכטענדיג וועגען זײַן אלטער מוטער. און לאַנג איז ער נאָכהער געגאַנגען אַרום, איידער ער האָט געוואַגט אומצוקעהרען זיך בעטראַכטענדיג פון ווייטען דעם בוים, וועלכער איז אַלץ מעהר פערזונקען אין שאָטען פון אָווענד.

V

דער יום־טוב.

אין דעם טאָג פון הייליגען ניקאָלאַי איז אויפ'ן אינזעל געווען אַ גרויסער יום־טוב. דאָס איז געווען אײַנגעפיהרט פון כמה יאָהרען. אַ קינדער־יום־טוב, וואָס איז געוואָרען אַ יום־טוב פאַר אַלעמען. מען פלעגט זיך שיקען מתנות, מען פלעגט געהן אין געסט. די וועגען האָבען געקלונגען

פון פאלקס-ליעדליך, פון די גלעקליך אויף די שליטענס, וואס האבען אויסגעזעהן ווי שיפליך, פון די מעשענע טרומייטערס, וואס איז אזוי אנגענעהם אין דער שטייפער שטילקייט פון דער קאלטע לופט. אנפאנג דעצעמבער, האט דער ווינטער זיך שוין געלאזט פיהלען. עס איז שוין אנגעפאלען א גראבער גרונט שניי. די פלינלען פון די מיהלען האבען ארויסגעשטארצט האלב אין טרויער, ווייל דער שניי אויף זיי איז געווען העלער, ווי די מיהל. דער קאנאל, וואס איז געגאנגען דורך דעם אינזעל, איז געווען פערפראָרען. באנדעס גליטשער האבען איהם צורונצעלט, אויפ'ן אייז זענען געשטאנען ביידליך, אין וועלכע מ'האט פערקויפט משקאות, ווארימען פונש, טיכליך, אלערליי צאצקעס אויף מתנות.

בעזונדערס פול איז געווען אין דער „האלבע לבנה". היינט האט מען דארט איינגעשטעלט א נייעם ארגעל, אויסגעשריבען פון קאָנטינענט. א גאנצער ארקעסטער מיט די פערשידענסטע טענער: דאס צארטע פריהמארגען-ליעד, הונדערט זינג-פויגעליך, פלייטען-טענער; קריעגס-ליעדער און שטורם-ליעדער, אפטמאל שטארק ווי א דונער. ער האט געקענט אויך שפיעלען טענץ. יעדער איז געלאָפען אהין א קוק טהאָן, א הער טהאָן. עטליכע פעסער בלאָנדען ביער האט מען ליידיג געמאכט פאר די אלע טרינקער. זיי האבען ארומגערינגעלט נייללען, וועלכע איז געשטאנען ביים שאפע און האט אלטוג געגעבען אויף די דיענסטען.

אפילו דער בורגמייסטער און דער פאסטאר זענען געקומען לכבוד דעם נייעם ארגעל. זיי האבען אוועקגעזעצט פעטער דעראא מיט זיך ביים טיש: יענער האט געהייסען ברענגען פון קעלער א פאר אלטע גוטע פלעשליך שנאפס. מיט גאוה האט ער געזאגט: „אהא, דאס ווארמט אויף שטיל, ווי די ווינטער-זון?" דער פאסטאר האט געלויבט זיין נייעם ארגעל, נאר ער האט צוגעגעבען: „א שאד נאר, וואס דאס שטאמט פון די אויסלענדערס געלד". דעראא האט א ביסעל צוטומעלט געענטפערט: „אמת טאקע, אבער ווער ענטזאגט זיך דאס פון געלד?"

דער בורגמייסטער האט א פרעג געטהאן:

— איצט זענט איהר גאר א גביר!

— א גביר! די אויסלענדער האבען געקויפט א שטיקעל פלאץ פאר'ן אייזענבאהן. פריהער האט מען גערעכענט דורכפיהרען איהם אן א זייט. נאכהער האבען זיי בעשלאסען דורכצושניידען מיין פעלד. דערפאר האב איך זיך געלאזט בעצאהלען. צי דען האב איך ניט גע-

דארפט אבלעקען דערביי א פיינדעל? זיי זענען דאך אויסלענדער.

—אט דאס זענט איהר גערעכט,—האט דער פאסטאר געענטפערט.

דער בורגמייסטער האט א פרעג געטהאן: „רוכט זיך, אז איהר האט זיך איבער דעם א ביסעל צוקריעגט מיט אייער ברודער!"

— יא,—האט געענטפערט דעראא. עס פערדריסט מיר זעהר. ער האט א קרעכץ געטהאן.—וואס בין איך שולדיג? אלץ פון קנאה. פון פאטער האבען מיר בעקומען גלייכע חלקים. איצט האט ער ניט געקענט פערטראגען, וואס איך וועל האבען מעהר פון איהם".

— דאס איז אבער געוועזען דער סוד, פארוואס אלע זענען געוועזען גליקליך אויפ'ן אינזעל,—האט דער פאסטאר געזאגט. אלע גלייך, אלע־מען גלייכע חלקים. איך האב פאראויס געזעהן, אז ווי נאר ס'וועט צו־שטערט ווערען די גלייכהייט, וועט זיך אנהויבען שנאה, קנאה, צרות. איהר האט איצט מעהר פאר אנדערע, הייסט דאס, אז איהר האט צו־פיעל.

— זאגט פשוט, אז איך בין ניט קיין ארימאן,—האט דעראא גע־ענטפערט מיט א טאן פון פעראיבעל, — איך וועל האבען מיט וואס זיך צוצוטיילען מיט ניללע'ן, אז זי וועט געפינען איהר בעשערטען.

טיטעקא האט א פרעג געטהאן: „און איך האב געמיינט, אז ז'איז אאס'עס א כלה?"

— פריהער האט זי געוואלט, נאכהער איז איהר ניט געפעלען געווארען, איך פון מיין זייט שטער ניט. איצט ווייס איך גארניט, וועגען וואס זי טראכט. זי איז צוטראגען, פערראומערט. זי מוז עפעס האבען א בעהאלטענע קלעמעניש, וואס זי וויל מיר נישט זאגען.

דער בורגמייסטער און דער פאסטאר האבען זיך ביידע אבגע־קעהרט צום בופעט, וואו ניללע איז געזעסען, בלאס און פערזארגט, אין איהרע יום-טוב'דיגע מלבושים און ציהרונג.

— א נפקא מינה! האט זיך אבגערופען טיטעקא. זי איז ריי־צענד, די שענסטע בלום פון אונזער ראסע.

דער בורגמייסטער האט בעמערקט: „זעהט נאר ווי אלץ איז היינט צוזאמען. די פערפלוכטע אויסלענדער זענען שוין נישטא. דער אינזעל בעקומט זיין פריהערדיגען אויסזעהן. גיט נאר א קוק."

דער טראקטיר איז געוועזען פול געפאקט. די יוגענד האט גע־טרונקען, געלאכט, געזונגען, געטאנצט, די פרויען זענען געוועזען אנ־געטון אין זייערע ברייטע בלוזען, קראגענס, שפיצען, געבלומטע

בענדער, סאמעטענע טאשטעס, שנורען קאראלען, די אלע אנגעהע־ דינגקייטען פון די פארצייטיגע קאסטיומען. די מאנסבילען אנגעטון אין שווארצען אויף דעם שטענדיגען שניט, אויך ציערונג, אויפ׳ן אל־ טען מנהג.

טיטעקא׳ס איינפערזינליכער פאטריאטיזם האט זיך צופלאמט. „מיר זענען געבליבען דיזעלבע! — האט ער אויסגעשריען. די אויסלענ־ דער האבען ווידער מיט אונז גארנישט געקענט מאכען. זאלען זיי גערן אנדערש־וואו טראגען זייער פראגרעס, זייער ציוויליזאציע. אלץ הייליגע הערטער פאר די נידעריגסטע פעהלער".

מיט אמאל האט זיך דער פאסטאר פערהאלטען, דערזעהענדיג, אז מען האט אויפגעהערט צו טאנצען, האטש דער ארגעל האט גע־ שפיעלט. א בשורה, וואס מען האט געבראכט פון דרויסען, האט אלעמען צוגעשמידט צום ארט. באלד האט מען דעם ארגעל אויך אבגעשטעלט. דער בורגמייסטער איז ארויסגעלאפען זיך דערוויסען, וואס ס׳איז דא געשעהן. ער איז גלייך געקומען א בלייכער צום טיש, וואו טיטעקא און דערא זענען געזעסען, און האט א זאג געטון, „שרעקליך! יאאס האט זיך געהאנגען. מען האט איהם געפונען שוין: א קאלטען אויפ׳ן בוים ביים שייד־וועג. מען האט איהם געבראכט צו זיין מוטער. די אלטע געהט אראב פון זינען, זי לויפט ארום איבער די וועגען, מיט קולות..."

ער האט נישט געענדיגט רעדען, האט זיך די טיר ברייט גע־ עפענט. ווארווארא איז אריינגעקומען, פערשטארט, ווי א טויטע. די גרויע האהר האבען געפלאטערט. מיט איין שפרונג איז זי געווען נעבען נילליע׳ן, וועלכע האט נאך פון קיין זאך נישט געוואוסט. זי האט אויסגעשטרעקט איהרע הענד, ווי שארפע נעגעל. מען האט איהר אבגעשטעלט. זי האט אלץ געשריען: „מיין יאאס איז טויט! מיין יאאס! דאס ביזטו שולדיג, דו, נידערטרעכטיגע! מיין יאאס איז טויט!"

ס׳איז געווארען א טויטע שטילקייט. דאס גרויסע, טיפע אומגליק האט ארויסגערופען ביי אלעמען אנ׳אבשיי. ווארווארא האט אלץ געשריען, ווי מיט א שטים פון אנ׳אלטער קראה אויף א חורבה: „יאאס איז טויט! יאאס איז נישטא!" נילליע איז אנידערגעפאלען אויף די הענד פון די דינסטען.

דער פאסטאר און בורגמייסטער זענען צוגעגאנגען צו דער אל־

טער, געפּרובט זי בערוהיגען מיט אלטע, קלוגע רייד. ביי איהר האבען זיך ארויסגעריסען ווערטער צוזאמען מיט טרעהרען. זי האט דערצעהלט, וואס זי האט געוואוסט. יאאס האט צופיעל געליעבט ניללען. נאר צייט די אויסלענדער זענען אנגעקומען, האט זי איהם אויפגעהערט צו ליעבען. זי האט געקענט איינעם פון זיי. נאר יאאס איז דאן געווען אזוי גרויסמוטהיג, ער האט איהר מוחל געווען. ער האט געוואלט מיט איהר גלייך חתונה האבען, נאר זי האט ווייטער נישט געוואלט. דאס אלץ האט איהר יאאס איינמאל אליין דערצעהלט.

נאכדעם איז יאאס אריינגעפאלען אין א מרה-שחורה. ער האט פערלארען צו אלץ די לוסט. גאנצע טעג פלעגט ער זיצען אליין אין שטוב. ער האט נישט געשלאפען קיין נעכט און פלעגט אומלויפען איבער די פעלדער. היינט ווען ביי אלעמען איז יום-טוב און פרעהליך, וואלט ער נאך געהאט מעהר יסורים. ער האט דאס ניט געקענט איבערלעבען. היינט אין דער פריה איז ער שוין נישט געקומען. זי איז געווארען זעהר אונרוהיג, איז געלאפען איהם זוכען. אין גיכען האט מען איהם געפונען אויפ'ן בוים, אויפ'ן זעלבען ארט, וואו מען האט געפונען יענעם אויסלענדער. און זי האט ווידער אויסגעשריען: „מיין יאאס, טויטער יאאס!" א געדאנק איז איהר דורכגעגאנגען און זי האט א זאג געטון: „נאר פארוואס האט זיך ניללע מודה געווען, אז זי האט געהאט בעציהונגען מיט א אויסלענדער. און פארוואס האט זי זיך ענטזאגט חתונה צו האבען, אז יאאס האט איהר מוחל געווען, דאס קען איך בשום אופן נישט פערשטעהן".

ניללע איז אביסעל געקומען צו זיך. זי האט געעפענט גרויסע, פייכטע, אויסגעשטארטע אויגען. זי האט זיך צוויינט אויפ'ן קול, טרעהרען האבען בעגאסען איהר געזיכט. ווארווארא האט זיך א לאז געטהאן צו איהר זי וואלט איהר געטראטען מיט די פיס, צוריסען מיט די נעגעל, געטויט אויפ'ן ארט. מען האט איהר איינגעהאלטען. זי האט זיך געבעטען ביים פאסטאר: „פרעגט איהר ביי איהר, פארוואס האט זי ניט געוואלט, ווען יאאס האט איהר מוחל געווען. פארוואס?" זי האט זיך געווענדעט צו ניללע'ן מיט תחנונים: „ניללע, ערקלער מיר. איך וועל דיר אויך מוחל זיין, ערקלער מיר." ניללע האט געפיהלט, אז מיט איהר ווידוי פאר אלעמען אין די אויגען וועט זי פטור ווערען פון איהר חטא. זי איז געווען שוין צו פיעל פערמאטערט פון איהר זינד, וועלכער קיינער האט

ניט געזעהן, אָבער וועלכע זי האָט געפיהלט אין זיך, ווי אַ שווערקייט. מיט אַ גוסס'ער שטימע האָט זי זיך געווענדט:

— וואַרוואַרא, קום אַהער צו מיר, איך וועל דיר זאָגען.

באַלד האָבען אַלע געוואוסט דעם שרעקליכען אמת. אנדערע האָבען מיטלייד געהאַט אויף נילל'ען, וועלכע האָט ניט געקענט ברענגען יאָס'ען אַ פרעמד קינד, דאָס רוב אָבער איז געווען אויפגעבראַכט.

טיטעקאַ איז געווען אַ פערשווידערטער. ער האָט זיך געשטעלט: „מיר זענען שוין ניט דיזעלבע. אונזער בלוט איז פערסמ'ט. ניללע האָט געטהאָן אַ נבלה. זי דאַרף ליידען די שטראָף."

דאָס שרעקליכע וואָרט האָט אָבגעקלונגען, ווי אַ פסק־דין. עס איז געווען אַנ'אַלטער מנהג, וועלכען מען האָט שטענדיג אָבגעהיט: אַ מין זרם פון דער געזעלשאַפט, וועלכען די איינוואוינער פלעגען אויספיהרען נאָך דעם בעפעהל פונ'ם פאַסטאָר, געגען די, וואָס האָבען פערזינדיגט. דעם מאָל האָט דאָס געטראָפען מיט אַ מיידעל, און אַלע מיידלעך האָבען געדאַרפט דעם פסק אויספיהרען. זיי זענען צוגעגאַנגען איינע נאָך דער אַנדערער צו נילל'ען, וועלכע איז געשטאַנען זיך ניט ריהרענדיג, פערוויינט. יעדער האָט איהר געדאַרפט אַראָבנעמען עפּיס פון איהר קאָסטיום. איינער האָט איהר אַראָבגעריסען די שפּיצען פון איהר יאַקעל, די אַנדערע — די גאָלדענע שפּילקע; אַ דריטע — דעם שטערענבאַנד, די ברייטע רינגען. פון יעדען צופּ איז זי געוואָרען אַלץ נאַקעטער, אַלץ פינסטערער, פערלירענדיג דעם בונטען לאַנדקאָסטיום.

טיטעקאַ האָט אויסגעשריען: זעהט, וואָס פון אונז וועט ווערען. ניללע געהט שוין ניט אָנגעטהאָן ווי מיר. זי איז טאַקע אַנ'אויסלענדערס אַ ווייב."

ניללע האָט געוויינט זעהענדיג ווי עס פאַלען אָב איינער נאָך דעם אַנדערן איהרע בלישצענדע ציערונג. זי האָט, דוכט זיך, אָנגעטהאָן טרויער נאָך זיך אַליין...

טיטעקאַ איז געווען שטאַרק צורודערט פון די נייע ענטדעקונגען. ער האָט פאַראויסגעזאָגט די ערגסטע צוקונפט. „מיר האָבען אויך געדאַרפט אַראָבנעמען אונזערע קליידער, בעשיטען מיט אַש דעם קאָפּ און אָנטהון זיך טרויער. דאָס אומגליק איז צווישען אונז. די אויסלענדער האָבען אונז אומגעבראַכט, זיי האָבען אונז געבראַכט אַלע צרות: שכרות, שנאה, קנאה, און דערצו נאָך זעלבסטמאָרד, פון וועלכען מען האָט ביי אונז ניט געוואוסט, זעלבסטמאָרד איז אָנשטעקענד. דערפאַר

גופא האָט זיך יאָגס געהאַנגען אויפ'ן זעלבען אָרט, וואָס דער גע־לער אויסלענדער. איצט וועלען איהם אַנדערע נאָכטון.

— אונטערזוגען דעם בוים! האָט זיך דערהערט אַ שטים.

— אונטערזוגען דעם בוים, האָבען אַנדערע נאָכגעשריען. ס'איז געוואָרען אַ גרויסע שטופעניש צום טיר. דער גאַנצער עולם האָט זיך אַ לאָז געטון איבער דעם ווייסען, מיט שניי בעדעקטען פעלד. אויפ'ן וועג האָבען איייניגע פערכאַפּט העק, פּאַקעלן, אַ ווייַלע איז מען געבליבען אונענטשלאָסען. אונטערזעגען אָדער אָנצינדען?

דער בוים האָט זיך אַ בויג געטון, ברייט און שטאַרק. זיינע צווייַגען האָבען געוויגט זיך אין דער לופט, עס האָט זיך אויסגע־דוכט, אַז מען קען איהם נישט בייקומען. אַ בלוילילער שנייַ איז געהאַנגען אויף די צווייַגען, האָט זיי בעצירערט מיט אַ מאַטאָווען זיל־בער און לייַכטען טיול. קראַפט, בעדעקט מיט ווייַסקייט.

דער שטאַם איז געשטאַנען, ווי אַ בראָנזענער. אין די אויסגע־שניטענע נעמען איז נישט געווען קיין אייז. נעמען פון נייַע פער־ליעבטע האָבען געגלאַנצט, ווי זילבער, איבער די אָבגעמעקטע אַל־טע. יעדער האָט אין איהם געזעהן אַ טייל פון זיך אַליין. קיינער האָט נישט געוואַגט צו געבען דעם ערשטען קלאַפּ. אַ קלאַפּ איהם, דאָס וואָלט געווען אַ קלאַפּ זיך אין הארצען. נאָר דער בוים איז אויך בעגאַנגען אַ זינד. פון אַ בוים פון ליבע איז ער געוואָרען אַ בוים פון טויט. ער האָט איצט געגאַרט נאָך געפאַנגענע, ווי פריהער נאָך געליבטע.

דער בוים איז מיט אַמאָל געוואָרען רויט. פּאַקעלן האָבען איהם אונטערגעצונדען. די פלאַמען האָבען זיך פערמעהרט. איין פלאַם האָט גלייך צושמאָלצען דעם שניי, דעם דינעם זילבער אויף די צווייַגען. די צווייַגען האָבען זיך אָנגעכאַפּט, נאָר דער שטאַם איז געבליבען אונבעריהרט, ווי דער פייער וואָלט איהם נישט קענען בייַ־קומען. אַ שטאַרקער קאַלטער ווינד האָט געלאָשען די פלאַמען. דער בוים איז געבליבען שטעהן נאַקעט, שוואַרץ, אויפ'ן גרונד פון הי־מעל. אַלע האָבען אַ טראַכט געטון וועגען ניללען. דער בוים איז געווען געגליכען צו איהר. ער האָט אויך פערלאָרען זיין צירונג, זיינע דינע צווייַגען.

נילע וועט אויך ווייטער דערצעהלען פון ליעבע צום אויסלענ־

דער. דער בוים וועט ווייטער דערצעהלען וועגען טויט פון אויס-
לענדער. אויפ'ן אינזעל, וועלכער איז ביז אהער געווען גליקליך מיט
זיין נאהענטקייט צו דער נאטור, האט זיך בעוויזען א אומגליק, אונ-
פערמיידליך, ווי די ציוויליזאציע, וועלכע האט פערדארבען גיללען,
פערדארבען דעם בוים.

יעדער האט זיך אומגעקעהרט צוריק, טראכטענדיג וועגען ני-
ללעם צוקינפטיגען קינד פון דעם אויסלענדער, פון וועלכען עס וועט
זיך אנהויבען אויפ'ן אינזעל א נייע ראסע.

א י ב ע ר ז ע צ ט

משה סטאַווסקי.

ליעבע.

בין איך געוואונשען אָדער איבערדריסיג, רוף איך אַרויס פּערזאָנג אָדער גלייכגילטיגקייט. לייענסטו מיינע בריעף מיט הארץ קלאַפּונג אָדער מיינע בריעף ווערען נישט אויפגעמאַכט. ווערען מיינע בריעף געהיט צום ברוסט אונטער דיין מיידעלשע בלוזע פּערטוליעט אָדער פערוואָרפען און מיט דעם מיסט אַרויסגעקעהרט...

מיר איז אַלעם איינס.

איך בין ווי די זון, ווי דער שטורם. איך גיב מיר אַליין איך טראָג מיר איינגאַנצען, איך זאָג וואָס דאָס הארץ הייסט מיר. איך ווייס נישט פון קיין חשבון. ווייל אַנדערש קען איך נישט...

און זאָל איך אַ שטיין אויף מיין וועג טרעפען וועל איך איהם מיט מיין ווייכקייט אָנשטעקען. מיט מיינע ־יינע קושען אויפלעבען און פּיהלענד מאַכען.

און זאָל דאָס אַנ׳אייז־פעלד זיין. וועט דאָס אין מיינע אָרעמס, אויף מיין שטאָהל פלאַמענד ברוסט, אין דער הויך פון מיין אָטעם. צוגעהן און זודיג ווערען.

איך קום ווייל איך מוז, ווייל אַנדערש קען איך נישט, ווייל אַנדערש וואָלט איך פאַלש געווען, ווייל אַנדערש וואָלט איך צו זיך אַליין געזינדיגט.

און טרעף איך מיין געליעבטער דרימלען מיעד בלייך מיט אַ נישט־אויסגעווייגטע טרעהר אויף די קינדישע ברעמען מיט אַ נאָך־נישט אויסגעזאָגטען סוד אויף די בלייך ראָזאָווע ליפּען, וואַרף איך אונטער׳ן טהיר מיינע שיך אַראָפּ. ווי אין אַ בית־המקדש. און באָרוועס אויף די

שפיץ פינגער ווי נעבען א פערטרויטט קינד, ווי נעבען א קראנק שוועסטער, געה איך צו איהר צו. איך האלט מיין אטעם איין, איך שלינג די לופט וואס ארום איהר, איך שמעק דעם שמייכעל וואס האט זיך אין שלאף אויף איהרע ליפען צוגאסען.

דערנאך קוש איך אין דער שטיל איהרע הענד די שפיצען פינגער. די אין זייד-פערוועבטע ברעמען, שטעהט אב אויף זיי מיין הויך דעם לעבענס טוי. און פארזיכטיג הינטערוועגס פערלאז איך מיין בית-המקדש.

פרעג נישט פארוואס? צו וואס?

איך ווייס אויך נישט. איך ווייס נאך ווייניגער ווי דו...

בערג-געשיכטען

הײנריך הײנע.

בערג=געשיכטען. *)

װי זײ טרױמען, די פּאָעטען,
אױך אפילו די דרעסירטע!
און זײ זינגען און זײ זאָגען:
די נאַטור איז גאָטס א טעמפּעל!

איז א טעמפּעל גרױס און פּרעכטיג,
װאָס דערצעהלט פון בורא׳ס װאונדער,
זון, לבנה, שטערן הענגען
דאָרט, װי מנורות אין בית=מקדש.

דאָך איהר ליעבע גוטע מענשען!
זענט זיך מודה, אין דעם טעמפּעל
איז נישטאָ קײן טרעפּ בעקװעמע —
אַלע טרעפּ שלעכט אונגעװעהנליך.

שטײגען אױבען און באַלד אונטען,
דראַפּען זיך אױף בערג און שפּרינגען
איבער קלעצער, — דאָס פערמאַטערט
מײנע פיס און מײן נשמה.

*) פון הײנעס פּאָעמא „אַטא טראָל“.

נעבען מיר ט׳געשפריזט לאסקארא,
בלאס און לאנג אזוי ווי׳א ליכטעל!
נישט קיין שמייכעל, שטענדיג שטום איז
ער, דער טויטער זוהן פון בשוף.

יא, מען זאגט, ער איז א טויטער,
לאנג געשטארבען, נאר דורך כשוף
פון זיין מוטער זעהט ער אלץ נאך
אוים אזוי ווי ער וואלט לעבען. —

זייט פערפלוכט איהר טרעפ פון טעמפעל!
כ׳קען עד־היום נישט בעגרייפען,
ווי אזוי איך האב קיין איין מאל
נישט געבראכען האלז און נאקען

ווי די וואסערפאלען רוישען!
און דער ווינד — ער פאטשט די טאנען,
אוש זיי ברומען! פלוצלונג פלאצען
אויף די וואלקענס — שלעכטעס העטער!

אין דעם קליינעם פישערהייזעל
האבען מיר ביים „לאק־דע־גאבע
שוין געפונען און פארעלען,
מיט א טעם פון דעם גן־עדן.

אין דעם וויינען שטוהל געזעסען,
קראנק און גרוי, דער אלטער פישער,
און איהם צוגעזעהען האבען
צוויי מלאכים — זיינע ניכטען.

צוויי מלאכים — דיק און פלעמיש,
ווי אנטלאפען פון די ראהמען
פון ארובענס: גאלדנע לאקען
און געזונדע, קלארע אויגען.

אין די רויטע באַקען גריבליך
וועלכע לאַכען אזוי שעלמיש,
און די גליעדער שטאַרק, עלאַסטיש,
לוסט און שרעק צוגלייך דערוועקען.

פיינע, הערצליכע געשטאַלטען
האָבען דיספוטירט מיט פייער:
וואָסער טראַנק דעם שלאַפען פעטער
וועט צום בעסטען וואויל בעקומען?

גיט איהם איינער אַ רפואה
פון געקאָכטע לינדען־בלעטער,
איז די צווייטע איהם מכבד
מיט האָלונדער־בלומען־אויפגוס.

„כ'וויל קיין זאַך אָבער נישט טרינקען", —
זאָגט דער אַלטער אונגעדולדיג:
„בעסער ברייננגט די געסט אַ ביסעל
וויין, דאָס איז דער וואוילסטער כבוד!" —

צי ס'איז ווירקליך ווייַן געוועזען,
וואָס איך האָב געטרונקען דאָרטען,
ווייס איך נישט. אין ברוינשווייג וואָלט אין
מיינען, אַז דאָס איז גאָר „מוממע". *)

פון דעם בעסטען שוואַרצען באָקפּעל
איז געווען דער לאָגעל, וואָס האָט
גאָר אַ וואונדער ווי געשמונקען;
דאָך דעם אַלטען גאָר גענעזען!

ער האָט אונז דערצעהלט די מעשים
פון די שמוגלער און באַנדיטען,
וועלכע לעבען פראַנק און פריי זיך
אין די פירענייען־וועלדער.

*) אַ סאָרט זעהר פשוט'ע ביער.

אויך פון אוראַלטע געשיכטען
האָט ער פיעל געוואוסט. צום ביישפיעל
וועגען די מלחמות צווישען
די גיגאַנטען און די בערען.

יאָ, אמאָל האָבען געקעמפפט דאָ
ריעזען, בערען פאַר דער הערשאַפט
פון די בערג און טאָלען, איידער
ס'האָט דער מענש זיך דאָ בעוויזען.

ביי דעם אָנקומען פון מענשען
זענען פון דעם לאַנד אנטלאָפפען
די גיגאַנטען; וועניג מח
שטעקט אין גרויסע קעפּ אזעלכע.

אויך דערצעהלט מען: די גולמים,
צונעקומען צו דעם ברעג ים
און דערזעהן — אין בלויען וואסער
איז דער הימעל אָבגעשפּיגעלט, —

האָבען זיי געמיינט, דער ים איז
דאָס דער הימעל, און געוואָרפען
זיך, אויף גאָטס בעראָט, אין וואסער
און זיך אַלע דאָרט דערטרונקען.

און וואָס אַנבעלאַנגט די בערען,
ווערען זיי פון מענש פערטיליגט
ביסליכווייז, ס'ווערט וואָס א יאָהר אַלץ
קנאַפּער זייער צאָהל אין באַרגלאַנד.

„אָט אַזוי דאָס רעדעל דרעהט זיך", —
האָט גערעדט דער אַלטער פישער, —
„נאָך דעם אונטערגאַנג פון מענשען
קומט די הערשאַפט פון די צווערגען;

פון די קלײנע קלוגע לײטליך,
װעלכע לעבען אין דעם בארג-שױס,
װאו זײ זאמלען זעהר פלײסיג
אוצרות אין די גאלדנע שאכטען.

כ'פלעג בײם שײן פון דער לבנה
זעהן אלײן, װי ס'פלעגען לױערן
פון די לעכער זײערע קעפליך, —
אך, איך שרעק זיך פאר דער צוקונפט!

פאר דער געלדמאכט פון די שנעקעס;
כ'שרעק זיך: אונזערע קינדס-קינדער
װעלען װי די קלוגע ריזען
זיך אין װאסער-הימעל װארפען!"

II

אין דעם שװארצען פעלזען-קעסעל
רוהט דאס טיפע זעע-װאסער.
מעלאנכאליש בלײכע שטערן
טיעף אין הימעל. נאכט און שטילקײט.

נאכט און שטילקײט. רודער-שטױסען.
װי א סוד פון רױשיג װאסער
שװימט דאס שיפעל. און די ניכטען
פיהרען אױס די ראל דעם פעטערס.

רודערן פלינק און פרײ. די הױלע
ארימס מאנכמאל אין דער פינסטער
לײכטען, און בעגלאנצט פון שטערן,
לײכטען אױך די בלױע אױגען.

בײַ דער זײַט מיר זיצט לאַסקאַראַ,
ווי געוועהנליך בלאַס און שווײַגזאַם,
און עס ענטפערט מיר אין מוח:
איז ער ווירקליך דען אַ טויטער?

כ׳בין פֿיליַיכט אַליין געשטאָרבען,
און איך שיף זיך איצט אַרונטער
מיט געשטאָרבענע חברים
אין דאָס לאַנד פֿון קאַלטע שאָטענס?

ניין, איך בין נאָך נישט געשטאָרבען
און פֿערלאָשען. אין מיין הארצען
גליהט די פֿלאַם און פֿלאַקערט פֿרעהליך
פֿון דעם לעבעדיגען לעבען.

אַט די מיידליך, וואָס די רודעס
לוסטיג טרײַבען און אויך אָפֿטמאָל
מיך בעשפריצען מיט דעם וואַסער,
שטיפֿענדיג און שעלמיש לאַכענד—

אַט די פֿרישע דיקע מוידען
זענען שוין געוויס קיין גייסטער,
ניט קיין שאָטענס פֿון דעם גיהנם,
אויך ניט פּראָזערפּינעס דיענסטען.

און כדי דערגעהן אויף זיכער,
אַז זיי האָבען אַ ממשות,
פֿאַקטיש זיך צו איבערצייגען,
אַז אויך איך בין פֿול מיט לעבען, —

האָב איך האַסטיג מיינע ליפּען
צו די גריבעליך די רויטע
צוגעדריקט, און קלוג געדרונגען:
יאָ, איך קוש דאָך — אַלזאָ לעב איך!

אויפ'ן ברעג האָב איך נאָך איינמאָל
אויסגעקושט די גוטע מיידליך,
קיין שום אנדערע מטבעות
האָבען זיי נישט געוואָלט נעהמען.

III

פּיאָלעטע בעטנער־שפּיצען
לאַכען ליעב מיט גאָלד און שטראַהלען,
און אַ דערפעל הענגט אין לופטען,
ווי אַ נעסט פון דרייסטע פייגעל.

אויפגעדראַפּעט זיך אַהינצו,
האָב איך קיינעם ניט געטראָפען
פון די אַלטע, נאָר דאָס קליינוואַרג
איז געווען, וואָס קען נישט פליהען.

פייַנע יונגליך, קליינע מיידליך,
איינגעפּאַסט אין רויטע, ווייַסע
וואָלנע קאַפּערס, האָבען דרויסען
זיך געשפּיעלט אין חתן־כלה.

האָבען זיך נישט געלאָזט שטערען:
כ'האָב געזעהן, ווי דער פערליעבטער
מייזעל־פּרינץ האָט היים געבוקט זיך
צו דער קעציגער בת־מלכה.

אָרמער פּרינץ! ער ווערט פער'קנס'ט
מיט דער בת־מלכה, זי גיט איהם
גלייך אַ חאַפּ און בייסט און פרעסט איהם;
טויט די מויז דאָס שפּיעל איז אויס.

כ׳האָב פערבראַכט דעם גאַנצען טאָג באַלד
ביי די קינדער, און געפּלוידערט.
ס׳האָט זיך שטאַרק געוואָלט זיי וויסען,
ווער איך בין, נאָך וואָס געקומען?

ליבע פריינד! — האָב איך געזאָגט זיי —
דייטשלאַנד הייסט מיין לאַנד און היימאַט;
ס׳איז דאָרט דאָ אַ גוזמא בערען,
דרום בין איך אַ בערען-יעגער.

כ׳האָב איבער די בערען-אויערן
נישט איין מאָל שוין אָבגעצויגען.
אמת, שטאַרק צודראַפּען פלעגען
מיר אַמאָל די בערען-נעגעל.

אָבער אַלע טאָג אַנ׳עסק
האָבען מיט פערוואַקסענע פּראַים
אין מיין ליבער היימאַט האָט מיר
ענדליך שטאַרק זיך צוגעגעסען.

און איך בין אַהער געקומען
עפּעס בעסערס אויפצוזוכען׳
כ׳וויל זיך מיט מיין קראַפט פערמעסטען
מיט דעם גרויסען אַטטאַ טראָל.

ס׳איז אַנ׳אָנשטענדיגער געגנער
און אַנ׳איידלער. אַך, אין דייטשלאַנד
פליעג איך אָבהאַלטען נצחונות,
וואָס איך פלעג זיך מיט זיי שעמען — —

ביים געזעגענען זיך האָבען
מיך די קליינע אומגערינגעלט
און געטאַנצט און צוגעזונגען:
„זשיראָפּלינאַ, זשיראָפּלעטאַ!“

דרייסט קאָקעט אַרויסגעטראָטען
איז צום סוף פאַר מיר די יונגסטע,
און פערנויגט זיך צוויי, דריי, פיער מאָל,
זיך צוזונגען אויף אַ קולכעל:

„ווען ס'בעגעגענט מיך דער קעניג,
מאַך איך איהם צוויי רעווערענסען,
און בעגעגענט מיך די מלכה,
מאַך איך רעווערענסען דריי.

אָבער ווען עס קומט דער טייוועל
מיר אין וועג מיט זיינע הערנער,
קניקס איך צווייטאָל, דריימאָל, פיערמאָל —
זשיראָפלינאָ, זשיראָפלעטע?"

„זשיראָפלינאָ, זשיראָפלעטע!"
ענטפערט איהר דער כאָר, און שטיפּריש
דרעהט דער קאַראַהאָד זיך האַסטיג
אַרום מיינע פים מיט זינג'אַנג.

בעת איך בין אין טאָל געשטיגען,
האָט נאָך אַלץ געשאַלט אָהן אויפהער,
ליעבליך, ווי די פויגעל-ליעדער:
„זשיראָפלינאָ, זשיראָפלעטע!"

IV

אונגעהוירע פעלזען-שטיקער,
ווי געשטאַלטען ווילד-צוקרימטע
קוקען גלייך ווי וואונדער-חיות,
לאַנג, פאַרצייטענס שוין פערשטיינערט.

זעלטזאם! גרויע וואלקענס שוועבען
איבער זיי, ווי דאפעל-געהער;
פונקט אזוי ווי'א בלייכעס אבבילד
פון די ווילדע שטיינפיגורען.

און עס שטורמען וואסער-פאלען,
און דער ווינד וויינט אין די סאסנעס!
א געוויש, פול מיט אכזריות
און פאטאל ווי די פערצווייפלונג.

שוידערליכע איינזאמקייטען!
מחנות שווארצע פייגעל זיצען
אויף צופוילטע טאנען-צווייגען,
פלאטערן פויל מיט זייערע פליגלען.

נעבען מיר געהט הערר לאסקארא,
בלאס און שוויינזאם, און איך גופ'ז
מוז אויסזעהען ווי דער וואהנזין,
וועלכען עס בעגלייט דער טויט.

ס'אר א העסליך ווימטע געגענד!
איז זי אפשר גאר פערשאלטען?
און מיר דאכט זיך, אז בלוט זעה איך
אויף די ווארצלען פון די בוימער.

אונטער איין בוים שטעהט א הייזעל
ווי פערשעמט אויף העלפט פערזונקען
אין דער ערד; ווי מיט תחנונים
קוקט אויף דיר דאס ארמע שטרוידאך.

און עס וואוינען אין דעם הייזעל
די קאגאטען, ס'איז א זכר
פון א שבט, טיעף אין חשך
לעבען זיי א קלעגליך לעבען.

און די הערצער פון די באַסקער
ליעגט ער־היום נאָך אַנ'עקעל
צו קאַנאָשען, אַ ירושה
פון דעם פינסטערן פאַנאַטיזם.

אין דעם קלויסטער פון באַניער איז
דאָ אַנ'אײנג פערגראַטעט טירעל;
אָט דאָס טירעל איז געוועזען
ספּעציעל פאַר די קאַנאָטען.

שטרענג געווען איז זײ פערבאָטען
יעדער אנדערער אַרײַנגאַנג,
קומען פלעגען זײ אין גאָט'ס הויז,
גלײך זײ וואָלטען זיך גע'גנב'עט.

דאָרטען אויף אַ נידריג בענקעל,
פלעגט דער קאַנאָט דאַוונען אײנזאַם,
אָבגעזונדערט פון דער קהילה,
ווי אַ שונא פון דער מחנה. —

אָבער די געבענשטע ליכט פון
דעם יאָהרהונדערט פלאַקערן לוסטיג,
און דער שײַן פעריאָגט די בײזע
מיטעל־אַלטערליכע שאָטענס! —

באַסקאַראָ ז'געבליבען דרויסען,
און איך בין אַרײַן צום קאַנאָט
אין דאָס נידעריגע הײַזעל
און דערלאַנגט די האַנד דעם ברודער.

אויך געקושט האָב איך זײַן קינד, וואָס
צונעטוליעט זיך צום בוזים
פון זײַן מוטער און געווינען,
צו אַ קראַנקער שפּין געגליכען.

V

קוקסטו אויף די בערגער־שפּיצען
פון דער ווײַטענס, שטראַהלען ראָן זיי,
ווי בעצירהרט מיט גאָלד און פּורפּור,
פירסטליך שטאָלץ אין זון זיי גלאַנצען.

אָבער אין דער נאָהנט פערשוואונדען
ווערט די פּראַכט, און זוי ווי אנדרע
ערדישע ערהאַבענהײַטען,
נאַרען דיך די ליכט־עפעקטען.

וואָס דו האָסט פאַר גאָלד און פּורפּור
אָנגענומען, איז נישט מעהר ווי
פּוסטע שניי, וואָס בלײַך און קלעגליך
אין דער אײַנזאַמקײַט זיך לאַנגווײַלט.

אין דער נאָהנט האָב איך געהערט ווי
ס'האָט דער אָרמער שניי געקניסטערט
און פאַר שלעכטע קאַלטע ווינדען
אויסגעקלאָגט זײַן ווײַסען עלענד.

„אָ, ווי לאַנגזאַם" — זיפצט ער — „קריכען
אין דער מדבר דאָ די שעה'ן!
אָהן א סוף די וויסטע שעה'ן,
ווי פערפראָרנע אײַביגקײַטען!

אַי, איך אָרמער שניי! ווען איך וואָלט
שטאָט דאָ אויף די בערג צו ליעגען,
אין דעם טאָל אַראָבגעפאַלען,
אין דעם טאָל, וואו בלומען בליהען!

דאַן וואָלט איך צוגעהן און ווערען
צו אַ טײַכעל, און די שענסטע
מיידליך אין דאָרף וואָלט מײַן וואַסער
לאַכענד דאָס געזיכט געוואַשען.

כ׳האָלט גאָר אפשר צוגעשוואומען
ביז צום ים, וואו איך וואָלט קענען
אין אַ פערל זיך פערוואַנדלען
און אַ קעניגס קרוין בעציהרען.

זעלבע רייד דערהערט, געזאָגט האָב
איך: „מײַן ליעבסטער שני, איך צווייפעל,
אַז אין טאָל זאָל דיר ערוואַרטען
אַזאַ גלענצענדע מערכה.

טרײַסט דיך. ווענינער נאָך אונטען
הערען פערלען, דו וואָלסט אפשר
אין אַ לוזשע נאָר געפאַלען
און צו קויט און שמוץ געוואָרען!“

בעת איך האָב אַזוי געשמועסט
מיט דעם שני, דערהערט האָט פלוצלונג
זיך אַ שאָס און פון דער לופטען
פאַלט אַראָב אַ ברוינער שפּאַרבער.

ס׳איז אַ יעגער־שפּאַס געוועזען
פון לאַסקאַראָן. דאָך ווי שטענדיג
בלייבט זײַן פּנים שטאַר און ערנסט.
נאָר די ביקס האָט זיך געריכערט.

פון דעם פייגעלס עק אַ פעדער
האָט ער שווײַגענד אויסגעריסען,
אײַנגעשטעקט זי אין זײַן פילץ־הוט
און זײַן וועג געגאַנגען ווײַטער.

און ס'האָט אויסגעזעהן אונהיימליך,
ווי זיין לאנגער שווארצער שאָטען
האָט געהיימניספול בעוועגט זיך
אויף די ווייס-בעשנייטע בערגער.

VI

ווי אַ גאַס אַ מאָל פערהאַן איז,
וועלכער הייסט „דער וועג פון גייסטער",
ביי די זייטען שארפע פעלזען
שטייגען שווינדלענדיג צום הימעל.

און עס הענגט איבער דעם תהום דאָרט
ווי אַ שומר אין דער מדבר
ס'קליינע הייזעל פון אוראַקאַ;
כ'בין געגאַנגען נאָך לאַסקאַראַ'ן,

אין אַ שפּראַך פון מאָדנע צייכענס
מיט דער מוטער ראַט געהאַלטען
האָט לאַסקאַראַ, ווי צו פּאַקען
און צו טויטען אַטטאַ טראָל'ן.

וויל מיר האָבען אויסגעשפּירט איהם
און פון אונז אַנטרינען האָט ער
נישט געקענט. געצעהלטע זענען
דיינע טעג, אַ אַטטאַ טראָל!

צי די אַלטע איז באמת
אַזאַ גרויסע מכשפה,
ווי ס'פערזיכערן די לייט, וואָס
וואוינען אין די פירענייען —

װעל איך אײך נישט זאָגען. כ'װײס נאָר
אַז פּערדעלעכטיג איז זי זעהר
אױסערליך. פּערדעלעכטיג זעהר
טרעהרען איהרע רױטע אױגען.

בײז און ניפּטיג איז איהר בליק;
און מען זאָגט, אַז פון איהר קוק גאָר
טריקענט גלײך די גאַנצע מילך אױס
בײ די בהמות אין די אײטער.

מען דערציעהלט, אַז גליטענדיג מיט
איהרע דאַרע הענד, האָט זי שױן
נישט אײן פּעטען שװײן געפּטרט
און זאָגאַר די שטאַרקסטע אָקסען.

פאַר אַזעלכע מעשים האָט מען
אױף איהר אָפּטמאָל אָנגעגעבען
אין געריכט, אָבער דער ריכטער
איז געװעזען אַנ'אַפּיקורוס.

פון די הײנטיגע יונגאַטשעס,
אָהן טיעפזיניגקײט און גלױבען,
און די מאָהנער זענען סקעפּטיש
שיער נישט אױסגעלאַכט געװאָרען.

אָפּיציעל איז איהר געשעפט דאָך
זעהר אָרענטליך: אוראַקאַ
האַנדעלט מיט געשטאָפּטע פײגעל
און מיט בערג־קרײטער און גראָזען.

מיט דער סחורה איז געװעזען
פול דאָס הײזעל; ס'האָבען שרעקליך
דאָרט געשמעקט די קרײטער, װאַרצלען,
בלומען און די טױטע פײגעל.

אויסגעצײכענט איז געװעזען
די קאלעקציע פון די שפארבער,
מיט די אויסגעשטרעקטע פליגלען
און די אונגעהױרע שנאבלען.

האבען דאס די װילדע פלאנצען
מיך פערשכור׳ט מיט דעם ריח?
כ׳האב געפיהלט זיך עפעס מארנע
אין קאמפאניע מיט די פײגעל.

אפשר זענען עס גאר מענשען,
װעלכע זײנען דורך א כשוף
לאנג מגולגל שוין געװארען
אין די אנגעשטאפטע פײגעל?

קוקען אזוי שטאר און לײדענד
און צוגלײך װי אונגעדולדיג;
אפטמאל דאכט, זיך אז זײ װארפען
קרומע בליקען אויף דער אלטער.

אבער זי, אוראקא, זיצט זיך
אויף די קניה נעבען לאסקארא׳ן
בײ דעם אויװען, זוהן און מיטער
קאכען בלײ און גיסען קוילען.

יענע כשוף-קוילען, װעלכע
װעלען אטמא טרא׳ן טויטען.
װי די פלאמען בליצען האסטיג
אויף דער מכשפה׳ס פנים.

זי בעװעגט די דינע ליפען
אהן אנ׳אויפהער, אהן א קלאנג אויך.
מורמעלט זי א כשוף-ברכה,
אז די קויל זאל זײן געראטען?

מאנכמאל לאזט זי ווילד און שאקעלט
צו איהר זוהן צו .. אבער יענער
אין געשעפט אזוי פערטאן איז,
שטום אזוי ווי פונקט דער טויט.

שווער בערריקט פון אלע אומות,
בין איך, — פרייע לופט צו שעפען —
צו צום פענסטער, און גענומען
קוקען אין דעם ווייטען טאל.

וואס איך האב געזעהען דאמאלס —
צווישען צוועלף און איינס דעם ווייזער —
וועל איך טריי און פיין בעשרייבען
אין די ווייטערע קאפיטלען.

VII

ס׳איז געווען אין האלבען חודש,
אין דער נאכט פון סאנקט-יאהאנים,
ווען עס פליהען די נישט-גוטע
אויף געיעג אין „טאל פון גייסטער״,

פון דער מכשפה׳ס פענסטער
האב איך גוט געקענט בעטראכטען
די געשפענסטער-מחנה, וועלכע
האט זיך דורך דעם טאל געצויגען.

כ׳האב געהאט א פלאץ א גוטען
דעם ספעקטאקעל אנצוקוקען:
כ׳האב געזעהן די גאנצע שמחה
פון די מתים אום די קברים.

בײַטשען קנאַקען, יעגער שרײַען,
פערד — זײ הירזשען, הינט — זײ בילען.
שופרות שאַלען, ס'קלינגט געלעכטער!
ווי עס הילכט פון אַלע זײַטען!

ווי אַנ'אַוואַנגאַרד געלאָפען
איז פאָראויס אַ גאַנצע מחנה
הירשען און חזרים ווילדע;
הינטער זײ אַ מענגע העץ-הינט,

יעגער פון פערשידנע לענדער
און פון גאָר פערשידנע צײַטען;
נעבען נמרוד מלך אשור
רײַט צום בײַשפּיעל קאַרל צעהנטער.

אויך אַ סך געדאַנקען-העלדען
אין דעם צוג האָב איך געזעהען.
כ'האָב דערקענט אונזער וואָלפגאַנג'ן
אין דעם קלאָרען גלאַנץ פון ד'אויגען —

ווײַל פערמשפּט פון הענגסטענבערג,
קען ער נישט אין קבר רוהען,
מיט אַ כנופיא געצענדיענער
זעצט ער פאָר דעם לעבענס יאַגדלוסט.

אין דעם ליעבען שמײכעל האָב איך
וויליאַמען דערקענט. אויך ער איז
דאָך פערפלוכט פון פוריטאַנער.
און דער דאָזיגער בעל-עבירה

מוז דאָס ווילדע חיל בעגלײַטען
בײַנאַכט אויף אַ פערד אַ שוואַרצען.
אויף אַנ'אײזעל האָט געריטען
נעבען איהם אַ מענש — אַ, הימעל!

הויך אויף ווייסע פערד געטראָגען
האָבען זיי זיך, נאָכגעגאַנגען
צו פוס זענען די פּיקערען
און די פּאַזשען מיט די פאַקלען.

אין דעם ערב־רב דעם ווילטען
האָבען מיר געשייַנט בעקאַנטע,
איז דער גאָלד־געקליידטער ריטער
נישט אמאָל דער קעניג אַרטוס?

איז עס נישט אָזשיע דער דענער —
יענער אין דעם פינקלענד־גרינעם
פּאַנצער, וואָס אין איהם זעהט ער אוים
ווי אַ רעגען־פראָש אַ גרויסער?

אין דער מאַטער תפלה־מינע,
אין דער יאַרמאָלקע דער פרומער,
אין דעם טיעפען שרעק דערקען איך
אונזער אַלטען פריינד פראַנץ האָרן,

ווייל ער האָט אמאָל שעקספּיר'ן
קאָמענטירט, מוז ער איצט נעבאַך
נאָכ'ן טויט מיט איהם אַלץ רייטען
אין דעם ווילדען יאַגד־געטומעל!

אך, מיין שטילער פראַנץ מוז רייטען,
ער, וואָס קוים געוואַגט צו געהן האָט.
ער, וואָס פלעגט זיך נאָר בעוועגען
ביים טיי־שמועס און ביים דאַווגען!

וואָלטען זיך די אַלטע מוידען,
וואָס געקוויקט אמאָל דאָס האַרץ איהם,
נישט דערשראָקען, ווען זיי הערען,
אַז פראַנץ איז אַ ווילדער יענער?

אין נאַלאַפּ דער גרויסער וויליאַם
פלעגט אָפטמאָל מיט שפּאַט אַ קוק טאָן.
ווי דער אָרמער קאָמענדאַנטאָר
שלעפּט זיך נאָך איהם אויפ'ן איזעל

גאָר אָהן כחות, פּעמט זיך האַלטענד
אָן דעם זאָטעל, און מוז נעבאַך
נבאָ'ן טויט אויך, ווי ביים לעבען,
טריי נאָכפאָלגען נאָך זיין אויטאָר.

אויך געזעהן האָב איך פיעל דאַמען
אין דער ווילדער גייסטער־מחנה,
וואונדערשענע נימפען, מיט די
שלאַנקע יונגענדליכע לייבער.

אַלע אויף די פערד געריטען,
מיטהאָלאָגיש מוטערנאַקעט,
נאָר די לאָקען האָהר צעוואָרפען
לאַנג אַראָב, ווי גאָלדנע מאַנטלען.

אויף די קעפּ געטראָגען קראַנצען,
און קאַקעט צוריקגעבויגען
אין פערשיידענע פּאָזעס, האָבען
זיי געפאָכט מיט ווייַנען־שטעקענס.

נעבען זיי געזעהן האָב איך אויך
ריטער־פרייליינס, שטייף פערשפּיליעט
זיצענדיג אויף דאַמען־זאָטלען,
און די פאַלקען אויף דער האַנד.

הינטער זיי, ווי אַ פּאַראָדיע,
אויף משונה דאַרע קליאַטשעס
האָבען וייבער נאָכגעריטען
קאָמיש, דיאַנטיש אויסגעפּוצטע.

די געווילטער רייצענד ליעבליך,
אבער אויך א ביסעל חצופיש.
און געשריען ווי משוגע
מיט די פרעך געפארבטע באקען.

ווי דאס ווידערקול הילכט לוסטיג!
שופרות=טענער און געלעכטער!
פערד=געוויהער, הינד=געבילען!
בייטשען=קנאק, „האללא" און „הוססא!"

איבערזעצט זלמן רייזען.

הײנריך הײנע.

ליעדער.

I

זײ האבען מיך געפײניגט,
געערגערט מיך ביז בעס:
די אײנע מיט איהר ליעבע,
די אנדרע מיט איהר האס.

דאס עסען מיר פערגיפטעט,
געגאסען גיפט אין טאס:
די אײנע מיט איהר ליעבע,
די אנדרע מיט איהר האס.

דאך די, וואס האט מיך מעהרער
געערגערט און בעטריבט,
געהאסט האט זי מיך קײנמאל
און קײנמאל מיך געליעבט.

II

פערגיפטעט מײנע ליעדער! —
ווי קאן עס אנדערש זײן?
דו האסט מיר גיפט געגאסען
אין ס'יונגע לעבען מײן.

פערגיפטעט מײנע ליעדער! —
ווי קען עס אנדערש זײן?
איך טראג אין הארץ פיעל שלאנגען,
און דאך, געליעבטע מײן.

לעאן קושמאן.

דער איינזאמער

אויגוסט סטרינדבערג.

דער איינזאמער.

בּיסליכווייז בּין איך איינזאם געוואָרען; איך בּין געבּליבּען נאָר בּיי יענעם אויסערליכען פערקעהר, וועלכער איז געווען פערבּונדען מיט מיין אַרבּייט, און מעהרסטענטהיילס פלעג איך ריידען נאָר דורכ'ן טעלעפאָן. איך לייקען נישט, אַז אָנפאַנגס איז דאָס שווער געוועזען, און אַז די פוסטקייט, אין וועלכע איך בּין פערזונקען, האָט דורשטיג געגאַרט ווידער זיך אָנצופילען. אויפהערענדיג צו האָבּען יעטוועדער מגע ומשא מיט מענשען, האָבּ איך אָנפאַנגס דערמיט, דאַכט זיך, אָבּגעשוואַכט מיינע כּחות, אָבּער אין דער זעלבּער צייט האָט מיין „איך" אָנגעהויבּען וואָס אַ מאָל מעהר זיך צו קאָנצענטרירען און זיך צו גרונדפעסטיגען אויף אַ הויפּט-וואָרצעל, אויף וועלכען עס האָט זיך געזאַמעלט אַלץ, וואָס איך פלעג איבּערלעבּען, און האָט געשאַפען אַ פאַרטיגע שפּייז פאַר מיין נשמה. צוגלייך דערמיט האָבּ איך געקריגען אַ טבע צו שילדערן אין געגראַמטע פערזען אַלץ, וואָס איך פלעג זעהן און הערען סיי אין דער היים, סיי אויף דער גאַס אָדער אין דער נאַטור, און דאָס, וואָס איך האָבּ בּעמערקט בּנוגע צו מיינע אַרבּייטען, האָט מיר געשאַפען דאָס בּעוואוסטזיין, אַז מיין קאַפּיטאַל וואַקסט; די עטיודען, וועלכע איך האָבּ געמאַכט אין איינזאַמקייט, האָבּען געהאַט אַ גרעסערן ווערט, ווי די וועלכע איך פלעג מאַכען, געפינענדיג זיך צווישען מענשען, אין זייער געמיינזאַמען לעבּען. אין אַמאָליגע צייטען פלעג איך מיר האָבּען מיין אייגענעם ווינקעל, איצט אָבּער האָבּ איך געדונגען בּיי אַנ'אַלמנה צוויי מעבּלירטע צימערן. עס האָט אַוועקגענומען אַ געוויסע צייט, בּיז וואַנען איך האָבּ מיך פאָלקאָם איינגעלעבּט אין דער דאָזיגער פרעמדער אומגעבּונג, דאָך אָבּער נישט קיין ספק. שווערער פאַר אַלץ איז געווען איינצולעבּען זיך

מיט'ן שרייבטיש, ווייל דער פערשטארבענער ראטגעבער האט זיין גאנץ לעבען פערבראכט ביי דעם דאזיגען טיש מיט זיינע פראטאקא־לען, ער האט אויף איהם איבערגעלאזט סימנים פון זיינע שרעקליכע בלויע טינט, וועלכע איך האב אזוי פיינט. מיט דער רעכטער האנד זיינער האט ער אבגעריסען ביי דער רעכטער זייט די פאליטור. און ביי דער לינקער זייט האט ער צוגעקלעפט א קיילעכדיג געל־שמוציג שטיקעל צעראטע פאר'ן לאמפ. דאס דאזיגע קיילעכדיגע שטיקעל צעראטע מאכט מיך משוגע, איך האב מיך אבער בעשלאסען זיך צו אלץ צוצופאסען, און אין גיכען וועל איך שוין אויפהערען צו זעהן דעם דאזיגען שמוציגען פלעק. א בעט — יא, מיין הייסער פערלאנג איז געווען צו ענדיגען דאס לעבען אויף מיין אייגענעם בעט — נאר וואס איך וועל עפעס איינקויפען, ווייל נישט האבען קיין אייגענטום איז שוין איין זייט פון פרייהייט. קיין זאך נישט האבען קיין זאך חאטש איך האב אפילו געלד־מיטלען דאך וויל איך נישט אנהויבען דערפון, נישט פערלאנגען — דערמיט אליין פערפאנצערסטו זיך געגען די שרעק־ליכסטע קלעפ פון דעם שיקזאל. אבער צו גלייכער צייט מוזטו הא־בען גענוג געלד, דו זאלסט פיהלען, אז דו ביסט אימשטאנד צו בעקומען אלץ, אויב דו וועסט נאר וועלען — דאס הייסט גליק, ווייל דערין ליעגט זעלבסטשטענדיגקייט און איין זייט פון פרייהייט. אויף די וועגד הענגט א פערשידענארטיגע זאמלונג פון שלעכטע בילדער, ליטאגראפיעס און אלעאגראפיעס.

צום ערשטען פלעג איך זיי נישט אריבערטראגען פאר זייער געשמאקלאזיגקייט, אין גיכען אבער האבען זיי געפונען אין מיינע אויגען אנ'אומגעריכטען אינטערעס. איינמאל ווען איך האב דערפיהלט, אז מיין שריפטשטעלערישע שאפונג האט נישט קיין זין, און האב נישט געפונען די סצענע, וועלכע איז מיר נויטיג געווען צו פערענדיגען א זאך, האב איך אווארף געטאן אויף די וואנד א מרה־שחורה'דיגען בליק. דא זענען מיינע אויגען שטעהן געבליבען אויף א שרעקליכער חראמא־ליטאגראפיע, וואס איז אמאל געגעבען געווארען אלס פרעמיע צו עפעס אנ'אילוסטרירטען זשורנאל. אויף דעם דאזיגען בילד איז געווען אויס־געמאלט א פויער וואס שטעהט אויפ'ן ברעג און האלט א קוה, וועלכע געפינט זיך אויף א פאראם. אנ'איינזאמער מענש, וועלכער שטעהט געגען דער וועלט; זיין איינאונאיינציגע קוה; און בליקען, פול מיט פערצווייפלונג... און מיר האט זיך פארגעשטעלט די נויטיגע סצענע.

אויסערדעם איז אין מיין צימער געווען אַ גאַנצע מאַסע קליינינקייטען, וואָס נאָר היימישע איינגעפונדעוועטע מענשען קליבען זיי און וועלכע זענען דורכגעוועבט מיט ערינערונגען, ווייל זיי זענען אויסגעאַרבייט דורך ליעבענדע הענד, נישט אין מאַרק געקויפט. דעקעליך, טישטיכליך, סערוועטליך אונטער גלעזערנע און פאָרצעלייענע זאַכען. צווישען זיי האָב איך בעמערקט אַ גרויסען בעכער מיט אַנ׳אויפשריפט „פון דאַנקבאַרע״ א. אַ. וו. פריינדשאַפטליכקייט, דאַנקבאַרקייט אפשר, און ליעבע האָט אַרויסגעקוקט פון די אַלע קליינינקייטען, און, כ׳לעבען, אין עטליכע טעג אַרום האָב איך זיך שוין געפיהלט היימליך אין די דאָזיגע צימערן. דאָס אַלץ, וואָס האָט שוין אַמאָל עמיצען געהערט, האָב איך געירשנט פון אַ געשטאָרבענעם, וועלכען איך האָב קיינמאָל נישט געקענט.

מיין בעל־הבית׳טע, וועלכע האָט גלייך דערזעהן, אַז איך בין נישט בערייערעוודיג, אַנ׳ערצויגענע, טאַקטישע פרוי, פלעגט שטענדיג היטען, אַז מיינע צימערן זאָלען זיין אין אָרדנונג, ווען איך פלעג צוריקקומען פון מיין פריהמאָרגענדיגען שפּאַציר, און מיר פלעגען בעגריסען איינער די אַנדערע מיט אַ פריינדליכען שאָקעל מיט׳ן קאָפּ, וואָס פלעגט וועגען פיעל ריידען: נו, וואָס? אַ דאַנק, זעהר גוט! מאַכט איהר פאָרשריטען, אָ, יאָ! זעהר אַנגענעהם! אין אַ וואָך אַרום אָבער האָט זי זיך שוין מעהר נישט געקענט איינהאַלטען און האָט געוואַגט מיך צו פרעגען, פיליכט דאַרף איך עפּעס האָבען; מיר איז אויסגעקומען צו זאָגען איהר מעהר ווי צוויי ווערטער: „ניין, טייערסטע, איך דאַרף גאָרנישט, איך האָב אַלצדינג.״ „הם!.. איך האָב געמיינט... פערשטעהט איהר מיך, איך בין איינגעוועהנט, אַז די מענער איז שווער צו האַווירען...״ „איך האָב מיך שוין לאַנג אָבגעוועהנט דערפון!״ די אַלטע האָט מיך בעטראַכט מיט אַזאַ נייגיריגען בליק, גלייך ווי זי וואָלט דערהערט עטוואָס אַנדערעס. „נו, און וואָס איז מכּח עסען?״ — „מכּח עסען? איך האָב גאָרנישט בעמערקט, אַ סימן, אַז בעסער קען שוין נישט זיין.״ און דאָס איז באמת געוועזען אַזוי! דאָך האָט דער גאַנצער שמועס בעסער גאָר ניט געקענט זיין. ער האָט אַריבערגעשטייגט מיינע ערוואַרטונגען; איך האָב דערפיהלט, אַז מען זאָרגט זיך וועגען מיר און מען זעהט מיך צו, און אַזוינס האָב איך נאָך קיינמאָל נישט איבערגעלעבט.

דאָס לעבען איז געשוואומען רוהיג, שטיל, ווייך און פרידליך,

און חאטש מיך פלעגט אמאל אנגעהמען א יוצר=הרע א שמועס טאן מיט דער בעל=הבית'טע, איבערהויפט דאמאלס, ווען איהר פלעגט עפעס פערדריסען, דאך פלעג איך ביישטעהן געגען דעם ראזיגען נסיון, טיילווייז אויס מורא, אנצוציהען אויף זיך עפעס נייע קאפדרע־העניש, און טיילווייז אויס רעספעקט צו די סודות פון איהר לעבען, וועלכע איך האב נישט געוואלט צושטערען. איך האב בעשלאסען בעסער צו לאזען די אומשטענדען אהן א געשטאלט, און לויט מיין שטימונג איז מיר געוועזען אנגענעהם צו האלטען איהר פערגאנגענהייט אין אנ'אנגענעהמען נעפעל. ווען איך וואלט געוואהר געווארען איהר געשיכטע, וואלט דאס מעבעל גאר אנדערש אנגעהויבען אויסצוזעהן אין מיינע אויגען, נישט ווי מיר האט זיך עס געוואלט פארשטעלען, און מיין אויסגעשפונענעס געוועב וואלט צוריסען געווארען; די שטוהלען, דער טיש, דער בופעט, דאס בעט וואלטען גענומען שפיעלען די ראליע פון טייל=נעהמער אין יענער דראמע פון איהר לעבען, וועלכע ס'וואלט ארויפגעשוואומען אויבען אויף. ניין, איצט איז עס אלץ געווארען מיינס; איך האב עס אלץ איינגעהילט אין א שלייער, פון מיין גייסט געוועבט, און די דאזיגע רעקאראציע מוז דיענען נאר פאר מיין דראמע, פאר מיינער!

אויך האב איך פערפיהרט געשטאלטלאזע בעקאנטשאפטען, דער־ביי אלץ אזעלכע, וואס קאסטען מיר גארנישט. אויף מיין פריהמאר־גענדיגען שפאציר האב איך מיך בעפריינדעט מיט אונבעקאנטע לייט, וועלכע איך גריס נישט, ווייל איך קען זיי נישט פערזענליך. פריהער פאר אלעמען בעגעגען איך דעם מאיאר. ער געפינט זיך אין דימיס־יע, דעריבער בעקומט ער פענסיע און דערביי איז ער שוין אריבער פינף און פופציג! געקליידט איז ער ציוויל. איך ווייס, ווי אזוי ער הייסט, און האב געהערט איניגע מעשיות פון דעם לעבען זיינעם אין דער יוגענד. ער איז נישט בעווייבט, דאס ווייס איך אויך. ווי גע־זאגט, קריגט ער פענסיע, אלזא האט ער נישט זיינע בעשטימטע בע־שעפטיגונגען און לעבט אויס זיינע טעג. דאך געהט ער זעהר מוטיג אנטקעגען דעם מזל זיינעם, שטאלץ, גלייך, מיט א הויך אויפגעהוי־בענעם קאפ און אויסגעשטעלטער ברוסט, דער ראק, כמעט שטענדיג, פערשפיליעט אויף אלע קנעפליך, מיט אפענהערציגקייט און העלדיש־קייט. די האהר זיינע זענען טונקעל, שווארץ זענען זיינע וואנסען, עלאסטיש זיין גאנג, אזוי עלאסטיש, אז איך גלייך מיך שטענדיג

אוים, ווען איך בעגעגען מיך מיט איהם; און איך פיהל מיך יונגער, ווען איך דערמאָהן מיך אָן זיינע פינף און פופציג יאָהר. אָן זיין בליק האָב איך בעשלאָסען, אַז פיינט האָט ער מיך נישט, פערקעהרט, איך האָב אפשר גאָר געפונען חן אין זיינע אויגען, און אין אַ געוויסער צייט אַרום שיינט ער מיר שוין צו זיין אַן׳אַלטער בעקאַנטער, וועלכען איך וואָלט שוין געמעגט בעגריסען. צווישען אונז אָבער איז דאָ אַ בעשטימטער אונטערשיד: ער האָט זיך שוין אויסגעדיענט, איך אָבער געפין זיך נאָך אין רעכטען פייער פון קאַמף און שלאָג זיך אַ וועג פאָרווערטס. אומזיסט אַלזאָ זוכט ער אין מיר די סימפּאַטיעס פון אַ טיילנעהמער. איך בין זעהר חיים דערפון. אמת, מיינע האָהר אין די שלייפען זענען שוין גרוי, איך ווייס אָבער, אַז מאָרגען קענען זיי שוין ווערען פונקט אַזוי טונקעל ווי זיינע האָהר, ווען איך זאָל וועלען, נאָר איך זאָרג זיך נישט וועגען דעם, ווייל איך האָב נישט קיין ווייב, וואָס איך זאָל דאַרפען פוצען זיך פאַר איהר. איבעריגענס געפין איך איין, אַז זיינע האָהר ליגען צו גלאַט, אום נישט צו דערוועקען קיין חשד, מיינע אָבער זענען אויסער יעדער פערדאַכט רונדיג=אויפגעשטעלט.

ווידער איז ביי מיר פאַרהאַן נאָך איינער, וועלכער האָט די מעלה, וואָס איך קען איהם אַבסאָלוט נישט. איהם איז שוין געוויס איבער זעכציג און ער איז אַזוי גרוי, ווי אַלט, גרוי אי די האָהר אי די באָרד. צום ערשטען, ווען מיר זענען בעקאַנט געוואָרען, האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז מיר איז שוין בעקאַנט אייניגע שטריכען פון זיין געזיכט, אַ געזיכט פון אַ מרה=שחורה׳ניק, אייניגע ליניעס פון זיין פיגור, און איך האָב מיך דערנעהנטערט צו איהם מיט אַ געפיהל פון מיטלייד און סימפּאַטיע. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט דערקענט די ביטערקייט פון לעבען אין זיינע ביטערסטע פאָרמען, אַז ער האָט געקעמפּט מיט שטורימס און זיי האָבען איהם צובראָכען: און איצט, קענטיג, לעבט ער אין דער נייער צייט, וועלכע האָט זיך אויפגעהויבען העכער און איהם פערלאָזט אונטען, הינטער זיך, ער איז נישט געווען אימשטאַנד זיך צו שיידען מיט די אידעאַלען פון זיין יוגענד, ווייל ער האָט זיי געליעבט, ער האָט געמיינט, אַז ער געהט אויף דעם אמת׳ן וועג... אומגליקליכער! ער איז איבערצייגט, אַז ער געהט אין דער אמת׳ער ריכטונג און די גאַנצע איצטיגע וועלט בלאָנזשעט... דאָס איז אַ טראַגעדיע! — איינמאָל אָבער, ווען איך

האב איהם אין די אויגען אריינגעקוקט, האב איך ענטדעקט, אז ער האט מיך פיינט! ס'קען זיין, אז דערפאר, וואס ער האט אין מיינע אויגען געלעזען מיטלייד צו איהם, א זאך, וואס בעליידיגט איהם מעהר פון אלץ, יא, ער האט צארניג א הוסט געטאן, אז ער איז פאריבער פארביי מיר. האב איך דען, אליין נישט וויסענדיג דערפון, איהם בעליידיגט אדער זיינע נאהנטע, אפשר האב איך זיך מיט א נישט-פארזיכטיגער האנד אריינגעריסען אין זיין שיקזאל, אדער איך האב איהם ווירקליך אמאל געקענט? ער האסט מיך, און ווי וואונדערליך דאס זאל נישט זיין, גלויב איך דאך, אז איך האב פערדיענט דעם דאזיגען האס; דאך וויל איך מעהר נישט אריינקוקען איהם אין די אויגען אריין, ווייל זיין בליק שטעכט מיך און אונטער זיין איינפלוס פיהל איך, אז מיין געוויסען איז נישט ריין. ס'איז אויך מעגליך, אז מיר זענען געבארענע שונאים, אז קלאס, ראסע, יחוס, איבערציינגונגען האבען זיך געשטעלט צווישען אונז, און אז מיר פיהלען דאס. אט האט מיך די ערפאהרונג אויסגעלערנט צו אונטערשיידען א פיינד פון א פריינד אויף דער גאס; יא, עס זענען פארהאן פערזאנען, איננאנצען אומבעקאנטע, פון וועלכע עס וועהט אזא מין פיינדליכקייט, אז איך געה איבער אויף די צווייטע זייט גאס: אבי נישט אונטערגעהן צו זיי אזוי נאהנט. און די דאזיגע עמפינדליכקייט ווערט אין איינזאמקייט אזוי אויסגעשארפט, אז קוים דערהער איך נאר איינעמס א שטים אויף דער גאס, נעהמט מיך גלייך דורך אדער אנ'אנגענעהם געפיהל אדער אנ'אונאנגענעהמס, און נאר אין זעלטענע פאלען פיהל איך גארנישט.

איך האב נאך א דריטען אויך, ער פאהרט רייטענדיג, און איך בעגריס איהם; איך קען איהם פון אוניווערזיטעט, איך ווייס זיכער, ווי אזוי ער הייסט, נאר איך קען מיט דער צונג נישט בעשטימען זיין נאמען. אין פערלויף פון דרייסיג יאהר האב איך מיט איהם נישט גערעדט, איך האב איהם נאר בעגריסט אויף דער גאס, אמאל מיט א שמייכעל, וועלכער פלעגט בעדייטען, אז איך דערקען איהם ווידער, און ביי איהם אונטער די וואנסען רוהט אויך א גוטער שמייכעל. ער טראגט א מונדיר און די צייכענס אויף זיין פארם-היטעל ווערען וואס א יאהר מעהרער און דיקער. און ענדליך, ווען איך האב איהם נאך א צעהן-יעהריגער הפסקה ווידער בעגעגענט רייטענדיג אויף א פערד, איז אויף איהם געוועזן אזא גוזמא בלעכליך, אז

איך האָב נישט געוואָגט איהם צו בעגריסען, מורא האָבענדיג נישט צו בעקומען פון איהם קיין ענטפער אויף מיין בעגריסונג. ער האָט מיך אָבער אַ פּנים פערשטאַנען, וואָרום, ער האָט צוגעהאַלטען זיין פערד און אויסגעשריען: גוט מאָרגען! דו דערקענסט מיך שוין נישט, צי וואָס? אָ, געוויס דערקען איך, און מיר האָבען זיך ווייטער געלאָזט אין אונזער וועג אריין, יעדערער אין זיינעם. און פון דאַמאָלס אָן האָבען מיר ווידער בעגריסט איינער דעם אַנדערן. אין איינעם אַ פריהמאָרגען האָב איך בעמערקט אַ מאָדנע דורכדרינגליכע מינע ביי איהם אונטער די וואָנסען. איך האָב נישט געוואוסט, צי זאָל איך די דאָזיגע מינע אָננעהמען אויף מיין חשבון, וואָרום זי איז ביי מיר אויסגעקומען עפּעס זעהר משונה'דיג און נישט פּאַסענד. ער האָט אויסגעזעהן אַזוי — ניין, דאָס האָט זיך מיר נאָר אָבגעדאַכט — ער האָט אויסגעזעהן אַזוי, גלייך ווי ער וואָלט האָבען אַ געדאַנק, אַז איך מיין, אַז ער האַלט זיך מיט גאוה, און צווייטענס, גלייך ווי איהם וואָלט וואונדערן, פאַרוואָס איך בין אויך נישט אַזוי שטאָלץ ווי ער. איך? — איבריגענס טרעפט נישט זעלטען, אַז אַ מענש האַלט פון זיך זעהר וועניג און דאָך האָט ער אַ שם, אַז ביי איהם אין האַרצען איז פערבאָרגען דער האַרבער חטא פון גאוה.

אויסערדעם האָב איך נאָך אַ בעיאָהרענטע פרוי, וועלכע ווערט געפיהרט אויפ'ן שפּאַציר פון צוויי הינטליך. ווען די הינטליך בלייבען שטעהן, בלייבט זי אויך שטעהן; און שטעהן בלייבען זיי ביי יעדען לאַמטערן=סלופּ, ביי יעדען בוים, ביי יעדען ראָג גאַס. ווען איך בעגעגען זי, טראַכט איך שטענדיג, ווי סוועדענבערג: איך טראַכט וועגען דעם מענשען=פריינד, וועלכער איז געוועזען אַזוי איינזאַם, אַז ער איז געוועזען געצוויט זיך צו קעהרען צו דער געזעלשאַפט פון חיות, און איך מיין, אַז זי געפינט זיך אונטער דער שטראָף פון אַ פאָרשטעלונג, וואָס איהר אייגענע פאַנטאַזיע האָט בעשאַפען. זי מיינט, אַז זי הערשט איבער די דאָזיגע צוויי אומרייגע חיות, אין דער אמת'ן אָבער צווינגען איהר די דאָזיגע חיות צו פאָלגען אַלע זייערע איינפאַלען. זי הייסט ביי מיר די קעניגין פון דער וועלט, ווייל זי זעהט פונקט אַזוי טאַקי אויס, מיט איהר קאָפּ, פערוואָרפען אויף הינטער און די ברעמען אַראָבגעלאָזט צו דער ערד.

ענדליך האָב איך נאָך מײַן אַלטיטשקע. איך קוק אויף איהר ווי אויף אײנער וואָס זעהט אַלצדינג. זי בעווײַזט זיך זעלטען, אָבער שטענדיג אין יענע פאַלען, ווען איך האָב ערהאַלטען אַ גרויסע סומע געלד אָדער ווען עס שטעהט פאַר עפּעס אַ סכנה, איך רוף זי אַלזעהענדיגע, ווײַל איך קען בשום אופן ניט בעגרײַפען, פאַרוואָס ערשײַנט זי שטענדיג, ווען דאָס איז נויטיג. זי דערמאָהנט מיר אַ קרעמערין אין די טעג פון מײַן יוגענד, וועלכע האָט געהאַלטען אַ קלײטעל פון צוקערליך הינטער'ן שטאָדט, סאַמע בײַ דער שטאָדט. איהרע קלײדער זעהען אויס אַזוי ווי אַש, אָבוואָהל זײ זענען גאַנץ און נישט פערפלעקט. זי ווײס נישט, ווער איך בין, נאָר איך הײס בײַ איהר בעל-טובה, דערפאַר אַפּנים, וואָס פאַר דרײַ יאָהרען, ווען מיר זענען בעקאַנט געוואָרען, בין איך געוועזען דיק. ווערטער פון דאַנקבאַרקײט און גליקווינשונגען בעגלײטען מיך אַ שטיק פון מײַן וועג, און איך הער זיך מיט אַזאַ נחת-רוח צו צו די ווײכע ברכות, וועלכע קלינגען עפּעס גאָר אַנדערש, ווי די בײזע קללות; און איך גלויב, אַז אין דעם זכות פון אונזער בעגעגעניש וועט מיר גוט זײַן דעם גאַנצען טאָג. אײנמאָל, אין אַ יאָהר אַרום נאָך אונזער בעקאַנט ווערען, האָב איך איהר געגעבען אַ זילבערנע מטבע. איך האָב זיך געריכט צו בעגעגענען אויף איהר געזיכט דעם אונזיניגען, מען קען זאָגען, בײזהאַפטען אויסדריק, וועלכער בעווײַזט זיך אויף פנים'ער פון אָרימע לײַט, ווען מען גיט זײ אַ צו גרויסע נדבה. זײ זעהען דאַן אויס, גלײַך זײ וואָלטען גלויבען, אַז איהר זענט נישט בײם קלאָרען זינען, אָדער איהר האָט זיך טועה געווען און אַרײַנגעשטעקט די האַנד אין אַן אַנדער אָבטײלונג פון אײער בײַטעל. ווען אַ יונגעל בעקומט אַ זילבערנע מטבע, לאָזט ער זיך מיט אַ געלעכטער לויפען פײל אויס'ן בויגען, גלײַך ווי ער וואָלט מורא האָבען, אַז איהר וועט איהם נעהמען יאָגען און וועט איהם אויסטוישען דאָס זילבער אויף קופּער. מײַן אַלטיטשקע אָבער האָט אָנגעחאַפּט מײַן האַנד אַזוי שטײַף, אַז איך האָב זי נישט געקענט אַרויסציהען, און מיט אַ שטים פון אונענדליכען אַרײַנדרינגען אין דער מענשליכער נשמה, כמעט מיט אַ זיכערהײַט האָט זי געפרעגט: „איהר זענט מסתמא אַלײן געוועזען אָרים?" „יאָ, פּונקט אַזוי אָרים ווי איהר, און איך קען געוויס נאָך ווידער ווערען פּונקט אַזוי אָרים!" זי האָט עס פערשטאַנען, און מיר וואָלט עס געהען אַ גרויסער חדוש, אויב איך וואָלט געוואָהר ווערען, אַז זי האָט קײנמאָל נישט געוואוסט פון בעסערע

טעג, נאָר פֿרעגען זי וועגען דעם האָב איך נישט געוואָלט.

מײַנע שפּאַציר־גאַנגען פֿלעגען זײַן גאַנץ צופֿעליג; דאָך האָב איך די גאַנצע דרײַ יאָהר אומעטום געטראָפֿען די דאָזיגע מענשען. אויסער דעם האָב איך אויך ענטדעקט בעקאַנטע אין הויז גופא. איך וואוין אין דער הויך פֿון פֿיער שטאָקען, און האָב אונטער זיך פֿיער געזינדען מיט זייערע מזלות, אַרײַנרעכענדיג שוין אויך יענס, וואָס האָט געוואוינט סאַמע בײַ דער ערד. איך קען זײ קײנעם נישט, איך ווײס נישט, וואָס פֿאַר אַן'אײַנדרוק זײ מאַכען, איך האָב זײ, דאַכט זיך, קײנמאָל אויף די טרעפּ נישט בעגעגענט. איך זעה נאָר פּלאַקאַטען מיט זײערע נעמען און אָן די פֿריהמאָרגענדיגע צײַטונגען, וואָס שטעקען בײַ דעם טיר־שלאָס, ווער איך צופֿעליג געוואָהר, אין וועלכען גײַסט זײ זענען ערצויגען. מיר איבער'ן וואַנד וואוינט אײנע אַ זינגערין, וועלכע זינגט מיר זעהר שען, האָט זי אַ חבר'טע, וואָס קומט צו איהר און שפּילט מיר בעטהאָווענס; דאָס זענען מײַנע בעסטע שכנים, און אָפֿטמאָל ווילט זיך מיר אַ פּרוב טאָן צו פֿערבינדען מיט זײ אַ בעקאַנטשאַפֿט, צו בעדאַנקען זײ פֿאַר יענע ליכטיגע שעה'ן, וועלכע זײ האָבען מיר געשאָנקען, איך שטעה אָבער בײַ דעם נסיון, ווײַל, לויט ווי מיר דאַכט זיך, ווײס איך, אַז דאָס בעסטע אין אונזערע בעציהונגען וואָלט פֿערשווינדען, ווען מיר וואָלטען זײַן געצוואונגען אָבזאָגען אײנער דעם אַנדערן די באַנאַלע פֿאַר פֿראַזען. מאַנכמאָל ווערט בײַ די חבר'טעס אויף עטליכע טעג נאָכאַנאַנד שטיל, דאַן ווערט אויך בײַ מיר ווייניגער ליכט. אָבער אויף דעם פֿאַל האָב איך אַן'אַנדער שכן, איך רעכען, אַז דאָס מוז זײַן דער שכן אין דעם דערבײַאיגען הויז, אין אַן'אונטערשטער וואוינונג, ער שפּילט עפּעס פֿון אַן'אָפּערעטע, וועלכע ווײס איך נישט, אָבער מיט אַזאַ משוגענער פֿרעהליכקײט און אומשולדיגער לוסטיגקײט, אַז איך קען מיך נישט אײַנהאַלטען פֿון אַ שמײכעל, איך מעג דאַן זײַן פֿערזונקען אין די ערנסטסטע געדאַנקען.

אַלס קאָנטראַסט דערצו און אַלס שאָטען צו דעם דאָזיגען ליכט דיענט דער שכן, וואָס אונטער מיר, אַן'אײַגענטימער פֿון אַ הונד. ער האָט אַ גרויסען, געלען, האַלב־משוגענעם הונד, וועלכער שפּרינגט מיט אַ געבילערײַ אויף די טרעפּ אַרויס. דער אײַגענטימער זײַנער מוז אַפֿנים האַלטען דאָס הויז פֿאַר זײַן אײַגענטום, וואָס מיר, די שכנים, האָבען זיך אַהין אַרײַנגעריסען, נישט האָבענדיג דערויף קײן שום רעכט, ווײַל ער הײסט דער דאָזיגער ווילדער חיה — דעם הונד — היטען די טרעפּ. אויב איך קום ווען שפּעט אַהײם און שטײַג טאַפּענדיגערהײד אויף די

טרעפּ אַרויף, און אויב דערבײַ טרעט איך אַרויף אויף עפּעס ווײַכס, ווילד-בעוואַקסענס, מעג איך זיך שוין דאָן אָבזעגנען מיט דער רוה פון דער נאַכט. איך זעה אין דער פינסטער, ווי עס פינקלען צוויי פאָספאָרישע פינטעליך, און די קרום-געדרעהטע טרעפּ ווערען פול מיט רעש, — אַזאַ מין רעש, וואָס נאָך איהם עפּענט זיך אויף אַ טיר און עס קומט אַרויס אַ הערר, וועלכער איז קאַפּאַבעל צו צוריי-סען מיך אויף שטיקלעך, ווענען וואָס עס זאָגט עדות זײַן משוגענער בליק. מיך האָט מען בעוועלט און איך בין נאָך שולדיג! נאַטירליך געפין איך נישט פאַר נויטיג זיך צו ענטשולדיגען, דאָך פיהל איך מיך שולדיג, ווארום נעגען דעם אײַגענטימער פון דעם הונד איז שולדיג די גאַנצע מענשהײַט. איך האָב קײנמאָל נישט געקענט פערשטעהן, ווי אַזוי קען עס אַ מענש אַרײַנלעגען זײַן גאַנצע איבערגעבענע ליעבע און אָפּפערווילינקײַט אין אַ נשמה פון אַ חיה, אין דער צײַט ווען ער האָט מיטברידער — מענשען, פאַר וועלכע ער קען זיך מקריב זײַן, און דערצו נאָך אין דער נשמה פון אַזאַ אומרײַנער חיה, ווי דער הונד איז, וואָס זײַן גאַנץ לעבען בעשטעהט נאָר אין פעראומרײניגען און אײַנשמוצען.

אײַנמאָל, שוין זעהר לאַנג, האָב איך אַ פּרוב געטאָן זיך צו בעקלאָגען אויף דעם הונדס בילען בײַנאַכט אין אַ מענשליבער וואוי-נונג. דער בעל-הבית האָט מיר דאַן אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דאָס קינדערגעוויין אין מײַן וואוינונג! — אַ שמוציגע בײזע און שעדליכע חיה איז בײַ איהם געווען אויף אײַן אופן מיט אַ לײַדענדען מענשען-קינד. פון דעמאָלט אָן בעקלאָג איך מיך שוין קײנמאָל נישט. דאָך, צו בערוהיגען אויף וויפיעל נישט איז זיך אַלײן און אום אַרײַנצוטראָ-גען אַ געמיטליכקײַט אין מײַנע בעציהונגען צו מענשען, — ווײַל לײַדען לײַד איך דאָך פון שנאה — האָב איך מיר געפּרובט צו ער-קלערען די דאָזיגע נישט-גלײַכגילטיגקײַט צו אַ חיה, וואָס דער מענש האָט פון איהר נישט מעהר ווי אונאַנגענעהמליכקײַטען. איך האָב אָבער קײנמאָל נישט געקענט געפינען קײן שום ערקלערונג. דערפון ווערט מיר סומנע אויפ'ן האַרצען, אַזוי ווי פון אַלץ, וואָס איך קען מיר נישט ערקלערען.

ענליך בעשטעהט נאָך די אײַנזאַמקײַט אָט אין וואָס: אַרומשפּי-נען זיך אַלײן מיט אַ זײַדענעם שפּינוועבס פון דער אײגענער נשמה, ווערען פערגליווערט און וואַרטען אויף דער מעטאַמאָרפאָזע, ווײַל די

דאָזיגע מעטאַמאָרפאָזע מוז קומען. דו לעבסט מיט די פּראָצעסען פון
דיין אייגענער גייסטיגער טעטיגקייט, טעלעפּאַטיש לעבסטו דאָס לעבען
פון אַנדערע. טויט און תחית=המתים; ניי ערציהען די נשמה צום
ניַיעם אונבעקאַנטען מענשען. סוף כל סוף בעהערשסטו אין גאַנצען
די נשמה דיינע. קיינעמס געדאַנקען זעהען נישט אַדורך מיינע געדאַנ=
קען, קיינעמס סימפּאַטיעס, קיינעמס שטימונגען האָבען אויף מיר קיין
השפּעה נישט. איצט, אין דער דאָזיגער ניי=אויסגעקעמפּטער פריי=
הייט, הויבט די נשמה אָן צו וואַקסען, און אַט דערפיהלסטו אַ
מאָדנע אינווייניגסטע רוה, און אַ שטילע פרייד, און אַ געפיהל פון
זיכערהייט און אונאָבהענגיקייט. ווען דו זאָלסט זיך איצט דערמאָהנען
אָן דעם כלל=לעבען, וואָס דאַרף זיין אַ ערציהונגס=שול, וועסטו איינ=
זעהן, אַז דאָס איז נאָר געווען אַ שול פון זינד. זיין געצוואונגען אַלע
ווילע צו בעטראַכטען דאָס העסליכע — איז אַנ׳אָבקומעניש פאַר דעם,
וואָס טראָגט אין זיך דעם גייסט פון דאָס שענע, אַנ׳אָבקומעניש,
וואָס ברייננגט אַריין דעם מענשען אין אַ נסיון: ער הויבט אָן צו קו=
קען אויף זיך ווי אויף אַ מערטירער. מיט אַ כיון נישט מערקענדיג
די אומרעכט אוים דרך=ארץ פאַר דעם אָדער יענעם, ווערט דער
מענש ביסלעכווייז אַ צבועק. אוים דעמזעלבען דרך=ארץ פאַר אַנדערע
געוועהנט זיך דער מענש ביסלעכווייז איין צו פערבויגען זיינע מיינונ=
גען און ווערט אַ פּחדן. אין נאָמען פון דעם דאָזיגען טייערן אַלגעמיי=
נעם פרידען נעהמט ער אויף זיין נשמה אַ זינד, וואָס מען קען זי
נישט אויסמיידען, און דאָס ערנידעריגט איהם שוין אַזוי וויַיט, אַז
אין אַ שענעם פריהמאָרגען הויבט זיך דער מענש אָן צו פיהלען פאַר
אַ גאָרנישט; קיינמאָל נישט הערענדיג קיין מונטער וואָרט, פערליערט
דער מענש דעם מוט און דאָס געפיהל פון זעלבסטווירדע; און ווען
ער נעהמט אויף זיך די פאָלגען פון אַ צווייטענס שולד, ווערט ער
ביז אויף זיינע מיטמענשען און אויף דער גאַנצער וועלט.

און ערגער פאַר אַלץ איז דאָס, וואָס דער מענש, בעמיהענ=
דיג זיך מיט אַלע קרעפטען צו בלייבען שטענדיג גערעכט, האָט שוין
מעהר נישט צו זאָגען איבער זיין אייגענעם שיקזאַל. וואָס איז די
פּעולה, וואָס איך טו אַלץ אום צו בלייבען ריין און אונבעפלעקט, אין
דער צייט ווען מיין חבר בעשפּריצט מיך פאַרביַיגעהענדיג מיט שמוץ.
אין בעסטען פאַל פאַלט אויף מיר אַ האַלבע חרפּה, אויב נישט די
גאַנצע, ווי עס קומט געוועהנליך פאַר. דער יסוד פונ׳ם כלל=לעבען

בעשטעהט אין דעם, וואס דו געפינסט זיך שטענדיג אין א מין נישטזיכערהייט; ביסט עפעס א ציעל־ברעט, קומסט אליין אב פאר פרעמדע עבירות, ביסט אבהענגיג פון די קאפריזע און ניט־פעסטע אנזיכטען פון א פרעמדען מענשען. און דער וואס וועט נישט וואגען אריינצולעגען די האנד אין קעשענע, ווען איך בין איינזאם, — וועט מיר אריינשטעכען א מעסער אין הארצען אריין, אויב איך וועל דערלאזען, אז עמיצער זאל שלעפען דאס הארץ מיינס איבער גאס און מארק.

די איינזאמקייט מיינע האט נאך א מעלה, וואס איך קען אליין בעשטימען די דיעטע פון מיין נשמה. איך בין נישט געצוואונגען צו זעהן שונאים ביי מיין טיש און שווייגענדיג אויסהערען, ווי מען זידעלט און שימפט דאס, וואס ביי מיר איז היילינ און טייער; איך דארף נישט אויסהערען אין מיינע פיער ווענד קיין מוזיק, וועלכע איך טראג נישט איבער; מיר קומט שוין מעהר נישט אוים אויף יעדען טריט צו בעגעגענען צייטונגען מיט קאריקאטורען אויף מיינע פריינד און אויף מיר אליין; איך בין נישט מחויב מעהר צו לייענען ביכער, וועלכע איך פעראכט, און צו בעזוכען אויסשטעלונגען און אנקוועלען פון בילדער, וועלכע געפעלען מיר נישט. מיט איין ווארט, איך בין אליין א בעל־הבית איבער מיין נשמה, — נאטירליך אין יענע פאלען, ווען איך האב רעכט צו זיין א בעל־הבית, — און בין אימשטאנד אליין אויסצוקלייבען זיך סימפאטיעס און אנטיפאטיעס. איך בין קיינמאל נישט געוועזען קיין טיראן, איך האב נאר געוואלט אויסמיידען יעדען מין טיראניי, אבער די מענשען־טיראנען וועלען עס קיינמאל נישט דערלאזען. פערקעהרט טיראניי האב איך שטענדיג געהאסט, און דאס קענען טיראנען נישט מוחל זיין.

איך האב שטענדיג געשטרעבט פארווערטס און ארויף, דעריבער איז דאס העכסטע רעכט שטענדיג געוועזען פאר מיר און נישט פאר די, וואס האבען מיך געוואלט שלעפען ארונטער, און דא ליעגט די אורזאכע פון מיין איינזאמקייט.

דאס ערשטע, וואס איינזאמקייט ברייננט מיט איז חשבון הנפש און חשבון העבר. דאס איז א לאנגע ארבייט, א גרויסע אויפגאבע אויסצולערנען זיך בעהערשען די אייגענע נשמה. אבער די העכסטע און איידעלסטע וויסענשאפט איז דאך די וויסענשאפט פון זעלבסטערקענטניש, אויב ס'איז נאר מעגליך זיך אליין צו ערקענען. ווי דאס זאל נישט זיין, דאך מוז מען בעטראכטען זיך אמאל אין שפיגעל,

און בעֶזונדעֶרס אין יעֶנעֶם שפּיגעֶל, וואו עֶס שפּיגעֶלט זיך אויך דעֶר
רוקעֶן אָב, ווײַל אַניט איז דאָך אונמעֶגליך צו דעֶרגעֶהן, ווי אַזוי דו
זעֶהסט אויס פון דעֶר לינקעֶר זײַט.

איך האָב גענומען אונטעֶרפיהרעֶן אַ סך־הכּל פאַר די צעֶהן יאָהר,
זײַט איך האָב זיך בעֶקאַנט מיט באַלזאַק׳ן. דורכלעֶזעֶנדיג פּופּציג בעֶנ=
דעֶר פון זײַנעֶ ווערק, האָב איך נישט בעֶמעֶרקט, וועֶלכעֶ פעֶרעֶנדעֶרונ=
גען עֶס קומעֶן פאָר אין מיר זעֶלבסט, כּל זמן איך האָב נישט אי=
בעֶרגעֶלעֶזעֶן ביז׳ן סוף. דאָ האָב איך זיך אַליין עֶנטדעֶקט און איך
האָב געֶקעֶנט מאַכעֶן אַ סינטעֶז פון אַלעֶ צוריסעֶנעֶ אַנטיטעֶזעֶס פון
מײַן לעֶבעֶן. אָבעֶר דעֶרפאַר, וואָס איך האָב געֶקוקט אויף די מעֶנ=
שעֶן דורך באַלזאַקס בינאָקל, האָב איך מיך אויסגעֶלעֶרנט צו זעֶהן
זיי נאָר מיט איין אויג, אַזוי ווי דורך אַ מאָנאָקל, און עֶר, דעֶר
גרויסעֶר צויבעֶרעֶר, האָט אין מיר אײַנגעֶפלאַנצט נישט נאָר אַ געֶווי=
סעֶ עניוות, אַ שטילעֶ אונטעֶרטעֶניגקײַט דעֶם מזל, אָדעֶר דעֶר העֶ=
כעֶרעֶר השגחה, וואָס דאָס האָט מיך פעֶרהיט פון שמעֶרצעֶן בײַ די
שרעֶקליכסטעֶ קלעֶפּ פון דעֶם שיקזאַל, נאָר אויך עֶפּעֶס אַ מין אמונה.
דורכמאַכעֶנדיג די דאָזיגעֶ רײַזעֶ, געֶפיהרט פון באַלזאַק׳ן, איבעֶר זײַן
מעֶנשליכעֶר קאָמעֶדיעֶ, וואו איך האָב מיך בעֶקעֶנט מיט פיערהונדעֶרט
פאַרשוינעֶן (עֶפּעֶס אײַנעֶר אַ דײַטש איז געֶוועֶן אַ בעֶלן זיי איבעֶרצו=
צעֶהלעֶן), גלײַך ווי איך האָב איבעֶרגעֶלעֶבט אַנ׳אַנדעֶר לעֶבעֶן,
אַ ברײַטעֶרס און אַ רײַכעֶרס ווי מײַן אײַגעֶן לעֶבעֶן, אַזוי אַז אַמעֶנדעֶ
האָט זיך מיר געֶדאַכט, אַז איך האָב דורכגעֶלעֶבט צוויי לעֶבעֶנס.
נאָר געֶפינעֶנדיג זיך אין זײַן וועֶלט, האָב איך פון אַ נײַעֶם שטאַנד=
פונקט געֶנומעֶן בעֶטראַכטעֶן מײַן וועֶלט; און נאָך עֶטליכעֶ רעֶצידיוועֶן
פון מײַנעֶ פריהעֶרדיגעֶ קראַנקהײַטעֶן, און נאָך עֶטליכעֶ קריזיסעֶן, האָב
איך עֶנדליך אויף אַ בעֶזונדעֶר אַרט שלום געֶמאַכט מיט די לײַדעֶן,
ווײַל צו גלײַכעֶר צײַט איז מיר קלאָר געֶוואָרעֶן, אַז פונקט אַזוי ווי
פײַן און שמעֶרץ ברעֶנגעֶן אויס די גאַנצעֶ פסולת פון דעֶר נשמה,
פונקט אַזוי ווי זיי מאַכעֶן שאַרפעֶר די אינסטינקטעֶן און געֶפיהלעֶן,
פונקט אַזוי שעֶנקעֶן זיי דעֶר בעֶפרײַטעֶר נשמה העֶכעֶרעֶ פעֶהיגקײַטעֶן.
פון דאַמאָלס אָן נעֶהם איך איין די ביטעֶרסטעֶ טראָפּעֶנס פון דעֶם
לעֶבעֶנס נסיונות אַלס אַ רפואה, און איך האַלט פאַר מײַן חוב אַלעֶס אי=
בעֶרצולײַדעֶן אָבעֶר נישט קיין אָבגעֶלאָזעֶנקײַט און נישט קיין קנעֶכטשאַפט.

איבעֶרזעֶצט ז. ר.

אויגוסט סטרינדבערג.

פארזיכטיג מיט די אויגען.

פארהאן מענשען וואס מיט זייער איידעלע ערציהונג און הויכע בילדונג וואס זיי האבען בעקומען, קענען זיי זיך לייכט צוגעוועהנען צו יעדע געזעלשאפט.

טיילמאל פערבארגען זיי טיעף אין הארצען די געדאנקען זייערע, און טיילמאל ווייטער געבען זיי ארויס אזוינע געדאנקען, וואס זיי האבען וועגען זיי קיינמאל קיין טראכט נישט געטהון, זיי שווייגען ווען מ'דארף שווייגען און קענען צופאסען זייער זעעלע, (אזוי דאכט זיך אלעמען) צו פרעמדע געפיהלען. און צוקלעבען צו זייער פלייש (אויב מ'קען זיך אזוי אויסדריקען) פרעמדע געדאנקען אזוי ווי זיי וואלטען זייערע געוועזען.

ס'איז אבער פארהאן איין זאך וואס דערצו העלפט קיין ערציהונג און פאר קיין זאך וועט עס זיך נישט אבשטעלען.

דאס איז — דאס אויג.

אויב אין א געזעלשאפט וועט א קאלעגע האלטען א טאסט לכבוד דעם ווירט, און אויסרעכנען זיינע פעהלער, ער וועט אויפדעקען די שלעכטע זייט, איז דאן — — — — — — — — — — — — — — — — — „פארזיכטיג מיט די אויגען".

איין פריידע בליק וואס דער ווירט זאל ביי דיר בעמערקען, גיט דיך ארויס און דו קריגסט דיר א שונא אויף לעולם ועד.

— אז דו געהסט אין גאס און דער ווינט דעקט אויף דאס קלייד פון א פרויליין, איז דאן — — — — — — — — — — — — — — פארזיכטיג מיט די אויגען.

נישט ווארף א בליק אין יענער זייט, ס'קען נאך ווער בעמערקען און דערנאך אויף דיר די שענדליכסטע זאכען אויסטראכטען.

— אַז דו װעסט זיצען אין אַ געזעלשאַפט און זיך צוהערען צו אַ ליעד װאָס אײנער פון די העררן װעט זינגען, זײ פאָרזיכטיג מיט די אויגען.

אײן בליק װאָס דו װעסט צװאַרפען צו די בײזיצענדע װעט בײ׳ם זינגער אויסזעהן װי קריטיק אָדער חוזק, דען ער זעהט דיך מיט אַלע דײנע בעװעגונגען און מיט אַלע דײנע בעמערקונגען, אַזוי װי אין אַ געשליפענעם שפיגעל.

— אויב ס׳װעט זיך דיר טרעפען צו האַלטען אַ טאָסט, זײ פאָרזיכטיג מיט די אויגען. האַלט זײ בעסער אין בעכער און קוק זיך נישט מיט זײ ארום, דען אײן בליק דײנער קען אַרויסרופען אַ חשד און מיסטרויען צו דיר.

— אַז כ׳געה אין אַ געזעלשאַפט אָדער אין אַ עפענטליכען אָרט, טהו איך מיך נישט װילענדיג אַרײן אין אונערזעטליכקײט.

איך בין אָבער גרײט יעדע מינוט, מיט׳ן געזיכט אויסצודריקען מײן גלײכגילטיגקײט, קאַלטבלוטיגקײט און אונצופריעדענהײט יעדען װאָס װעט זיך בעסער אײנקוקען צו מײן האַרץ. מיט מײנע אויגען װעל איך אָבער נישט פובליקירען. זאָלען די לײט זאָגען; ער קוקט נישט אויף קײן מענש. איך ענטפער אָבער; נײן, יעדען בעזונדער קוק איך נישט אָן.

יעדענספאַלס, זײ פאָרזיכטיג מיט די אויגען.

איבערזעצט דורך ש. ז—ג.

9. בלײַכער.

*   *
*

חלומ׳ט דער בוים,
חלומ׳ט און בליהט;
טרוים איך אַ טרוים,
טרוימט מיר אַ ליעד,

ציהרט איהם און שפּײַזט
רעגען און זון;
נאַהרט וואָס מײַן גײַסט!
ווײס ווער דערפון?

קומט אָן זײַן צײַט
רײַפען די פרוכט;
מײַן זעעלע לײַכט,
בענקט נאָר און זוכט.

לינדערט זײַן לאַסט
שטורם און ווינד;
מײַן האַרץ וואָס ס׳האַסט
קײנמאָל פערשווינדט...

בליהט ער פיעל מאָל
חלומ׳ט און בליהט;
טרוים איך אײן מאָל
מיעד בין איך, מיעד...

באריס

נ. לוריא.

באָרִיס.

(ערצעהלונג)

באָריס גרינער איז געלעגען ביי זיך אין צימער, אויף דער זאָפע, די הענד פערלייגט אונטערן קאָפּ ארויף, און געקוקט גלייכגילטיג צום באַלקען צו. אין מח האָט, ווי אַ פליג אין פעך, זיך אַליין אומגעפּלאָנטערט די געדאַנק וועגען דעם, אַז ער איז שוין אַלט 29 יאָהר און וועט שטאַרבען. מיט פערבאָרגענער שרעק האָט ער געפיהלט, דייטליך געפיהלט, ווי די צייט רוקט זיך, רוקט זיך, צעהלט ווי אַ זייגער די מינוטען פון זיין לעבען — טיק, טיק, טיק... איין מאָמענט האָט ער אפילו דערפיהלט זיין לאַנגען אויסגעצויגענעם קערפּער טויט, און אַנ'אונהיימליכקייט איז איהם בעפאַלען, נור באַלד האָט ער אַ מידען שמייכעל געטאָן איבער זיין קליינליכקייט און זיך בערוהיגט.

עמיץ האָט דריי מאָל אָנגעקלאַפּט אין די טיר, עס איז אַריין ליזא די שניידערין, זי איז געקומען בעטען באַריסין, ער זאָל אַרויסטרעטען אויף אַ פערזאַמלונג, וואָס זייער פאַך מאַכט אויף מאָרגען צום טאָג פון ערשטען מאַרץ. באָריס האָט זיך געקווענקעלט, געפינען אַנ'אויסרייד, ניט צו געהן, נור ליזע האָט פון קיין זאַך ניט געוואָלט הערען. איהר פערשטעהט דאָך אַליין, אַז אויף אַזאַ פערזאַמלונג מוזט איהר געהן“, האָט זי געזאָגט, און איהר געזיכט איז געוואָרען דערביי אַזוי איבערצייגענדיג ערענסט. ער האָט איהר געמוזט ענדליך צוזאָגען. ליזע האָט אויפגעלויכטען פון פרייד, פאַר'ן אַוועקגאַנג האָט זי איהם זעהר צערטליך אַ דרוק געטאָן די האַנד און, שוין אין טיר, נאָך אַמאָל אומגעווענדט צו איהם איהר נאַאיווו ליעב געזיכט און שטום צוגעוואָרפען אַ דאַנקבאַרען בליק.

גלייך נאך ליזעס אוועקגעהן איז בארישין בעפאלען אמאדנע אונרוהיגקייט, ער האט זיך אונגעדולדיג אויפגעחאפט פון דער זאפע, א געפיהל פון פערצווייפלונג האט איהם געשטיקט. ער האט געוואלט ארויסלויפען נאך ליזען, דעריאגען זי און זאגען איהר, אז ער קען עס ניט טאן, וואס זי בעט איהם, אז ער גלויבט ניט אין קיין זאך, שוין לאנג ניט, אז זיין נשמה איז פויל און קאלט און וויסט!.. ער האט געשפאנט איבערן צימער און געפרעגט ביי זיך אליין, וואס האלט איהם אין זיין ארבייט, וואס בינדט איהם צו צו די מענשען, מיט וועלכע ער האט צו טאן — צו האט ער, ווי ליעב, צו ליידט ער, צו האפט ער צו זאמען מיט זיי? און ער האט זיך געענטפערט, אז ער איז גאנץ קאלט און גלייכגילטיג צו אלע זיינע „חברים“ און צו אלע זייערע „פארטייען“, אז זיין הארץ איז אויסגעטריקענט, און זיין לעבען איז צוועקלאזיג, אז ער גלויבט אין דער פארטיי נור וויל ער האט ניט וואו זיך אהין צו טאן, וויל ער פיהלט זיך צו אבגעלעבט אנצוהויבען א אנדער נייע לעבען און ווייס אויך ניט וואס אנצוהויבען...

ער האט זיך געפיהלט קליין, דערשלאגען, אונגליקליך, די איינזאמקייט האט איהם געדריקט. ער האט ניט געקענט מעהר בלייבען אין צימער, ער האט געוואלט זעהן ליזען און דערצעהלען איהר דעם גאנצען אמת, עפענען פאר איהר זיין הארץ, זיין ארים און פינסטער הארץ, אפשר וועט זי קענען אריינבלאזען אין איהם א פונק פון ליעבע און הייליגקייט... לאנג האט ער זי ארום געזוכט איבער די גאסען, נור ער האט זי ניט געטראפען, עס איז געוועזען שוין שפעט איבער דער לערער אלעע איז איהם אנגעקומען אנטקעגען א גאס מיידעל, איינגעוויקעלט אין א רויט טוך, א ווילע האבען זיי זיך אנגעקוקט שטום מיט די אויגען, דערנאך, ניט רייִדענדיג קיין ווארט, צוזאמען אוועק.

צו דער פערזאמלונג איז באריס אויף מארגען געקומען, גערעדט, ווי געוועהנליך, לאנג און גלאט און שען, נור אינווייניג האט ער די גאנצע צייט פון זיין רייִדען ניט אויפגעהערט צו פיהלען א מידעקייט און דריקענדיגע שווערקייט, געבייזשען אפט דעם טאן, געמאכט פויזעס: איהם האט זיך אלץ געדיכט, אז ער רעדט ניט דאס וואס מען דארף... און פלוצלונג איז ער אנשוויגען געווארען אויף א לענגערע ווילע. בעטראכט מיט א רעטעניששפולען שמייכעל דעם אנגעשטרענגט הארכענדיגען עולם, וואס איז צונויפגעשטיקט געשטאנען אין דעם אונטערען שיין פון דעם צאנקענדיג לעמפעל אויף דער וואנד, און דער-

נאך מיט א אונערווארטעטער בעלעבטקייט אויף א שרייענדיג הויכער שטים פערענדיגט זיין רעדע מיט א איבערטריבען שארפען אויפרוף, וואס האט זעהר וועניג געפאסט צו דעם פריהערדיגען... אלע האבען איהם הייס אפלאדירט.

בארים האט אונבעמערקט זיך ארויסגעריקט פון דער פערזאמלונג, ער האט געוואלט זיין אליין. אויף זיינע ליפען האט נאך געשוועבט דער רעטעניש פולער שמייכעל, וועלכען עם האט אין דעם האלבטונקעל פון דער פערזאמלונג קיינער ניט בעמערקט, און אין דער נשמה האט טריאומפירט עפיס א אונבעקאנטער רוח און געווען איז אנגענעהם און עטוואס שוידערליך צו פיהלען אין זיך זיין גליהענדיגען אטעם, איינמאל איז דורכגעפלויגען דורכ'ן געדאנק די פראגע — וואס איז, אייגענטליך, געשעהן? נור ער האט ניט געוואלט פון דעם טראכטען, ער האט מורא געהאט צו פערטרייבען דורך דעם די נייע אונבעשטימטע, נור שארף געהויבענע שטימונג, וואס האט זיך געגאסען מיט אזא זיסען גרויל איבער אלע זיינע גלידער און נערווען... הא—חא—חא... א לוסט געלעכטער האט זיך געוואלטיג געריסען פון זיין ברוסט ארויס, נור ער האט זיך גלייך דערשראקען פאר זיין אייגענע שטים און איז שטיל געווארען.

ער האט זיך צוגעזעצט אויף איינער פון די בענק אין דער פראספעקט-אללעע, דורך די נאקעטע בוימען-צווייגען האט געזייט זיין קארגען שיין דער דינער לבנה-מעסער. ה-הן. ווי האט ער עס ביז אהער ניט פערשטאנען? גלויבען, אידעאל... דאס האט מען אויסגעטראכט פאר נאאיווע שניידערינס... ווי, אייגענטליך' נאריש און לעכערליך איז ליזע מיט איהר ענטוזיאזם! ווי קליין און מיטליידסווערט זענען די אלע, וואס האבען איהם היינט אפלאדירט!.. דער אינטעליגענט, דער דענקער, וואס זעהט, וואס אנאליזירט אלץ, קען ניט גלויבען, זיין בערוף איז צו עטוואס אנדערש.., צו עטוואס אנדערש... געוויס... ער האט צו געוועלטיגען איבער די מאסען, צו זיין... יא, יא, דער גאט, אין וועלכען זיי נויטיגען זיך, אום צו איהם צו בוקען זיך, און איהם צו גלויבען!.. „זיי גלויבען דאך אין מיך! איך איך בין דאך זייער פיהרער, יא, איך, איך!“... ער האט מיט א מאדנעם פערגעניגען געחזר'ט דאס ווארט „איך“, ער איז זיך פלוצלונג אויסגעקומען גרויס, מעכטיג, ער האט זיך ענערגיש אויפגעשטעלט, אויסגעגלייכט, און טריאמפירענד אקוק געטאן ארויף; צווי-

נאקעטע לינדען־צווייגען זעגען, ווי צוויי סקעלעטען־הענד געהאנגען אויסגעשטרעקט איבער זיין קאפ, „זיי בענשען מיך", האט דורכגעשניטען זיין מח א איבערגלויבערישער געדאנק, ער האט אויפגעציטערט, איז נאך געשטאנען א ווייל, וועלענדיג זיך בעווייזען, אז ער שרעקט זיך ניט, און דערנאך מיט א האסטיגען אונרעגעלמעסיגען טריט אוועק א היים.

דער נייער געדאנק, צו וועלכען בארים איז אומגעריכט אין דעם אווענד געקומען, האט איהם בעגייסטערט, זיין פריהערדיגע פוילקייט און גלייכגילטיגקייט איז פערשוואונדען, ער האט פלוצלונג בעקומען א ברענענדיגען אינטערעס צו דער ארבייט, ער, דער אבגעלעבטער און אויסגעלאשענער, וואס האט אין א מינוט פון שוואכקייט געוואלט געהן בעטלען א פונק פון גלויבען ביי עפיס א וויניציג ענטוויקעלטער ארבייטערין, ער וועט נאך ווייזען, וואס ער קען!.. ער האט זיך פארגעשטעלט ווי ער וועט אנפיהרען מיט דער גאנצער בעוועגונג ווי צו זיין ווארט וועלען מיט פלאטערן און זיך צו הערען מאסען, ווי ער וועט האלטען אין זיין האנד דעם גורל פון זייער לעבען און זייער טויט. א זיסע נקמה־געפיהל פאר זיין ביזהעריגער עלענד און געפאלענקייט האט איהם פערשאפט א שטעלעדיגען פערגעניגען ביי דעם געדאנק.

מעהר, ווי אלע מאל, האט ער זיך איצט געפיהלט ווייט און פרעמד פון אלע זיינע אזוי אנגערופענע חברים, ער האט זיי אנגעקוקט פון אויבען אראב, מיט פעראכטונג און מיטלייד, אין זיינע אויגען האבען זיי געהאט א אויסזעהן פון מאריאנעטקעס, וועלכע ער קען בעוועגען לויט זיין קאפריז, „אין מיר איז דא עטוואס דעמאנישעס", האט ער געדענקט פון זיך מיט פרייד.

אויף דער ערשטער זיצונג, וואס דער קאמיטעט האט נאכ'ן ערשטען מארץ געהאט, האט בארים צו דער פערוואונדערונג פון די חברים, וואס האבען איהם געקענט פאר א פוילער, גענומען אויף זיך איניגע נייע וויכטיגע פונקציעס. יוסף דער סטאליער, אהויכער ברייטביינינגער בחור מיט קלוגע גרויע אויגען און א אייזעל שפאטיג מויל, האט איהם צוגעוואונשען: „אין א מזלדיגער שעה!" נאך דער זיצונג איז בארים צו צו ליזע'ן און געזאגט: „פאר וואס קומט איהר ניט

אַריין אמאל אין א פרייע שעה א ביסעל פערברענגען?" ליזע איז געוועזן פערוואונדערט און ענטציקט. „מיט פערגניגען," האט זי געענטפערט פערלעגען. ביים אבשייד נעהמען האט ער בעזונדערס שטארק און ווארים א קוועטש געטאן איהר האנד. א גאנצען אווענד נאכדעם האט ער געשפאנט איבער'ן צימער, און זיין נשמה האט געלאכט און געפלאמט פון שארפע, זיסע פארגעפיהלען...

ליזע האט גראד געהאט פיעל צו טאן אין איהר פאך, און האט אלץ קיין צייט ניט געהאט אריינצוגעהן צו באריסען. באריס האט געברענט פון אונגעדולד. שעה'ן לאנג איז ער ארומגעגאנגען איבער די גאסען מיט דער האפנונג איהר צו טרעפען. א היטעלע, א קאפטעלע, עהנליך צו איהרע, וואס פלעגען געבען א שיין אפער אמאל פון דער ווייטען, האבען שוין געמאכט שטארקער קלאפען זיין הארץ. נאר אויפ'ן צווייטען טאג פארנאכט האט ער זיך פלוצלונג בעדענקט און געפרעגט ביי זיך: „וואס איז דאס — ליעבע-פיבער, א אנהויב פון א פאעטישען „ראמאן"?... און, אריינטראכטענדיג, האט ער ווירקליך דערפיהלט אין הארצען א שרעקליכע לעערקייט און גלייכגילטיגקייט, „לאנגווייליג און נאריש, לאנגווייליג און נאריש"... האט ער גע'טענה'ט צו זיך אליין, מיעד שלעפענדיג זיך אהיים.

אין צימער איז געוועזן ענג און אונהיימליך, באריס האט זיך ארומגעקוקט, דערפיהלט זיך עלענד און איבעריג און עס האט איהם פערקלעמט אין הארצען ביז צום וויינען. איהם האט זיך געוואלט פאלען אויף די קניה און ביי עמיצען בעטען א ביסעלע פרייד, הייסע און ריינע אמת'ע פרייד!... געטאן האט ער עס ניט, ער האט א קוק געטאן גלייכגילטיג אויף דער טיר, א שאקעל געטאן טרויעריג מיט'ן קאפ און זיך אויסגעבעט צום שלאפען.

אין מיטען נאכט האט ער זיך אויפגעהאפט. עס איז געווען פינסטער און אזוי שטיל, ווי אלץ ארום וואלט אויסגעשטארבען, און די טויטליכע שטילקייט האט אנגעפילט זיין מח, זיין הארץ, אלע זיינע צעלען. ער האט זיך אויפגעזעצט אין בעט, ארומגענומען די קניה מיט די הענד און, אריינדרינגענדיג די בליקען אין די שווינדעלדיגע פינסטערניש אריין, געקלערט: „גאט, איך האב דאך נאך קיינמאל ניט געליעבט!.. וואו איז יענע גרויסע וואונדערשאפענדיגע ליעבע, וועגען וועלכער מען רעדט און שרייבט אזוי פיעל?.. וואו איז זי?" ער האט פערהאלטען דעם אטעם און זיך

צוגעהערט צו זיין נשמה, ער האט פערמאכט די אויגען, אויסגעשטרעקט דעם קאפ פאראויס אין די פינסטערניש אריין און לאנג און אנגעשטרענגט זיך צוגעהערט, נאר אלץ האט אין דער מינוט אין איהם שטום געשוויגען, איז געווען טויט-רוהיג... א פערצווייפלונג האט איהם געשטיקט, ער האט געוואלט, אז מיט איהם זאל געשעהן עפעס שרעקליכס, א, זאל מען רייסען, זאל מען בייסען זיין לייב, זאל מען מיט א גליהענדיגען אייזערנעם פויסט זיין הארץ צונויפפרעסען, נאר זאל ער פיהלען, אז ער לעבט, אז ער האט נאך א הארץ, וואס קאן חאטש וועה טאן, ברענען און צאפלען פון וועהטאג!.. ער האט געוואלט זיך אויסוויינען, נאר ער האט ניט געקאנט; ער האט געוואלט שרייען, נאר ער האט זיך בעדענקט, אז דאס וואלט, אייגענטליך, געווען א משוגעת, ביז ער איז א פערמאטערטער, צוריק אנשלאפען געווארען.

אויף מארגען האט ער ווידער אבגעווארט ליזען און ווידער געפלאטערט ביי יעדען קלאפ אין טהיר, ביי יעדען שארך פון א קליידעל. „איך בין פערליעבט," האט ער זיך געזאגט מיט א איראנישען שמייכעל אויף די ליפען און א געהיימער ציטעריגער פרייד אין הארצען. א גאנצען טאג האט ער געזעהן צו זיין פערנומען, בעזארגט פערשידענע פארטיי-געשעפטען, געלייענט; ער האט מורא געהאט צו בלייבען אליין מיט זיין נייעם געדאנק, איהם האט זיך אלץ געדוכט, אז ביים לייכטסטען הויך קאן ער אוועקפליהען, צוגעהן... שפעט אין אווענד, אז ליזע איז נישט געקומען, איז ער אוועק צום הויז פון איהרע עלטערן. אריינגעהן האט ער נישט געוואלט, ער האט זיך נאר געשטעלט אונטער'ן פערהאנגענעם פענסטער און געחאפט מיט'ן בליק יעדען ריהר פון איהר שאטען. ווען דאס פייער אין שטוב דארט האט זיך שוין פערלאשען, איז ער נאך געבליבען שטעהן א היבשע ווייל און געווארט מיט הארצקלאפען, אז דאס פענסטער זאל זיך עפענען, און ליזע זאל ארויסשטעקען דאס קעפעל און זאגען איהם חאטש איין ווארט, „א גוטע נאכט"... „איך בין געוויס פערליעבט," האט ער זיך צופריעדען געזאגט. אומקעהרענדיג זיך נאכדעם אהיים, ביי זיך אין צימער האט ער פערריכערט א פאפיראס, זיך אנידערגעזעצט אויף דער זאפע און גענומען זיך צו פאנטאזירען: א לבנה'דיגע פריהלינגסנאכט... א שענער פערלאזענער גארטען... נאכטיגאלען

זינגען... ליזע זיצט אויף א גראז־באנק און ער ליעגט צו איהרע פיס... און ער קושט זיי און פליסטערט דערביי מיט א ליידענשאפטליכער שטים די שענסטע און פלאמענדיגסטע ליעבע־ווערטער... און נאך און נאכאמאל האט ער דאס בילד ארומגעטראכט, געביטען די דעטאליען, געזעהן צו מאכען זיי פארב־ און געפיהלרייכעל. ענדליך האט ער דערפיהלט א מידקייט; א וויסטע קעלט האט דורכגעוועבט זיין נשמה, און ער האט זיך פלוצלונג דערפיהלט אזוי, ווי אלע גלידער אויף זיין קערפער וואלטען הענגען געבליבען, ווי איבעריגע...

אויפ'ן פיערטען טאג איז ליזע געקומען און דערנאך געווען שוין ביי באריסען גאנץ אפט. ער האט איהר פיעל גערעדט וועגען זיך, וועגען זיינע ספקות, וועגען זיינע ליידען, וועגען זיין אייגענארטיגער טונקעלער נשמה. ליזע האט איהם ווייניג פערשטאנען, נאר מיט דער גאנצער קראפט פון איהר פרויענליכען וועזען האט זי פריהער פון אלץ דערפיהלט, אז ער ליעבט זעהר פיעל און דארף האבען פריינדשאפט, ווארימע פרויענליכע הארציגקייט. א הייסער פערלאנג צו העלפען איהם, צו פערשטעהן און שטילען זיינע וועהטאגען, צו געבען איהם פרייד און גליק, האט אנגעפילט איהר גאנץ וועזען. עס האט איהר נאר געשטערט די אונפערשטענדליכע אנגעשטרענגטקייט און אונקאנזעקווענץ פון באריס'ס פערהאלטען זיך צו איהר. איבערהויפט האט זי איהם ליעב געהאט, ווען ער האט פיעל גערעדט. ער האט איהר דאמאלס אויסגעוויזען אזוי בעזונדערליך, אזוי גייסטרייך... נאר אמאל פלעגט ער זיצען שווייגענדיג און קוקען אויף איהר מיט פערגעטערונג מיט אונגאטירליך געעפענטע אויגען, אמאל ווידער פלעגט ער זיין בייז און צוזאמענגעצויגען אדער גאר געניצען. דערפון האט זי זיך געפיהלט געאיינגט און געשעמט און נישט געוואוסט, ווי זיך צו האלטען.

איינמאל איז ער געזעסען אזוי שווייגענדיג, און זיין בלייך געזיכט האט אויסגעדריקט אונגעוועהנליכע ליידען. ליזע האט געקוקט אויף איהם, און דאס הארץ האט איהר געריסען פון וועהטאג און מיטלייד.

— פארוואס זייט איהר אזוי טרויעריג? — האט ליזע נישט אויבעהאלטען געפרעגט, און איהר שטים האט געציטערט פון דערווארגענע טרעהרען. באריס האט זי אנגעקוקט א ווילע מיט א שמערצ־

ליבּען שמייכעל, דערנאָך געענטפערט:

— איהר ווילט וויסען פאַרוואָס?.. — ווייל איהר זייט אַזוי שען און גוט, און איך בּין אַזוי בּייז און פינסטער.

בּאָריס האָט איין רגע אַליין זיך אינווייניג פערהאונדערט און דערפרעהט, וואָס ער האָט פאַר ליזען אַרויסגעזאָגט אַזאַ אמת, נאָר גלייך האָט אַ עקעלגעפיהל דורכגעשוידערט אַלע זיינע נערווען. און דער טיעפעניש פון דער נשמה האָט ער דערפיהלט דעם קאַלטען און פוילען אָטעם פון אַ אונפערמיידליכער פאַלשקייט. ער האָט געוואָלט אויסשרייען: „דאָס איז ליגען, איך האָב געזאָגט ליגען!“... נאָר גלייכצייטיג האָט ער קלאָר פערשטאַנען, ווי אונזיניג און אונגוטס דאָס וואָלט געוועזן. ליזע איז געשטאַנען אַ פּאָר טריט פון איהם און האָט אינגאַנצען געציטערט. זי האָט געוואַרט, געוואַרט, ער זאָל נאָר זאָגען דאָס ערשטע וואָרט, און זי וואָלט זיך איהם געוואָרפען אויף די בּרוסט, בּעדעקט מיט קושען זיין שטערען, זיינע אויגען, זיין קראַנק און שווער האַרץ; זי וואָלט אָנגעפילט מיט ליכט און צערטליכקייט זיין טאָג און זיין נאַכט, געמאַכט פערגעסען איהם אַלע זיינע ליידען און צווייפלונגען! נאָר גאָט! עס איז אַזוי אונמעגליך אָנצוהויבּען!.. בּאָריס איז געזעסען צוזאַמענגעצויגען און האָט געשוויגען.

„זאָגט“, די ווערטער האָבּען זיך איהר פון מויל געריסען,

„זאָגט... איהר האָט מיך ליעבּ?..“ זי האָט עס אַרויסגערעדט און, פערדעקענדיג דאָס געזיכט מיט בּיידע הענד, געבּליבּען שטעהן אויף אַ אָרט, ציטערנדיג, ווי אַ בּלאַט. בּיי די ווערטער ליזעס האָט זיך בּאָריס'ן אויף דער נשמה ווי אַ אונגעוועהנליך שווערע שוואַרצע משא אַראָבּגעלאָזט. ער האָט זיך געשטיקט פון אונבּעהאָלפענקייט, ער איז אָבּער געשטאַנען איבּער אַ תהום, און דער תהום האָט איהם געצויגען אין זיין טיעפעניש, און נישט אין זיין מאַכט איז געווען זיך אָבּצוהאַלטען. בּאָריס'ס געזיכט האָט אָנגענומען אַ ליעבּעפול בּענקשאַפטליכען אויסדרוק און מיט אַ ערהויבּען שמערצליכער שטים האָט ער געזאָגט:

— צי האָבּ איך אייך ליעבּ? איהר זייט מיין טרוים, וואָס קען קיינמאָל נישט פערווירקליכט ווערען. איך וויל קושען דעם אָרט, וואו עס טרעט אייער פוס!

ליזע איז געשטאַנען און זיך נישט בּעשלאָסען וואָס צו טאָן.

— ווען איך זאָל וויסען, אַז איהר קענט מיך ליעבּ האָבּען! —

האָט באָרים צוגעגעבען אונגעדולדיג.

מעהר האָט שוין ליזע נישט געקענט אויסהאַלטען. זי איז אַרויפגעפאַלען אויף זיין ברוסט און זיך צעוויינט פון גליק.

זי האָט איהם געקושט און געהאַלזט, אָנגערופען מיט די צערטליכסטע צונעמען, געטרייסט, גערעדט וועגען זייער צוקונפט, געטרוימט, ווי זיי וועלען צוזאַמען אַרבייטען פאַר דאָס פאָלק, ווי זיי וועלען אָפּפערן דאָס לעבען איינער פאַר דעם אַנדערן, ווי העלדיש עס וועט זיין זייער סוף. נאָר שטאַרבען וועלען זיי צוזאַמען, נישט אַנדערש! ער מוז עס איהר צוזאָגען. זי קען איהם נישט פערלאָזען, זי וועט זיין מיט איהם אין פייער און געפאַהר... באָרים האָט אויטאָמאַטיש געענטפערט און קוים זיך איינגעהאַלטען פון אַרויסצווייזען זיין אינווייניגסטע אויפגערעגטקייט.

ווען ער איז אַוועק פון ליזען, האָט שוין געוויזען אויף טאָג. ער האָט זיך געפיהלט מיעד און בייז...

ליזע איז געזעסען ביי באָרים'ן אויף די קניה, געגלעט גליקליך-פערחלומ'ט זיינע האָהר און מיט טיעפער צערטליכער ליעבע גערעדט שטום צו זיינע אויגען מיט איהרע. איהר געזיכט איז פאַר דער קורצער צייט שענער און ערנסטער געוואָרען. באָרים האָט זי געהאַלטען אין זיין אָרעם, און אַ טויבע אונצופרידענקייט האָט איהם געקלעמט; יעדע ליעבליכקייט איהרע האָט אין איהם אַרויסגערופען אַ טעמפּען וועהטאָג. און ער האָט דאָך מיט אַזאַ אונגעדולד זיך געריסען אַהער!.. נאַריש, ווילד... ער האָט מיט אַ נערוועזער בעוועגונג אָבגעשטויסען ליזען פון זיך, פערמאַכט די אויגען און אַ פערשטיקטען קרעכץ געטאָן. ליזע האָט זיך דערשראָקען.

— וואָס איז דאָס מיט דיר, טייערער?.. — האָט זי אונרוהיג געפרעגט.

ער איז געזעסען צונויפגעקנוילט און האָט נישט געענטפערט.

— גאָט מיינער, באָרים, וואָס איז דאָס מיט דיר? — זי האָט פיבערליך אַרומגעפלאָכטען זיין האַלז מיט איהרע הענד און אָנגעהויבען איהם צו קושען.

לאָז מיך אָב, איך קען נישט! — האָט באָרים אויפגערעגט אויסגעשריען.

ווי פון אַ שלאַנגענביס, איז ליזע אָבגעשפרונגען און, טויט בלייך, געעפענט אויף איהם אַ פּאָר שרעקליכע אויגען. זי האָט נישט

געקענט רײדען. דאן האט באריס צו איהר א בערוהיגענדיגען שמײכעל געטאן, אנגענומען זי פאר דער האנד און צוריק אװעקגעזעצט צו זיך אויף די קניה.

— האסט מיך שוין נישט ליעב? האט ליזע צוטרױליך גע־פרעגט.

— נארעלע, האט ער איהר אבגעענטפערט, איך האב דיך ליעב, ליעב...

און נאך א קורצער פויזע האט ער פלוצלונג װידער געזאגט:

— איך האב דיך ליעב, ליעב, ליעב... און געחזרט דאס װארט מיט עפעס א מאדנער פערביסענקײט.

נאכדעם האט ער מיט א הארטער בעװעגונג צושפיליעט איהר דאס קאפטעלע, געקושט איהר ברוסט און מיט פערביטערונג געזאגט: „ליעב, ליעב..."

ליזע האט זיך שװאך און צערטליך רײצענדיג געװעהרט. „ליעב, ליעב..." האט ער הײזעריג געפליסטערט, שטיקענדיג איהר נאקעט גליהענדיג לײב אין זײנע ארעמס. נאר אינװעניג, אין אלע װינקעלעך פון זײן נשמה און פון זײן קערפער האט שוין פויל און מיעד אויפגערעגט געלאכט א גיפטיגע, שטיקענדיגע גלײכגילטיגקײט...

נאר װאס מעהר אונצופרידען און װאס מעהר פרעמד פון איהר ער האט זיך געפיהלט, אלץ מעהר איז אין איהם געװאקסען דער פערלאנג צו צוברעכען, צושטערען דעם רעטעניגשפולען צוים, װאס איז, װי שפעטענדיג, געשטאנען צװישען זײ, און מיט א װילדער, פערצװײפעלטער פערביטערונג האט ער געמאטערט איהר לײב און געצװיגען, געשלעפט עס אין א תהום פון גראבען עראטיזם. זי האט זיך צושראקען געװעהרט. זי האט געװײנט, געקושט איהם הענד און פיס, געבעטען זיך בײ איהם, ער זאל זיך אבהאלטען, נאר ער האט מיט א שװײגענדיגער אכזריות'דיגער אײנגעשפארטקײט געשטױסען זיך אלץ טיעפער אין דעם תהום. גאנצע טעג איז זי ארומגעגאנגען װי אין א קרײנקליכען חלום; איהר געזיכט איז געװארען בלײך, אוי־מעטיג, פון די אויגען האט ארויסגעקוקט פערגליװערט א שמערצליכע פראגע. זי האט זיך געפיהלט אין גאנצען דערדריקט און אונמעכטיג. ער איז געװען, װי משוגע. ער האט זי דאן פײנט געהאטפון טיעפ־סטען הארצען און דאך געפײניגט מיט א קרײנקליכער פערביסענקײט.

ליזע איז געלעגען אַ קראַנקע, אַ דערשלאָגענע אין בעט און האָט צושראָקען אויסוואַרטענדיג געקוקט צו דער טיר. דער קאָפּ האָט איהר וועה געטאָן, און אין די אויגען האָט געטונקעלט. עס האָט זיך איהר געדוכט, אַז גאָט'ס שיין איז שוין אויסגעלאָשען אויף דער וועלט, און איבער אַלץ הענגט און דריקט אַ שווערער גיפטיגער נעבעל. זי האָט אַזוי געוואָלט, אַז באָריס זאָל איצט קומען און זאָגען איהר, אַז דאָס אַלץ איז געווען נאָר אַ חלום, אַ שרעקליכער חלום, און זאָל זי נעהמען אויף די הענד, ווי מען נעהמט אַ קליין, קראַנק קינד, און טרייסטען און שטילען זי, און זינגען איהר אַ צערטליך אומעטיג ליעדעל, ביז זי וועט איינשלאָפען... נאָר ער קומט נישט, קומט נישט... פאַרוואָס קומט ער נישט?.. גאָט, עס איז אַזוי שרעקליך צו ליגען אַליין און טראַכטען! וואָס איז דאָס געווען?.. וואָס טוט ער עס מיט איהר?.. זי האָט זיך צוגעדריקט ביידע אויגען מיט איהרע ציטערנדיגע הענד און געפליסטערט: „גאָט מיינער, גאָט מיינער, וואָס איז דאָס?..“ איהר האָט זיך געדוכט, אַז זי פאַלט, פאַלט... אין עפּיס אַ פינסטערע גרוב; אַ גיפטיגער דאַמפּף פערשטיקט איהר דעם אָטעם; זי וויל שרייען און קען נישט, זי וויל זיך אָנכאַפּען פאַר עפּיס מיט די הענד, זענען זיי געליימט; זי לאָזט זיך אַראָב, פאַלט, ווערט דערשטיקט!.. זי איז אויפגעשפּרונגען פון בעט, בעגאָסען מיט אַ קאַלטען שווייס. ציטערנדיג מיט'ן גאַנצען לייב, האָט זי גערופען, שטיל בעטענדיג, צו דער טיר: „איך האָב מורא אַליין... האַלט מיך צו, בעשיץ מיך... איך האָב מורא אַליין, טייערער, ליעבער!.. עס שטיקט מיך. עס שטיקט...“

„שאַ, עס איז נאָך טאַקי צו פריה, צו פריה נאָך“ — זי האָט אַ קוק געטון אויפ'ן זייגער — „ער וועט נאָך קומען, מען דאַרף נאָר נישט טראַכטען... אָט אַזוי אַ איינגראָבען זיך מיט'ן קאָפּ אין קישען און נישט טראַכטען, גאָר וועגען קיין זאַך נישט טראַכטען...“

ווען באָריס איז געקומען, איז זי שוין געווען רוהיג, נאָר אונגעוועהנליך אָבגעשוואַכט, ער האָט זי אַ ווײַלע אָנגעקוקט, שוויינענדיג זיך אַנידערגעזעצט און דערנאָך געפרעגט: „דו ביזט קראַנק?“ עס האָט איהם שוין פערדראָסען, וואָס ער איז געקומען אהער. ער האָט מעהר נישט ליעב געהאַט צו האָבען מיט קראַנקע. זי האָט פאַמעליך גענומען זיין האַנד, אַרויפגעלעגט זי צו זיך אויפ'ן שטערן און, קוקענדיג אויף איהם, מיט גרעניצלאָזיגען געבעט, אונדרייסט

געזאגט :

— איך האב אלץ געקלערט ... געקלערט וועגן אונז ... באריס, ליבער, איינציגער מיינער, וואס איז דאס מיט דיר ... מיט אונז אזעלכעס ? ...״ זי איז פלוצלונג אריבערגעשפרונגען האלב אנגעטאן, ווי זי איז געלעגן, פון בעט, געפאלן פאר באריס׳ן אויף די קניה און, צונויפקוועטשענדיג זיינע פינגער מיט אירע גליהענדיגע הענדטליך, מיט פיבערליך פרעגענדיגען בליק זיך איינגעגעסען אים אין די אויגען. באריס איז געווארען צומישט. ער האט נישט געוואוסט, וואס צו טאן. די גאנצע סצענע איז אים געווען צו לאסט. ער האט געזאגט :

„בערוהיג דיך, מיין טייערע, איך האב דאך דיך ליעב, ...“ אויפגעהויבען זי און צוריק אריינגעלעגט אין בעט. ליזע איז שטיל געווארען, זיך אויפגעדרעהט, ווי א קניילכעל, און, א שוואכע, א קליינינקע, געוויינט שווייגענדיג זיך אין די הענד אריין ...

נישט ווילענדיג, איז באריס געבליבען זיצען ביי ליזען ביז שפעט, און ווען ער איז ענדליך האלבע נאכט ארויס אויף דער גאס, האט ער פריי אבגעאטעמט. שלאפען האט ער נישט געוואלט, האט ער זיך געלאזט ארומדרעהען, איבער די גאסען. אים האט געקוועלט די בעדערפעניש אין א אונגעקוועלטען עראטישען פערגעניגען, און איצט, פארבייגעהענדיג עפיס א פרעהליכע אנשטאלט, וואס האט געבליצט ארום מיט העלע פייערן, איז ער מיט חשק אריין אהין.

ער האט זיך צוגעזעצט צו איינעם פון די טישלעך. א דיקע שרייענדיג אנגעפארבטע פרוי מיט פליישיגע בלוט-רויטע ליפען האט צו אים פרעך צוגעשמייכעלט. ער האט זי צוגערופען מיט א וואונק און בעשטעלט ביער. אויף דער סצענע האבען זיך געביטען האלבנאקעטע טענצערינס מיט ווילד פערשייטע בעוועגונגען, קופלעטיסטינס מיט פער׳שכור׳טע שטימען, קארליקלעך, העסליך אויסגעשמירטע פערקריפעלטע קלאאינען. ארום זענען געזעסען אלטע לייט מיט פערשוויצטע פליכען, פערפעטסטע אויגען און קוים איינגעהאלטענעם ציטער אין די מויל-שלעסער, מיטעלע מענשען מיט זיבערגעניטע צינישע מאניערען, אויפגעבראכטע, אין דער ברען אריינגעקומענע יונגע חברה. און דאס אלץ האט געקלאפט מיט גאפעל-מעסער איבער די דעמפפענדע פלייש-געריכטען, געקלונגען מיט די ביער-בעכער, הייזעריג, אויפגערעגט געלאכט, פרעך זיך איבערגעוואונקען און איבער-

גערופען מיט אוננאטירליך אנגעפארבטע און שרייענדיג געקליידטע פרויען... באריס האט זיך געפיהלט פערשכור'ט פון דער אטמאספערע. די גראבע ציניש ווערטלעך און בעוועגונגען פון זיין שכנה האבען איהם אנגענעהם גערעגט; און ווען ער איז אין דער פריה פון איהר ארויס, האט ער געפיהלט אין זיך א זיסע בעפרידיגטקייט.

דער פריהמארגען איז געווען א פרישער און א ליכטיגער. באריס איז געגאנגען, און איהם האט זיך געוואלט לאכען, „ליעבע, ליעבע... ווי קומט עס צו מיר אזא נארישקייט? דאס פאסט נאר פאר אזעלכע נאאיווע אונבעהאלפענע מיידלעך, ווי ליזע... די מענשען מוז מען פעראכטען, פעראכטען און הערשען איבער זיי!..."
ער האט זיך אבגעשטעלט און מיט א זעלבסטצופרידענער שטאלצער מינע פון א הערשער א קוק געטאן ווייט ארום זיך...

ליזע איז אויך אויף מארגען פון שטוב נישט ארויס, עס האט זי געטרייסעלט אין קעלט און אין היץ, און זי האט זיך געפיהלט שרעקליך שוואך. יוסף דער סטאליער האט זיך דערוואוסט, אז ליזע איז קראנק און איז צו איהר גלייך אריינגעקומען. אט דער שטארקער ארבייטער און הארטער רעוואלוציאנער האט זי צוגעזעהן, ווי די צערטליכסטע בארימהערציגע שוועסטער. געוועהנליך פלעגט ער צו איהר כמעט קיינמאל, אויסער געשעפטליך, נישט אריינקומען, נאר איצטער איז ער ביי איהר געווען עטליכע מאל דורכ'ן טאג, געזעסען ביז שפעט, געפלוידערט, געוויצעלט זיך מיט איהר. פארנאכט האט ער געבראכט פון גאס א גאנצען פאק פאנטאסטישע מעשה'ליך און אין אוועגד טיילוויז געלייענט, טיילוויז דערצעהלט זיי פאר ליזען. און אזוי אויך אויף מארגען און אויף איבערמארגען. ליזע האט זיך זעהר פעראינטערעסירט מיט די מעשה'ליך, געפרעהט און בעאונרוהיגט זיך וועגען דעם גורל פון זייערע העלדען, ווי א קליין קינד. אויף א ווייל פלעגט זי זיך צושטרויען און פיהלען זיך לייכטער, דערנאך צוריק אריינפאלען אין שלאפקייט און מרה-שחורה.

איינמאל האט זיך געמאכט אזוי, אז באריס איז אריינגעקומען דאן, ווען יוסף האט געהאלטען אין מיטען דערצעהלען ליזען איינס פון די מעשה'ליך. ליזע איז האלב געלעגען אין בעט, דעם קאפ אנגעשפארט אויף דער האנד. איהרע צופלאכטענע טונקעלע האהר זענען געפאלען אין אונאָרדנוּנג איבער'ן אקסעל צו דער האלב אויפגעבלויזטער ברוסט צראב, אין פונ'ם לייוועגט-בלייכען געזיכט האבען

פיבערליך ארויסגעגליהט איהרע סאמעט־שווארצע אויגען. יוסף האט דערצעהלט אסקאר ואיילדס מעשה'לע וועגען דער רויטער רויז. ווען בארים איז אריין, איז יוסף אנשוויגען געווארען און האט זיך עטוואס פערלעגען אויפגעהויבען פון שטוהל. ליזע האט געפלאטערט. זי האט אנגעחאפט יוסף'ן ביי דער האנד און געבעטען נישט אנדערש צו ענדיגען דערצעהלען די מעשה: „נו, נו... דער דארן האט אלץ טיעפער זיך אריינגעשטאכען דער נאכטיגאל אין הארץ אריין, איהר בלוט האט געטריפט, געפלאמען אויף די בלאסע בלעטליך פון דער רויז, און די נאכטיגאל האט אלץ געזונגען, געזונגען... ווייטער, ווייטער!...” זי האט געציטערט.

— נו, און גאר! — האט יוסף געענטפערט מיט א געמאכטער מונטערקייט — דא האט איהר שוין, אייגענטליך, די גאנצע מעשה!.. איהר זייט אבער צופיעל אויפגערעגט. לעגט זיך אנידער, ווי עס בעדארף צו זיין, אט אזוי א, און בערוהיגט אייך. נאך אלעמען איז דאך עס נישט מעהר ווי א מעשה...”

— „פון דעם טאלאנט אייערן האב איך גארנישט געוואוסט!” האט זיך בארים געווענדט צו יוסף'ן, ווען ליזע האט זיך עטוואס בערוהיגט.

„א, דעם טאלאנט פערמאג איך נאר אויף א רפואה”, האט יוסף זיך אבגעוועהרט מיט א וויץ, „דערצו איז דאך אונזע" ליזע („אונזער ליזע” האבען זי אנגערופען אלע מיטגליעדער פון איהר פאך) א וואהר קינד. נישט אמת, ליזע?”

נאר ליזע האט נישט געענטפערט. זי איז געלעגען און געשוויגען, און נאר די אפענע אויגען איהרע האבען געפלאמט, און עס האט זיך געדוכט, אז זיי זעהען קיינעם נישט ארום זיך, נאר הערען זיך איין אין דאס וואונדערליכע ליעד פון יענער נאכטיגאל, וואס זינגט, אבגעהענדיג מיט בלוט פאר דער ליעבע...

זינט ליזע איז קראנק געווארען, האט זיך בארים צוריקגענומען צו דער פארטיי־ארבייט, וועלכע ער האט די לעצטע צייט געהאט א ביסעל פערלאזט. גאנצע טעג און אווענדען איז ער געווען פערנומען, איהם האט ווידער בעגייסטערט דער געדאנק אריינצונעהמען צו זיך אין האנד די אנפיהרונג מיט דער בעוועגונג, און ער האט זיך אין הארצען אויפגעווארפען דערפאר, וואס ער האט זיך „פערדרעהט א מח

[פארטזעצונג קומט]

מיט א מיידעל".

באריס איז געגאנגען, מונטער טרעטענדיג, איבער דער גאס,
און זיין הארץ האט געקלאפט פון שטאלץ און צופרידענקייט. ער
האט נאר=וואס געהאט א גלענצענדען ערפאלג אויף א מאסען=פערזאמ=
לונג, וואס האט זיך איינגעגעבען צו מאכען אין א גרויסער פאבריק.
עס האט איהם געשפארט דער פערלאנג מיט עמיצען צו ריידען ווע=
גען זיך. א ביסעל פאראויס איז געגאנגען שמואל וואלף דער שמיד.
דאס איז געוועזען זעהר א שטארקער בחור מיט א שרעקליך טעמפען
קאפ, וואס האט בשום אופן נישט געקאנט זיך אויסלערנען לייענען
און שרייבען און, וויפיעל מען האט אין דעם נישט געטהון, נישט
געקענט בעגעהמען קיין איין פונקט פון דעם פארטיי=פראגראם. נאר
דער פארטיי איז ער געווען איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען,
האט זעהר ליעב געהאט צו הערען א רעדנער, איבערהויפט אויף
רוסיש, וואס ער האט זעהר שווער פערשטאנען; הייליג אונבעריהר=
ליך געהאלטען די פארטיי=דיסציפלין און איז געווען גרייט צו געהן
אין פייער און אין וואסער לויט'ן ערשטען ווארט פון א קאמיטעט=
מיטגליעד. באריס האט איהם צוגערופען צו זיך.

— געפעלט אייך עפיס היינטיגע רעדע, שמואל? האט ער
איהם געפרעגט.

שמואל וואלף האט זיך פערשעמט.

— איהר לאכט מסתמא, — האט ער געזאגט, — איהר דארפט
באך פרעגען?

באריס האט פערגניגט זיך צושמייכעלט און האט פלוצלונג א
פרעג געטהון:

— פון נאפאלעאנען, שמואל, האט איהר געהערט?

— ניין, האט שמואל וואלף געענטפערט נאאיוו.

— דאס איז געווען א פראנצויזישער קייסער, וואס...

— אט א דער א, וואס מען האט איהם דער'הרג'עט? — האט
שמואל געפרובט טרעפען.

— אי, געהט! דאס איז געווען א גרויסער מעכטיגער הער=
שער, פאר וועלכען די וועלט האט געקניהט!.. איהר פערשטעהט?

שמואל וואלף האט זיך געפיהלט שולדיג און אין פערלעגענהייט
געשוויגען. באריס האט זיך צורעדט:

— צי פערשטעהט איהר, ליעבער שמואל וואלף, דעם פער=

געניגען פון בעגעהן זיך מיט'ן מענשען, ווי מיט א שפיעלכעל, ווי א געניטער פירעלקינסטלער ציהען פון זיינע הארצענס-סטרונעס די קלאנגען, וועלכע איך געפעהלען, פיהלען; אז זיין גורל הענגט אן אייער ווארט, ווי א טראפען אן א שפיץ מעסער?.. און וואס, אנ'ערך, גלויבט איהר, שמואל?

שמואל וואלף האט נישט פערשטאנען רעכט, וואס מיינט מען מיט דער פראגע. באריס האט איהם איבערגעפרעגט:

— צו וואס שטרעבט איהר, נו, וואס ווילט איהר?

— איך וויל אודאי, האט ער געזאגט ערנסט, אז מיר זאלען אויספיהרען.

— אזוי. און וואס דארפט איהר טאן אום אויסצופיהרען, דאס ווייסט איהר?

— איך מיין, האט שמואל וואלף געענטפערט מיט א פלוצלונג אויפגעלויכטענעם, צופרידען צוגאסענעם שמייכעל איבער זיין גאנץ ברייט געזיכט, — איך מיין, אז דער זעהענדיגער דארף ווייזען א וועג דעם בלינדען... און גלייך זיך פערשעמט.

— ה-הו... און טאמער, — האט זיך באריס צורעדט מיט פאטאס, — טאמער פיהרט אייך דער זעהענדיגער אויף א גליטש, טאמער שפיעלט ער נאר מיט אייך, ווי דער קונצענמאכער מיט'ן פאפירענעם מענשעל, טאמער פיהרט ער אייך אום אין א זומפ, ווי דער טייוועל פיהרט אום ביינאכט דעם פערבלאנזשעטען וואנדערער?.. א, ארימער בלינדער!

באריס האט ארויפגעלעגט זיין האנד צו שמואל וואלפ'ן אויפ'ן אקסעל און מיט טריאומפירענדיגער מיטלייד איהם פערקוקט אין די אויגען. שמואל וואלף האט בשום אופן נישט געקאנט קלאר פערשטעהן, וואס, אייגענטליך, וויל פון איהם באריס האבען. אויפ'ן הארצען איז איהם פון זיינע רייד זעהר שווער געווארען.

— איך... איך וויל שוין געהן, האט שמואל וואלף שטאמלענדיג געזאגט נאך א קורצען שווייגען.

— געהט, געהט! האט איהם באריס מיט עפיס א פיעלבעדייטענדען טאן געענטפערט און א דריק געטאן זיין האנד.

עטליכע טעג נאכאנאנד האט באריס געארבייט זעהר ענערגיש...

נאר די אנגעשטרענגטע ארבייט האט איהם גיך פיזיש און גייסטליך
מיער געמאכט, און ער האט זיך ווידער דערפיהלט אונצופרידען. ער
איז געגאנגען צו ליזען און געקלערט: „איך בין נישט זייער פיהרער,
א משרת-יונגעל בין איך, וועלכען מען יאגט ארום אין פערשיעדענע
שליחות. נאר מען פלאגט מיך, רייסט מיך פאר די פאלעס: געה
אהין, טו דאס, בעזארג יענץ, זעה דיך מיט דעם, רייד מיט יע-
נעם... דאס איז אונערטרעגליך!..“ און ער איז געגאנגען מיט'ן
ערנסטען געדאנק ביי ליזען א ביסעל צו פערברענגען און אפרוהען.
נאר דארט האט איהם געווארט די שוין בעשריבענע בעגעגעניש מיט
יוספ'ן. דאס האט איהם אינגאנצען צורודערט. ער איז אוועק אנ'אויפ-
געקלעמטער און דערביטערטער, ער האט זיך געפיהלט פערפרעמדט
און אבגעשטויסען פון דער גאנצער וועלט, עס האט איהם באנג גע-
טון, ביז צום וויינען. נאר אין דערזעלבער צייט האט אין איהם גע-
קאכט א גיפטיגע שנאה צו אלץ און צו אלעמען. עס האט אין איהם
געברענט א אונבערעכענטער פערלאנג נקמה צו נעהמען פאר א אונפער-
שטענדליכע שרעקליכע בעליידיגונג, וואס מען האט איהם אנגעטאן.
רויזען, נאכטיגאלען — א, ווי האבען זיי איהם שוין דערעסען!..
ער איז ענטשלאסען אריין אין א קראם און געקויפט א פלעשעל קא-
ניאק. אין דער היים האט ער עס געמישט העלפט אויף העלפט מיט
הייסען טיי. ער האט דורשטיג אויסגעטרונקען א פאר גלעזער. שפא-
נענדיג אויף און אב איבערן צימער האט ער האלב געטראכט, האלב
גערעדט צו זיך אליין: „שפייען ווילט זיך מיר אויף זיי, כ'לעבען...
וואס זענען אלע זייערע פאנטאזיעס און וועלט-בויעריי, מיט וועלכע
זיי פראלען און טראגען זיך אזוי ארום?..“ ער האט א זעץ געטאן
מיט'ן פוס אן פאדלאגע. „מיט איין טריט פון דעם פוס קען איך פון
דעם אש מאכען!..“ ער איז א ווייַלע ערשטוינט געבליבען פון דעם
פלוצלונדיגען געדאנק, צו וועלכען ער איז נישט ווילענדיג געקומען.
חא-חא-חא!.. ער האט זיך צונעהערט צו זיין אייגענעם געלעכטער,
און א אנגענעהמער שוידער איז איהם איבער'ן גאנצען קערפער געלא-
פען. „נו, א פראוואקאטאר... וואס איז דארטען?.. א פראוואקאטאר,
א משרת, א פראפעסיאנעלער רעוואלוציאנער — צי איז עס, אייגענ-
טליך, נישט אלץ איינס?..“ „פרא-וואָ-קא-טאר“ האט ער זילבענ-
ווייז אויפ'ן קול איבערגעחזר'ט דאס ווארט. ער האט זיך אנגעגאסען
נאך א גלאז און דארשטיג אויסגעטרונקען. „יא, יא, העדר יוסף,

אַמוזירט אײַך מיט „אונזער ליזען", דערצעהלט אײַך אײַנע די אַנדערע ליעבע־מעשה׳לעך, נאַרישע אָרימע נאַכטיגאַלעלעך. מיט אײַן שפּרונג מײַנעם קען איך אײַך צודריקען, זיבען פֿון אײַך וועט קײַן געדעכעניש נישט בלײַבען!.. באַריס איז גאָר זײַ ש׳ן אָבגעלעבט, נישט אינטערעסאַנט... נעבעך!.. בהכות אין טאָל, מײַנען זײ בויען די וועלט, טראָגען זיך אַרום מיט סוד׳ות, מיט פּלענער, אָרגאַניזאַציע, קאָנספּיראַציע, חאַ — צום לאַכען, צום לאַכען!.." ער האָט מיט דערביטערונג אַ ציה געטון פֿון פלעשעל. „אָט שכּור איך מיך אָן, געה אַוועק און פּלוידער אוים אַלע אײַערע סודות און קאָנספּיראַציעס!.." עס האָט איהם דעם אָטעם פֿערשטיקט פֿון בײזקײַט, „אידיאָטען!" האָט ער נישט געקענט זיך בערוהיגען, „מיט וואָס גרויסט איהר אײַך!.. מיט אײַן הויך פֿון מײַן אָטעם צושמעטער איך אַלע אײַערע קאָרטענשטיבלעך, צוטרעט אויף טויט אַלע אײַערע רויטע בלימלעך און גרויסאַרטיגע אידעאַלען!.. אַזוי, אַזוי, מײַנע הערען. עס וואָלט אײַך, רעכען איך, נישט געשאַדט, איהר זאָלט וויסען דערפֿון... נאַר — נישטאָ דער נאַר, חאַ־חאַ־חאַ... באַריס האַלט קאָפּ אויך שכּור׳ערהײד, האַ־חאַ־חאַ"...

ווען באַריס איז אויפגעשטאַנען אין מיטען נאַכט פֿון דער זאָפֿע, אויף וועלכער ער איז פֿערשכּור׳טערהײד געווען אײַנגעשלאָפֿען אין די זאַכען, האָט ער דערפֿיהלט אין דער נשמה עפּיס נײַס און שרעקליכס. ער האָט אויפגעעפֿענט דאָס פֿענסטער, אום אַרײַנצולאָזען אין צימער אַ ביסעל פֿרישע לופֿט. די גרויסע מויערן האָבען שווער געשלאָפֿען, און נאָר דער לבנה־שײַן האָט געוואַכט איבער זײ און געמאָלט אויף די ווענד, אויף די דעכער, אויפ׳ן ברוק זײַנע פֿערהוילענע יעראָגליפֿען. מיט אַ געפֿיהל פֿון פֿעראַכטונג און מיטלײַד האָט באַריס בעטראַכט אָט די רוהיג דרעמלענדיגע שטאָדט. זי ווײס גאָרנישט, וואָס איהר שטעהט פֿאָר!.. ער האָט ענערגיש פֿערהאַקט דאָס פֿענסטער. „מען דאַרף שלאָפֿען", האָט ער זיך געזאָגט אויפ׳ן קול מיט אַזאַ טאָן, ווי איהם וואָלט אויף מאָרגען פֿאָרשטעהן עפּיס אונגעוועהנליכס...

און אויך אויף מאָרגען, און אויף איבערמאָרגען, און אין פֿערלויף פֿון אַ גאַנצער רײַהע טעג נאָכדעם האָט באַריס׳ן נישט פֿערלאָזען דאָס בעוואוסטזײַן פֿון דער נײַער שרעקליכער קראַפֿט, וואָס ער האָט דערקענט אין זיך אין יענעם אָווענד, און דאָס האָט איהם אָנ־

געפילט מיט ברענענדיגען שטאלץ. ער האט זיך בעוועגט צווישען די מענשען און איז זיך אויסגעקומען, ווי א שאטען, א אונבעמערקליכער שאטען מיט א איבערמענשליכער מאכט, וואס האלט אין זיין האנד דאס כשוף-קויפעל פון אלע מענשליכע בעוועגונגען און מעשים. ער האט זיך געפיהלט פערפרעמדטער און איינזאמער, ווי ווען עס איז ביז אהער, נאר אין זיין איינזאמקייט האט ער זיך געפיהלט גרויס און מורא'דיג, און דאס האט איהם בעפליגעלט, פערשאפט א שארפען פערגעניגען.

מיט ליזען איז ער געווארען פלוצלונג זעהר ליעבליך און צערט-ליך, האט נאר געזעהן צוצושלאגען איהרע אומעטיגע געדאנקען, גע-מאכט איהר פערשיעדענע אנגענעהמע איבערראשונגען, שטענדיג נאר געוויצעלט זיך מיט איהר, בעהאנדעלט זי, ווי א קינד. ליזע איז פון אנהויב געווען צוריקגעהאלטען, איהר האט אינערליך געוואונדערט זיין נייע ארט בעגעהמונג מיט איהר. דערנאך האט זי זיך געלאזט ארייג-ציהען אין זיין לייכט וויציגליכע שטימונג, האט עס בעטראכט אין הארצען, ווי א גליקליכע ענדערונג אין בארים'ן, און איינינע טעג ארום נאך דער בעגעגעניש מיט יוספ'ן האט בארים געבראכט ליזען א בינדעל רויטע שמעקעדיגע רויזען. ליזע איז געווען ענטציקט, זי האט אויסגעקושט יעדעס בלעטעלע זייערס, געקושט באריס'ן די הענד, געוויינט פון אונמעלטיגקייט אויסצודריקען איהר גאנץ דאנק-געפיהל צו איהם. בארים האט זיך געפיהלט געריהרט.

„ווילסט, מיין קינד, וועל איך דיר אלע טאג ברענגען אזעלכע רויזען?..“

ליזע האט שוין מעהר נישט געקענט אויסהאלטען.

— ענטשולדיג מיר, פערגיב מיר! איז זי צו איהם צוגעפא-לען מיט געבעט, איך האב דיך נישט געקענט, נישט פערשטאנען... דו האסט אזא טיעפע גרויסע נשמה!.. איצט זעה איך, ווי איידעל, ווי גוט זי איז... נאר דו פערצייהסט דאך מיר, בארים ליעבער? איך האב אזוי מורא געהאט... ווייסט, בארים, עפים גלויבט זיך מיר, אז אלדאס בייזס און שווארצס איז שוין אריבער, פערשוואונדען און איצט וועט זיין נאר גוט, נאר ליכטיג... איך בין זיכער! האט זי צוגעגעבען היציג, קוקענדיג מיט ענטציקונג אויף באריס'ן. בארים איז געזעסען אונבעוועגליך, און איהם האט זיך געוואלט שרייען פון אונגעדולד. וואס וויל פון איהם האבען אט דאס בעשעפעניש?.. ווען ער זאל קענען אנטלויפען, פערבעהאלטען זיך ערגיץ!.. אז ער קען

נישט, קען נישט פערטראָגען אָט דעם לאַנגען, ריירענדיגען בליק, איהרע צערטליכע קושען און איבערהויפּט איהרע רייד!.. וואָס צוזינגט זי זיך יעדעס מאָל, ווי אַ נאַכטיגאַל, און וויים נאָרנישט וואו אויפצוהערען? נאָט, צי דען פערשטעהט זי נישט, אז זי פּייניגט זיין געדולד מיט איהר האַרציגער שטים?.. ער האָט אַלע קרעפטען אָנגעשטרענגט צו בלייבען רוהיג.

— און ווייסט, באָריס, איך געה דאָך שוין אין גאַס. איך בין שוין גאָר געזונד!

זי האָט איהם אַ שלעפּ געטון צו זיך מיט אַ קוש און זיך אַוועקגעלאָזט מיט איהם טאַנצען משוגענערווייז איבערן צימער. ער האָט זיך נאָכגעשלעפּט מיט פערביסענע ליפּען.

— באָריס, דו מוזט עס מיר טון, האָט זי זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט. איך שווער דיר, אַז איך בין שוין גאָר, גאָר געזונד. לאָמיר היינט געהן ביידע אונטער דער שטאָדט. דרויסען איז אַזוי וואַרים און שען... אונזער דרום-פריהלינג!.. אוי, באָריס, איך וויל איצט נאָר לאַכען און שפּרינגען איבערן שטוב, ווי אַ משוגענע, און קושען דיך, קושען אָט אַזוי, אָט אַזוי... נאַ!..

באָריס איז געשטאַנען בלייך און שטום און מיט אַלע קרעפטען געזוכט צו בעהערשען זיך. „נו, זאָל זי קושען, וואָס דרעהט דיך אַזוי אין צעהנער, ווי אַ שד פון שמע ישראל? חע-חע, נישקשה, זי איז אַ שען מיידעל..." ער האָט זי אַרומגענומען און אַ קוש געטון.

— לאָמיר עס בעסער אָבלעגען, מיין טייערע, אויף אַ אַנדער טאָג, איך בין היינט פערנומען. עס געהט דאָך צום ערשטען מאַי.

ליזע האָט קאַפּריז אָנגעבלאָזען די ליפּלעך און אונצופרידען אַראָבגעלאָזט איהר גראַציעזע קעפּעל. נאָכדעם האָט זי געזאָגט ערנסט:

— איך האָב מיך שוין טאַקי גאָר אַרויסגעטון פון דער אַרבייט.

און גענומען אויספרעגען באָריס'ן וועגען דעם, וואָס מען ערוואַרט צום ערשטען מאַי און אַ. וו. און אַ. וו.

פינסטער, שווער האָט זיך געצויגען די צייט. ביי טאָג האָט די שטאָדט געהאַנדעלט, געטומעלט אונטערן שוץ פון פּאָליציי און מיליטער, וואָס האָבען געוואַכט איבער איהר אָרדנונג און לעבען. ווי

נאר אבער דער טונקעלער אווענד פלעגט זיך אויף די גאסען אראבלאזען, אזוי פלעגט זיך אלץ צוזאמענציהען פון שרעק. איילענדיגערהייד פלעגט מען זיך אבפארטיגען מיט די געשעפטען, פערלעגען שלאס און אייזען אויף די מאגאזין-טירען און לאדען, שטיל זיך אוועקרוקען פון די גאסען און מיט ווייב און קינד זיך פערשפארען און די הייזער, פערשליסען די טירען מיט פיעלפאכיגע שלעסער און מיט הארצקלאפען זיך צוהערען צו יעדען שארך, יעדען אונבעקאנטען טריט, דערטראגען פון אויסען. די שווארצע שרעק האט געשוועבט איבער דער שטאדט, פערפרעמדט צווישען זיך געטרייסטע חברים, צוריסען אלע פערבינדונגען, צוברעקעלט אלע פעראייניגונגען, פערטריבען יעדע האפנונג און מוט.

און אונטער דער שטאדט האבען אהן אנ׳אויפהער געאטעמט מיט זייערע גיהנמשע מיילער די דאמנעס, און צוויי מאל א טאג, אלע פארטאג און פארנאכט, אויסגעשפיגען און איינגעשלונגען זייערע ריזיגע פארציעס מענשענקראפט. לאנגזאם, שווער און פינסטערליך שווייגענדיג האט זיך געצויגען דער מענשען-טייך פון און צו דער ארבייט און, ווי א טונקעל רעטעניש, האט אויסגעוויזען זיין גרויסע מאסע אין דעם בין-השמשות-שיין...

מיט טרויעריגע געדריקטע געמיטער האבען געווארט די פארטייטוער אויף דעם טאג, וועלכען די ארבייטער-שטאדט איז, שוין זינט יאהרען, געוועהנט געוועזן צו פייערן דורך א שטרייק. זיי האבען בעשלאסען, אז עס איז אונגוציג און אפילו שעדליך צו רופען דאס יאהר די ארבייטער צו א שטרייק. איין באריס מיט א קליינער גרופע אנהענגער האט זיך ארויסגעזאגט פאר אזא אויפרוף. ער האט געהאלטען א היציגע רעדע, אין וועלכער ער האט אין שארפע ווערטער פארגעווארפען די חברים זייער קליינמוט און דערמאנט וועגען דער אויסנעהמליכער הייליגקייט פון דעם מאי יום-טוב. די רעדע האט געמאכט א רושם, נאר דאס רוב האט זיך דאך נישט בעשלאסען אנצונעהמען זיין פארשלאג.

דאך האָרט פאר׳ן ערשטען מאי האבען אנגעהויבען צו פערשפרייטען זיך קלאנגען, אז עס וועט זיין א שטרייק. די פארטיי-אנפיהרער האבען זיך אנגעקוקט דערשטוינט מיט א סקעפטישען שמייכעל אויף די ליפען, אפילו די פאליציי האט אין דעם שוין געגלויבט און קנאפ זיך צוגעגרייט. דעם ערשטען מאי אין דער פריה האט, ווי

געוועהנליך, זיך געלאָזט הערען דאָס ברומען און דאָס יאָמערן פון די פאַבריקען; דער בעל־מלאכה האָט צוגעגרייט זיין ווערקשטאַט, און דער קרעמער — זיין קראָם, נור צו דער אַרבייט זענען געקומען נאָר קליינע הויפעלעך, געקומען מיט דער שאָטענדיגער זייט, גנב׳ענענדיג זיך, אַז קיין העל אויג זאָל זיי נישט בעמערקען. שפּעטער זענען דורכגעלאָפען איבער די גאַסען איינציגע טראַמוואַיען און, פערשעמט, פערשוואונדען געוואָרען. ווי פיינדליכע פונקטען אין אַ פרעמדער שטאָדט, זענען זעלטען וואו געשטאַנען אָפען מאַגאַזינען, אַרומגערינגעלט פון פּאָליציי און מיליטער. ביסלעכווייז האָבען די גאַסען זיך אָנגעפילט מיט אַרבייטער. זיי זענען געגאַנגען איינגעהאַלטען, רוהיג, זייערע געזיכטער זענען געווען גלייכצייטיג טרויעריג און פייערליך, אַ טיעפער ערנסט האָט גערוהט אויף זיי. גערעדט האָט מען צווישען זיך שטיל, און די שטימען האָבען געקלונגען מיט אַ געבונדענער געשפּאַנטקייט. גלייך עמיץ האָט געזאָגט: „נאָך דאָס מאָל, גראָד דאָס מאָל", און דאָס וואָרט האָט געפלאָנטערט אין דער לופט, און זיין טראַגישע גרויסאַרטיגקייט האָט אונבעוואוסטזיניג אַלעמען בעצויבערט...

באָריס׳ן האָט די אונגעריכטע ערשיינונג שרעקליך צורודערט, אַ מאָדנע שרעק האָט איהם בעהערשט. ער האָט מורא געהאַט צו קוקען די פאַרביינגעהענדיגע גלייך אין די אויגען אַריין, איהם האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז אָט קען די גאַנצע מאַסע זיך אַ וואָרף אַרויף טון אויף איהם און צורייסען איהם אויף שטיקלעך... בעקאַנטע האָבען איהם צוגעוואונקען מיט אַ ליכטיגען שמייכעל. שמואל וואָלף האָט איהם אָבגעשטעלט: „גוט יום־טוב, חבר!.. נו?!.." זיין געזיכט האָט געשיינט פון פרייד און שטאָלץ, ער האָט האַרציג אַ דריק געטון באָריס׳ן די האַנד. באָריס האָט אַ ציטער געטון. „גוט יום־טוב, גוט יום־טוב", האָט ער אָבגעענטפערט צומישט. ס׳איז צוגעלאָפען ליזע:

— באָריס, טייערער, ליעבער, ווי גוט, ווי וואונדערליך! דו פערשטעהסט — עס לעבט נאָך! און מיר׳ן גאָרנישט געוואוסט... איצט זעה איך, ווי גערעכט דו ביזט געווען... און זעה נאָר, ווי די זון שיינט, ווי ליכטיג און וואַרים עס איז און ווי אַלץ בליהט שוין!..

זי האָט אַראָפגעריסען אַן אַקאַציען־צווייגעל און איהם דערלאַנגט.

— לאָז, איך דאַרף גערן! האָט ער אונגעדולדיג געזאָגט...
איהם האָט זיך גערוכט, אַז זי קוקט איהם אַריין אין די אויגען מיט אַ חשד, אַז זי שפּירט ביי איהם עפּיס אויס, און ער האָט זי געוואָלט אָוועקשליידערן פון זיך מיט גיפט און שרעק.

פון ווייטען איז אָנגעקומען אַנטקעגען יוסף. דערזעהענדיג איהם, האָט באָריס, נישט טראַכטענדיג, זיך אומגעקעהרט און אַוועק. יוסף איז זיך ווייטער געגאַנגען זיין וועג, און באָריס האָט שוין נישט געצווייפעלט, אַז דאָס געהט ער איהם נאָך. ער האָט פערביסען מיט די ליפּען, פאַרזיכטיג, אונבעמערקט זיך אָבגעצויגען אין אַ זייטיג לעגער געסעל און אויסגעוואַרט, ביז יוסף איז אַרויס פריהער. דאַן איז ער ציטערנדיג פון אויפרעגונג צוגענאַנגען צו אַ גרופּע פּאָליציילייט, וואָס זענען געשטאַנען ביי אַ ראָג גאַס. „קודאַ ליעזיעש?“ האָט מיט אַ שטוים אין ברוסט אַ געשריי געטון אויף איהם אַ גרויסער גאָראָדאָוואָי מיט אַ גראָבער רויטער נאָז. „אַרעסטירט יענעם הערר!“ האָט באָרים מיט אַ שוידערפולער שטים אויסגעשריען. דער פּריסטאַוו האָט איהם אַ ווייַלע בעטראַכט, דערנאָך פריינדליך אָנגענומען זיין האַנד און געזאָגט: „בערוהיגט איך, יונגערמאַן, וועגען וואָס געהט דאָ?“

— איך בין גאַנץ רוהיג, האָט באָרים געענטפערט מיט אַ גע־מאַטערט בלאָנזשענדיגען שמייכעל. „מיר מוזען אָבגעהן אַ ביסעל אָן אַ זייט, נאָר גיכער, אום גאָטעס ווילען, אַניט בין איך אַ פערלאָרענער!...“

זיי זענען אַריין אין אַ הויף. אין אַ פערטעל שעה אַרום איז יוסף געווען אַרעסטירט.

ווען באָרים האָט אויף מאָרגען בעקומען דורך פּאָסט אַנ'איינלע־דונג צום זשאַנדאַרמען־פּאָלקאָווניק, האָט ער זיך צוערשט דערשראָקען: וואָס וויל פון איהם פּאָליציי? ווי דורך אַ שווערען חלום האָט ער זיך דערמאָהנט אָן דעם נעכטיגען טאָג, אָן דעם אונפערשטענדליכען שטרייך, אָן זיך אַליין צווישען דעם פייערליך געשטימטען עולם, אָן יוספ'ן, אָן דעם גאָראָדאָוואָי מיט דער גראָבער רויטער נאָז, וואָס האָט איהם אַזאַ שווערען זעץ געטון אין ברוסט... ער האָט ווידער אַ קוק געטון אויף די אונשולדיגע קאַרטע, וואָס איז געלעגען פאַר איהם אויפ'ן טיש. נאָר איצט האָט זי שוין גערעדט צו איהם מיט

דער האַרטער שפּראַך פון אַ גראָבען אונרחמנות׳דיגען בעפעהל, און מיט אַ אראָפּגעלאָזטען קאָפּ און דערשלאָגען געמיט, ווי געצווינגען פון אַ דריקענדיגער אונבעזיעגליכער שווערקייט, איז ער אַוועקגעגאַנגען צום זשאַנדאַרמען־פּאָלקאָווניק. איהם האָט נישט אויפגעמונטערט אפילו די פריינדליכע אויפנאַהם פון דעם פּאָלקאָווניק. אַ געפיהל פון שרעק און אונבעהאָלפענקייט האָט איהם נישט פערלאָזט די גאַנצע צייט פון זייער שמועס. איהם האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז ער וועט איהם שוין צוריק פון זיך נישט אַרויסלאָזען, און האָט זיך אַלע וויילע אומגעקוקט אויף דער טיר.

צוריקוועגס האָט ער בעגעגענט שמואל וואָלפ׳ן. שמואל וואָלף האָט זיך ערנסט דערפרעהט:

— אָט, זייט איהר, חבר! אַבי איך האָב געמיינט, מען האָט אייך אַרעסטירט.

— וואָס איז?

— אַ ראָג דאָנער גאָס האָבען אייך ניט געפּאַקט פּאָליציי־לייט? מיר האָט זיך אָבגעדוכט...

— ניין, האָט איהם באָריס נערוועז איבערגעריסען, זיי האָבען נאָר רעוויזירט מיין פּאַספּאָרט.

באָריס האָט שוין געוואָלט, וואָס גיכער אַוועקגעהן, נאָר ער האָט זיך נישט בעשלאָסען, געבליבען שטעהן מיט אַ פריינדליך אויפ־מערקזאַמען שמייכעל און געזואַרט, טאָמער וועט שמואל וואָלף נאָך וועלען עפּיס זאָגען. שמואל וואָלף האָט געפרעגט:

— און וואָס זאָגט איהר צו יוספ׳ן? נאָר עס קען זיין, אַז מען זאָל איהם נאָך אַרויסלאָזען, האַ? ווי מיינט איהר?

— אודאי... געווים קען זיין!.. איך מיין, עס קען, אַלזאָ, זיין, אַז מען זאָל איהם נאָך בעפרייען... נאָר ווער חיים?..

— איהר ווייסט, איך האָב איהם אמת האָלט געהאַט, אויף מיין וואָרט. אַזאַ מענש!

— אַזאַ מענש!.. האָט שמואל וואָלף, שוין אַוועקגעהענדיג, נאָכאַמאָל איבערגעחזר׳ט צוקלעמט.

צוויי טעג נאָכאַנאַנד איז באָריס נישט אַרויס פון צימער. גאַנ־צע שעה׳ן איז ער געלעגען אין האַלב דרעמעל אויף דער זאָפע אָדער געקוקט פאַר זיך אין איין פּינטעל. יעדער קלאַפּ אין טיר האָט איהם אונרוהיג געמאַכט, יעדער בעגעגעניש מיט אַ מענשען איז איהם צו

לאַסט געווען. מען איז געקומען איהם בעטען אויף אַ פּערזאַמלונג. ער האָט געוואָלט זאָגען, אַז ער איז נישט געזונד און קען נישט געהן, נאָר ער האָט מורא געהאַט און גענומען אויף זיך.

עס האָט זיך בעקומען אַ אַנפראַגע פון זשאַנדאַרמען-פּאָלקאָווניק: פאַרוואָס גיט ער וועגען זיך נישט צו וויסען? בּאָרים האָט זיך ווידער דערשראָקען און גלייך אָבגעשריבען אַ לאַנגען בּריעף, וואו ער האָט אין אַ אָרדנונג אויסגעלעגט אַלץ, וואָס ער האָט געוואוסט פון דער פּאַרטיי. צום סוף האָט ער גאָר זעהר געבעטען, אַז מען זאָל זעהן נישט צו קאָמפּראָמיטירען איהם. „אומאַליאַיו וואַס, ראַדי באָגאַ!“ זענען געווען זיינע לעצטע ווערטער. בעגעגענט האָט ער אַלעמען מיט אַ צומישטען שמייכעל און אונטערטעניגער פריינדליכקייט, געהערט און געדעדט — ווי דורך חלום. ווען ער איז געגאַנגען אין גאַס, האָט זיך איהם געדוכט, אַז ער דרעהט זיך, דרעהט זיך אין עפּיס אַ חלשות-טאַנץ, און געפיהלט מיט אַ פערשטאַרבען הארץ, אַז אָט-אָט פאַלט ער...

צו איהם פלעגט אריינקומען ליזע. זי איז ווידער געוואָרען אומעטיג, פערטראַכט. זי פלעגט זיך געוועהנליך זעצען אַנטקעגען איהם, שווייגען און מיט טרויעריגע פרעגענדיגע אויגען קוקען, קוקען אויף איהם לאַנג. ער פלעגט אונפערענדערליך ביי יעדען איהר אריינקומען בעגעגענען זי מיט אַ צופריעדענער ליעבער מינע, זיך בעאונרוהיגען אַלץ וועגען איהר געזונד, געמאַטערט זיך אַלערליי ארויסצווייזען זיין צוגעלאָזטקייט צו איהר.

איינמאָל אין אָווענד איז זי אַזוי געזעסען ביי איהם אין צימער און, ווי געוועהנליך, געקוקט אויף איהם שווייגענדיג. בּאָרים האָט געהאַלטען די אויגען אַראָבגעלאָזט צום טיש און נערוועז געפיצעלט מיט די פינגער אַ שוועבעלעך-קעסטעלע.

— וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן? האָט ער נישט אויסגעהאַלטען, זעהסט מיך צום ערשטען מאָל?

— מיט מיר האָסטו נישט געדאַרפט אַזוי רעדען, בּאָרים. דו זאָגסט דאָך, אַז דו האָסט מיך ליעב... זאָג, ס'איז נישט אַזוי? זאָג!.. אין איהר שטים האָט געקלונגען שרעק און געבעט.

— עס הויבט זיך שוין אָן, האָט בּאָרים געענטפערט מיעד, ווען האָב איך דען געזאָגט, אַז איך האָב דיך נישט ליעב? ווען האָב איך עס געזאָגט? האָט ער גאָך אַ קורצער פויזע צוגעגעבען אונרוהיג.

ליזע האט פערבעהאלטען דאס געזיכט אין די הענד און טיעף פערטרויערט, ווי צו זיך אליין, געזאגט:

— פארוואס ביזטו בכלל געווארען אזא...

— אזא — א וועלכער? — האט בארים פלוצלונג איהר איבערגעריסען, ענדערענדיג זיך אין געזיכט. ער האט זי אנגעחאפט פאר דער האנד העכער דעם עלענבויגען, צונויפגעקוועטשט, ווי מיט צוואנגען, און אויסגעשריען נישט מיט זיין שטים:

— זאג, א וועלכער „אזא״?.. דו מיינסט, איך פערשטעה ניט, צו וואס דו זיצסט דא אב גאנצע אווענדען, צו וואס זיי שיקען דיך דא אהער?.. חא־חא־חא!.. חא־חא־חא!.. ער האט מיט א צאפּלענדיגער האנד זיך אנגעגאסען א ביסעל וואסער אין א גלאז און אויסגעטרונקען, דאס דערווארגענע היסטערישע געלעכטער איז מיט וועהטאג אראב דורכ׳ן שלונג צום הארץ אראב. ער האט א קרעכץ געטון, דערנאך צוגעגעבען מיט א געפאלענער שטים:

— נערוועז, חע... וואס, ליזע, ס׳איז נישט מאנסביליש? חע־חע...

ליזע איז געשטאנען א צושראקענע און דערשטוינטע און האט איהם אנגעקוקט. דערנאך איז זי איהם ארויפגעפאלען אויפ׳ן האלז, האט איהם פעסט און הארציג צוגעדריקט צו דער ברוסט און זיך צוויינט: „מיין ארימער, קראנקער בערעלע, מיין ארימער, קראנקער בערעלע"... האט זי איהם געשטילט דורכ׳ן געוויין. און דאס ערשטע מאל פאר זייער בעקאנטשאפט איז איהם געוועז אנגענעהם איהר הארציגע שוועסטערליכע צערטליכקייט...

פאר׳ן אוועקגאנג האט ליזע געזאגט:

— איך קען נישט רעדען, אבער איך פיהל... עפּיס דריקט מיך, ווי א בלייַ אויפ׳ן הארצען, איך ווייס נישט, איך ווייס גאר נישט...

טרעהרען האבען זי געווארגען, און זי האט זיך גיך אומגעקעהרט און איז ארוים.

ערגיץ אין שכנות מיט׳ן בארים האבען זיך בעזעצט עפּיס צוויי מענשען און פון דאן אן איז קיין קעהר און קיין וועכ׳ד זיינער נייער פערהוילען געווארען פון זייערע אויגען. פארזיכטיג, נאר אונפעהר ענדע ״ליך,

האָבען זיי נאָכגעשפּירט זיין אַרויסגעהן און זיין קומען, נאָכגעגאַנגען איהם פוס־טריט, בעמערקט יעדען, מיט וועמען ער האָט צו טון געהאַט. זיי האָבען איינגעטיילט צווישען זיך דעם טאָג, און פון אין דער פריה ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט איינער פון זיי געהיט באָריס'ן. די אַרבייט האָט זיי, ווייזט אויס, פערנומען, זיי זענען אַריין אין עפּיס אַ ווילדע עקשנות און פון איהם אויף אַ מינוט נישט אָבגעשטאַנען.

באָריס האָט זיך דערפיהלט, אַז מען שפּירט איהם נאָך. ער האָט נאָך נישט געוואוסט, ווער און ווי אַרום, ער האָט גאָך זיינע פערפאָלגער דייטליך נישט געזעהן, נאָר מיט אַלע נערווען האָט ער געפיהלט, אַז איבער איהם וואַכט אַן'אויג, אַ פיינדליך שטעכעדיג אויג, און אפילו שפּאַצירענדיג אין אַ איינזאַמער אַלעע, זיצענדיג פערשלאָסען ביי זיך אין צימער, האָט ער אַלץ אָנגעשטרענגט ערוואַרט, אַז אָט־אָט וואַרפט זיך אויף איהם עמיץ אַרויף און פּאַקט איהם אין זיין בעהעלטעניש...

אין אַ שטילען, וואָלקענדיגען פריהמאָרגען איז באָריס אַרויס פון זיין צימער, אום צו געהן אויף אַ פערזאַמלונג. ער האָט געהאַט צו געהן אַ היבש שטיקעל וועג. אָבגעהענדיג אַ ביסעל, האָט ער זיך אומגעקוקט און בעמערקט, אַז איינער פאָלגט איהם נאָך. ער האָט גוט דערקענט דעם גרויסען פּידושאַק. נישט איינמאָל האָט ער איהם שוין געזעהן ביי זיך אין טויער... באָריס האָט זיך מאָדנע צונויפגעקנוילט, אַוועק האַסטיג־האַסטיג און פערקעהרט אין די ערשטע זייטיגע גאַס, נאָר דערביי האָט ער קלאָר געשפּירט, אַז יענער שטעהט פון איהם נישט אָב. עס האָט איהם מיט אַ שוויים בעשלאָגען, דאָס האַרץ האָט געשלאַפט, ווי צום חלש'ן, וואָס טוט מען, וואו טוט מען זיך אַהין? „מען דאַרף איהם דורכלאָזען פריהער", האָט ער זיך געפּרובט אַ עצה געבען און גענומען געהן גאַנץ לאַנגזאַם. יענער איז פאַרבייגעגאַנגען, נישט קוקענדיג אויף איהם, נאָר איין ווינקעל אויג האָט איהם געטראָפען מיט אַ שלענגעלדיגען שמייכעל, וואָס האָט ווי געזאָגט: „וואַרף דיך, צאַפּעל דיך, וועסט דיך פון מיינע הענד נישט אַרויסדרעהען..." אַ שוידער איז באָריס'ן איבערגעגאַנגען איבער'ן לייב, ער האָט זיך געלאָזט, כמעט, לויפען צוריק. ער האָט נישט געפיהלט, ווי די פיס טראָגען איהם. דער מח איז געווען היפּנאָטיזירט פון שרעק... נאָר פּלוצלונג האָט ער ווידער דערזעהן פאַר זיך דעם גרויסען פּידושאַק, ער איז פון ערגיץ אָנגעקומען אַנטקעגען!

באָריס'ן איז אין די אויגען טונקעל געוואָרען. די קניה האָבען זיך אונטערגעבויגען פון אָהנמאַכט. נישט קלערענדיג, איז ער אַריינגעלאָפען אין אַ הויף און פערבעהאַלטען זיך אין אַ קלאָזעט. דאָרט האָט ער זיך צוגעשפּאַרט צו אַ וואַנד און געבליבען שטעהן, ווי אַ פערגליווערטער. ער האָט טיעף אָבגעזיפצט. ווען מען זאָל איהם דאָ לאָזען צו רוה!.. נו, וואָס קען דאָס זיי שטערען?.. ער וואָלט, דוכט זיך, אַזוי שעהנלאַנג געשטאַנען דאָ און נישט גערירט זיך פון אָרט... וואָס ווילען זיי פון איהם האָבען?.. ער האָט נישט געקענט פערשטעהן — וואָס, אייגענטליך, ווילען זיי פון איהם האָבען?.. עמיץ איז אַריין, אַ קוק געטון. באָריס האָט זיך אויפגעכאַפּט, און אַרומגעזעהן. ווי שמוציג!.. אַ עקעל־געפיהל צו זיך אַליין האָט איהם בעהערשט. נאָר מען מוז געהן פון דאַנען!.. ער איז אַרויס אויפ'ן הויף, בעגאַנגען און געקווענקעלט זיך. שטיל האָט ער זיך אַרויסגערוקט פון טויער און אַרומגעקוקט: קיינער!.. דער טורים־זייגער האָט געשלאָגען האַלב צוועלף. באָריס האָט זיך דערמאָהנט, אַז ער איז, אייגענטליך, געגאַנגען אויף אַ פערזאַמלונג. נאַריש... וואָס איז געווען דאָ מורא צו האָבען?.. זעהר נאַריש, נאָר ס'איז שוין סיי ווי צו שפּעט... דערצו איז ער אַזוי מיעד. ער האָט זיך אויפגעזעצט אויפ'ן טראַמוואַי און איז געפאָהרען צו זיך אַהיים. אַראָבשטייגענדיג, האָט ער ווידער בעמערקט דעם גרויען פּידזשאַק: ער איז געשטאַנען צו איהם מיט'ן רוקען פון פאָרענט אויף דעמזעלבען טראַמוואַי. ער איז אַוועקגעפאָהרען ווייטער, ניט אומקוקענדיג זיך.

באָריס איז אַריין צו זיך אין צימער. ער איז געווען אין פערצווייפלונג. אַוועק, אַנטלויפען פון דאַנען! דאָס איז געווען זיין ערשטער געדאַנק. נאָר וואוהין, מיט וואָס?.. מען דאַרף געהן צום פּאָלקאָווניק. ער וועט געבען געלד און איבערהויפּט, אָנווייזען אַ אָרט, וואו מען וועט קענען זיכער זיין. באָריס האָט זיך אַ ביסעל אויפגעמונטערט, דער פּאָלקאָווניק וועט עס איהם געוויס טון! מען מוז נאָר זיך דורכריידען מיט איהם, ער וועט איהם אויסהעלפען. דעמזעלבען אָווענד זעהט ער זיך מיט איהם, עס מעג זיך זיין, וואָס עס וויל!..

באָריס האָט זיך צוגעשפּאַרט אויף דער זאָפע און מיעד פערוואָרפען דעם קאָפּ אויפ'ן ווענדטעל. ער האָט פאַנטאַזירט וועגען זיין קומענדיג לעבען. פריהער פון אַלץ מוז מען, ווי געהעריג איז, אָברוהען. ערגיץ אין אַ דערפעל, אַרום וואַלד... צום לעבען וועט ער

האָבּען גענוג דאָס געהאַלט... נאָר פּלוצלונג איז ער אויפגעשפּרונגען פון דער זאָפע, אַנידערגעשטעלט זיך אַנטקעגען דעם שפּיגעל, אָנגעקוקט זיך אַ װײַלע מיט אויסגעגלאָצטע אויגען און דערנאָך זיך צולאַכט מיט אַ געמאַטערטען געלעכטער: „שוטה!" האָט ער געשריִען צו דעם, װאָס אין שפּיגעל, „װאָס בּיזטו אַ גבירישער בּן־יחיד, װאָס מען װעט דיך אויף דאַטשעס שיקען?.." זײַן געזיכט איז געװען גרינליך־בּלײַך, די אויגען טיעף אײַנגעגראָבּען און קרײַנקליך צוהיצט. ער האָט זיך אַ װײַלע שװײַגענדיג בּעטראַכט אין שפּיגעל און דערנאָך מיט אַ ציטער איהם אומגעקעהרט מיט'ן גלאָז צו דער װאַנד. „װי בּײַ אַ מת", האָט ער זיך דערמאָהנט און צוריק איהם אַװעקגעשטעלט גלײַך.

ער איז אומגעגאַנגען הין און צוריק איבּער'ן צימער. ער האָט זיך אַזוי קלאָר פאָרגעשטעלט, װאָס דער פאָלקאָװניק װעט איהם זאָגען, װען ער װעט זיך צו איהם װענדען: „געװיס, געװיס. פאָרזיכטיגקײַט, מײַן פרײַנד, איבּער אַלץ, נאָר איהר קענט אונז נישט ערגער צו נוץ קומען ערגיץ אַנדערש. און איך לעג פאָר טאַקי נישט אָבּצולעגען עס אין די לאַנגע בּאַנק אַרײַן. קײנמאָל קײן זאַך נישט אָבּלעגען, דאָס, מײַן פרײַנד, איז מײַן ערשטער כּלל..." אַ פערצװײפלונג האָט איהם פערשטיקט: „גאָט מײַנער, װען װעט זיך עס שױן ענדיגען?... דאָס אײבּיגע אונזיכערע אַרומיאָגעניש, די אײבּיגע הינטישע אָבּהענגיגקײַט און די שרעק, די שרעק — װען, װעט זיך עס שױן ענדיגען?.. גאָט מײַנער, גאָט מײַנער", האָט ער געפליסטערט: „װאָס װילען זײ פון מיר האָבּען, װאָס זענען זײ אַלע צו מיר צוגעשטאַנען?.." ער האָט זיך געבּראָכען די הענד, געװײנט. „איך װיל נישט װיסען פון קײנעם, פון קײן זאַך, איך װיל לעבּען אַלײן, פאַר זיך, נאָר פאַר זיך, און לאָזט מיך אָבּ, לאָזט מיך שױן אַמאָל אָבּ!..

אָ, יאָ!.. אַזױ גיך לאָזען זײ דיך צו רוה... און געדענקט, אַז מיר זענען גרײַט צו פערגעסען אײַער פערגאַנגענהײַט..." (ער האָט זיך דערמאָהנט דעם פאָלקאָװניקס װערטער בּײַ זײַער ערשטער בּעגעגעניש) און אַז נישט, הײסט עס, קענען מיר דיר דערמאָהנען די אַלטע זינד און, חאַ־חאַ, נאָך אַלעמען גאָר פערזועצען אַ בּיסעל, דאָס װאָלט געװען נישט שלעכט..., יאָ־אָ!..

און דער גרויער פּידושאַק?.. ער האָט אַ ציטער געטאָן. „אָ, דער גרויער פּידושאַק װעט דיך געפינען אין עק װעלט!.. בּעשטימט!.." האָט ער זיך אינעװעניג פײַערליך געזאָגט מיט אונצװײפעלדיגער זיכערקײַט.

„און צו וואס ווערסטו דיך נעהמען דו נישטטויגער ? . .״

ער איז שוין געווען רוהיג און האט געקוקט מעלאנכאליש מיט פערלאשענע אויגען דורך דאס פענסטער צו דער קענענאיבערדיגער גרויער מויער־וואנד צו. א טעמפע גלייכגילטיגקייט צו אלץ און צו זיך אליין האט, ווי א גרויער הערבסט־נעבעל, אנגעפילט זיין גאנץ וועזען. „אלץ איינס, אלץ איינס״, האט שלעפעריג איינטאניג געקלונגען אין זיין מח, און איהם האט זיך געוואלט, אזוי זיצענדיג, פערגליווערט צו ווערען אויף אייביג...

פארנאכט־צו האט אויפ׳ן הויף פאר זיין פענסטער זיך צונויפגעקליבען א חברה יודישע קינדער. זיי האבען געשפיעלט, געזונגען, געשפרונגען. באריס האט זיי נישט בעמערקט. נאר איין ליעדעל זייערס האט איהם מאדנע צורורערט. די קינדער האבען געזונגען, מאלענדיג צום טאקט מיט די הענדטלעך:

„א זון און א רעגען,
די באבע איז געלעגען.
וואס האט זי געהאט ? א יונגעלע.
ווי האט מען איהם גערופען ? ניסעלע.
איז ער געגאנגען אויפ׳ן בוידים,
האט ער צוברא‍בען א פיסעלע.
האט מען איהם בעגראבען אין א גריבעלע
און בעשאטען מיט זאלץ און מיט פעפער און
מיט ציבעלע״.

באריס׳ן איז אונהיימליך געווארען. וואס פאר א העסליך ליעדעל דאס איז! . . „אך, לאזט מיך! . . אט הערט: „האט מען איהם בעגראבען אין א גריבעלע און א. ז. וו.״ האט עפיס א יונגעל איבערגעשריען זיינע חברים. באריס האט זיך אזוי קלאר פארגעשטעלט דאס פערזועהענישעל, וואס די באבע האט געהאט אויף דער עלטער . . . אין דעם האלבטונקעל פון דעם צימער, אויפ׳ן מיטען פאדלאגע האט ער פלוצלונג דערזעהן א אפען שווארץ גריבעל און דערין א טויט העסליך קערפערל . . . איהם האט זיך אפילו אויסגעדוכט, אז ער שפירט דעם ריח פון טרופ, וואס איז איינגעמאראנירט אין די פעפער און ציבעלע . . . א שרעק־געשריי האט זיך באריס׳ן געריסען פון דער קעהל ארויס. ער האט מיט א ציטערנדיגער האנד אנגעריבען א שוועבעלע, אנגעצונדען די לאמפ און ארא‍בגעלאזט אינ׳ערן פענסטער דעם

פארהאנג.

ער האט זיך אנידערגעזעצט אויף דער זאפע און איז אנטשלאפען געווארען.

עמיץ האט אנגעקלאפט אין טהיר. „ווער איז דארט?" האט באריס געפרעגט, נאך צוטומעלט פון שלאף, און נישט ווארטענדיג אויף אנ'ענטפער, געעפענט. עס זענען אריין די צוויי אונבעקאנטע, וואס האבען איהם די גאנצע צייט נאכגעשפירט. אין די הענד האבען זיי געהאט ברוינינגס. איינער פון זיי האט קורץ און שארף איבערגעגעבען דעם בעשלוס פון פארטיי-קאמיטעט צו ארעסטירען איהם. באריס האט גארנישט געזאגט. ער האט מיט אלע קרעפטען געזעהן צו בעהערשען דאס ציטערן, וואס האט גוואלטיג אנגענומען זיין גאנצען קערפער, אזוי, אז עס האט איהם געקלאפט א צאהן אן א צאהן; געקוקט מיט אנגעשטרענגטער אויפמערקזאמקייט אויף די צוויי אונבעקאנטע פערפאלגער זיינע און אין דעם טריאומפירענדיגען שמייכעל פון זייערע אויגען געלייענט זיין סוף... זיי האבען ארומגעזוכט זיין צימער, קליידער און דערנאך געהייסען איהם געהן שווייגענדיג נאך זיי. ער האט געפאלגט. ס'איז געווען נאך האלבע נאכט. אויף דער גאס האט אויף זיי שוין געווארט א פערמאכטע דראזשקע. מען איז געפאהרען לאנג, לאנג. אונטערן בויד אריין האט ארייגעוועהט א קיהל אנגענעהם ווינטעל. באריס האט זיך בערוהיגט. דאס ציטערן איז אריבער, און א שטילער, וויכער אומעט האט איהם בעהערשט. אראבגעשטיגען איז מען אין א פערווארפען ווינקעל, א עק שטאדט, און נאך צוגעגאנגען א ביסעל צו פוס. באריס האט געדאנקענלאזיג געפאלגט. נאכדעם איז מען אריין אין עפים א פינסטער פארהויז, דערנאך אראב אויף טרעפ אין א קעלערשטוב אריין. ווי אנשטויסענדיג זיך פלוצלונג אן א וואנד, האט באריס זיך אבגעשטעלט און מיט א טויבער פרעמדער שטים א פרעג געטון: „איהר ווילט מיך דער'הרג'ענען?.." מען האט איהם נישט געענטפערט און א שטופ געטון, ער זאל געהן אראב וויטער. „פערפאלען, פערפאלען... אלץ איינס", האט ער זיך בעדענקט, און א שווערע טיעף-מעלאנכאלישע גלייכגילטיגקייט האט ווידער דורכגעדרונגען זיין נשמה.

אין צימער, וואו מען האט איהם אריינגעפיהרט, האט געברענט א קליין פערדויכערט לעמפעל. דארט האבען שוין געווארט מענשען.

באָרים איז אַרײַן, נישט קוקענדיג אויף קײנעם, און שװײַגענדיג זיך פערדרוקט אין א װינקעל. מען האָט געקוקט די פּאַפּירען, װאָס מען האָט בײַ איהם געפונען, עפּיס גערעדט צו איהם, װעגען עפּיס געפרעגט. ער האָט זײ אָנגעקוקט שטאַר און נישט געענטפערט. עמיצער האָט האַרט (שוין, דוכט זיך, צום צװײטען מאָל) א פרעג געטהון, אויב ער איז זיך מודה אין זײַן שולד. „הא?.. לאָזט מיך אָב... מוט, װאָס איהר װילט...” האָט באָרים געענטפערט מיעד. דאַן האָט מען מיט האַלבע װערטער װעגען עפּיס דורכגערעדט צװישען זיך און אָנגעהױבען שטיל אײנע נאָך די אַנדערע זיך אַרױסצורוקען פון צימער. באָרים'ן איז בעפאַלען א שרעק. ער האָט נאָכגעקוקט מיט שטאַר-אויסגעגלאָצטע אויגען די אַרױסגעהענדיגע און געזעהן, װי אַנשטאָט זײ קריכט אַרײַן א געדיכטע שװאַרצע מאַסע, פילט אָן דאָס צימער ביז אַרױף און זעצט זיך, זעצט זיך אויף איהם אונװידערשטעהליך שטיקענדיג... און פּלוצלונג האָט ער מיט א חיה'שען פערהױרטען געשרײַ זיך א לאָז געטהון צום טיר. „שטעה, פּראָװאָקאַטאָר!” האָט איהם עמיץ אָנגעהאַפּט פון הינטען פאַר די אַקסלען, װי מיט אײַזערנע קלעמען. דאָס איז געװען שמואל װאָלף. זײַנע שטענדיג גוטע חמישע אויגען האָבען געברענט פון װילדער אכזריות. באָרים האָט א טויבען קרעכץ געטהון און מיט אונבעהאָלפען פערמאַכטע אויגען זיך אַראָבגעלאָזט אין שמואל װאָלפ'ס אָרימס: איהם האָט זיך געװאָלט, אַז זײ זאָלען איהם אַרומנעהמען נאָך שטאַרקער, אײַנגאַנצען...

א שטילע

נ. לוריא.

אַ שטילע.

(דערצעהלט פון אַ פריינד).

איך האב זי געקענט, ווען זי איז נאך אַ קינד געווען. איך בין שוין דאן געווען אַ דערוואקסען יונגעל, געגאנגען די הויזען אריינגעטאן אין די שטיוועל און שבת געטראגען אַמאנישקע מיט אַ שניפס. זי פלעגט צו מיינע שוועסטערלעך אַמאל אריינקומען — אַשטילע, אַ איינגעהאלטענע, מיט בלויע פולע אויגעלעך, מיט טונקעלע האר, שטייף פערקעמט אין אַ קורץ צעפעל, און אַ בלויען בענדעל אין דעם. קיינמאל האט מען פון איהר קיין הויך ווארט, קיין קינדעריש פערשייט געלעכטער נישט געהערט; זי האט קיינמאל קיינעם ניט אנגעטראטען און, ווען מען האט זי בעליידיגט, זיך ניט בעקלאגט. שטיל, אהן ווערטער פלעגט זי זיך אפטאנצען איהר קאן אין די „קלאסען" און שווייגענדיג אויסווארטענדיג זיך צוריק שטעלען אויף איהר ארט.

אין רעכטען מיטען שטעדטעל איז געשטאנען אַ לוזשע, וואס האט נישט געטריקענט אפילו זומער אין די גרעסטע היצען, ווען מען האט אין בית המדרש געבעטען אויף רבוי גשמים. שעיה דער אלטער פלעגט אהן אַ וויץ בעהויפטען, אז פון דער לוזשע ציהט זיך אַנ'אַדער דורך דער ערד גלייך צום ים הגדול. „אַ זאך מוז מען פערשטעהן", פלעגט ער צופריעדען־טיעפזיניג געוועהנליך פערענדיגען זיינע ערקלערונגען. אין דער לוזשע פלעגען אין אַ הייסען טאג קינדער ליעב האבען צו געהן אַ טענצעל מיט בארוויסע פיסלעך. נור לאה'לע האט קיינמאל די ערשטע נישט געוואלט אריינגעהן. „קום נאר!" ציהט זי פאר'ן ארבעל מיין שוועסטערעל. „איך האב מורא!" — „וואס איז די מורא?" וואונדערט זיך דאס

שוועסטערל. אויף דעם בעקומט זי שוין קיין ענטפער נישט. מורא
געהאט האט לאה'לע פאר'ן טיפען הימעל, וואס האט זיך אין דעם
שטעהענדיגען וואסער אבגעשפיגעלט.

געווען איז זי אנ'איין=און=איינציגע ביי איהר עלטערן, וואס זענען
זעהר פרום און קארג געווען, האבען אבער די טאכטער ליעב געהאט
נאך מעהר, ווי דאס געלד, און זי אבגעהיט, ווי דאס שווארצ=
אפעל פון אויג. און זיי האבען געהאט פון איהר נחת. „א שטיל קינד!"
האבען די שכנות ניט געקענט גענוג אבלויבען לאה'לען פאר איהר
מוטער.

מיך האט דער ווינד פערטראגען וויים פונ'ם שטעדטעל. עס זע=
נען אריבער היבשע עטליכע יאהר. איינמאל פאהר איך פארביי די
סטאציע, וואס א פאר וויארסט פון איהר ליעגט עס יענץ שטעדטעל.
אט פאהרען מיר שוין צו. דער צוג האט א פייף געטהון; עס האבען
זיך בעוויזען די בעקאנטע קאשטאן=בוימער, דער פלומפ, די אלטע
יודינע מיט'ן קאשיק אויבס און דעם שייטעל אויף א זייט, דער אייביג
נישט אויסגעשלאפענער בעאמטער אין דעם רויטען היטעל... און א
פאר בלויע אויגען פון צווישען לאנגע טונקעלע ווימפער האבען פארביי=
געשיינט — לאה'לע!... איך האב אראבגעאיילט און בין שוין געווען
צופריערען, וואס אויף דער וויסטער סטאציע שטעהט דער צוג א גאנץ
פיערטעל שעה. גאט, ווי שען זי איז געווארען! די פרעכטיגע טונקע=
לע האר פאלען אין צוויי שווערע לאנגע צעפ איבער דער שלאנקער
טאליע. ווי א בליהענדיג רויט בלימעל, רוהט דאס פולע פרום פער=
מאכטע מיילכעל אין דעם מאטען לענגליכען געזיכט, „דו... איהר
דערקענט מיך?" פרעג איך זי. זי האט איינגעהאלטען=פריינדליך א
שמייכעל געטהון מיט די ליפען=ווינקעלעך און דערלאנגט מיר די האנד.
און ערשט איצט האב איך איהם בעמערקט — דעם רוהיגען און טיעפען
אומעט=אויסדרוק אין איהרע אויגען. „איהר פאהרט, אפשר, מיט?"
פרעג איך בעלעבט. — „ניין". — „וואס דען טוט איהר אויפ'ן וואק=
זאל?" — „פרעגט ביי איהר", האט זי געענטפערט גלייכגילטיג, אנ=
ווייזענדיג מיט אנ'אויג פון קאפ אויף איהר פריינדין, וועלכע איך האב
גארנישט געהאט בעמערקט, און אז יענע איז, פערשעמט, רויט געווא=
רען און אנגעהויבען פערלעגען עפעס צו שטאמלען, האט זי צוגעגעבען:
„אלע טאג שלעפט זי מיך צום וואקזאל, איך פערשטעה נישט, וואס
איז דא צו געהן. מענשען פאהרען פארביי, און מיר קעהרען זיך צוריק

אום אין אונזער העק"... זי האט עס געזאגט מיט אזא אומעטיג גלייכגילטיגער שטים. מיר האבען איבערגעלאזט איהר פריינדין און אוועק בייגאנג אונטער די קאשטאנען. „לאה'לע!" האב איך מיר געזאגט פערטראכטערהייד, — „די שטילע לאה'לע", האט זי זיך אבגערופען, ווי א עכא... — „וואס פאר א שען מיידעל איהר זייט געווארען", האב איך געזאגט נאך א פויזע, קוקענדיג אויף איהר מיט ענטציקונג. איך האב ערווארט, אז זי וועט רויט ווערען, און מיר שוין פריהער מיט פערגניגען פארגעשטעלט, וואס פאר א חן דאס וועט איהר צוגעבען. נור זי האט געענטפערט אפאטיש: „איך וויים, אלע יודענעס אין שטעדטעל זאגען מיר דאס"... איך האב מיך שוין דערפיהלט אין דער מאכט פון איהר טיעפען גלייכגילטיגען אומעט און, אום צו צושלאגען איהם, בעלעבט געפרעגט: „דערצעהלט עפעס, ווי לעבט איהר, וואס טהוט איהר? איך האב דאך אייך איבערגעלאזט נאך גאר א קינד?" — וואס טהו איך? כ'וויים, איהר זעהט דאך, איך וואקס... איבעריגנס, איך רעכען צו טהון — א שידוך... וואס קוקט איהר מיך אן אזוי פערוואונדערט? — ווי אלט זייט איהר? — זיבעצעהן יאהר... עט, ס'איז סיי ווי אלץ איינס... זאלען טאטע־מאמע נחת דערלעבען. אפשר וועט מיר אויך א ביסעל בעסער זיין.. נו, מיר'ן ריידען פון פרעהליכערע זאכען, וואו זייט איהר אויסגעוועזען, ווי לעבט זיך אייך? איך האב עפעס געענטפערט, נור דער שמועס האט זיך שוין צווישען אונז מעהר נישט געקלעפט, און געמאטערט זעגען אריבער די פינף מינוטען ביז'ן אפפאהרען. פון פענסטער האב איך צו איהר נאך א מאך געטהון מיט'ן הוט, נור זי איז שוין געוועזען אוועק און האט זיך מעהר נישט אומגעווענדט.

אין פיער יאהר ארום נאך דעם בעגעגעניש האט זיך מיר געמאכט צו זיין אין דעם קליינשטעדטעל. אין גאס האב איך מיר דערוואוסט, אז לאה'לע האט שוין זינט דריי יאהר חתונה געהאט פאר עפעס א וואוילען יונגענמאן, און אז דאס פאר פאלק וואוינט ביי איהרע עלטערן. איך בין צו זיי אריין. לאה'לען האב איך אין שטוב נישט געטראפען. „איהר דארפט איהר האבען? זי איז אין קראם", האט מיר געענטפערט עפעס א בלייכער יונגערמאן. איך האב מאך אנגעשטויסען, אז דאס איז איהר מאן. ער איז שנעל אומגעגאנגען פון איין ווינקעל צימער צום אנדערען, געריכערט א לאנגען און דיקען פאפיראס און נערוועז געצופט זיין קליין שווארץ בערדעל. דעם ענט-

פער האט ער אבגעכאפט אזוי האסטיג, אז איך האב קוים בענומען, וואס ער האט געזאגט, און גלייך זיך ווידער אװעקגעלאזט איבער'ן צימער. איך בין אריין. ער האט זיך אבגעשטעלט, א קוק געטהון אויף מיר מיט שפיציג איראנישע אויגען און אריינגעשטעקט א שלום עליכם, „איהר רויבערט“, האט ער מיך פלוצלונג א פרעג געטהון נאך א לענגערע ווײַלע שווייגען, זיצען האט ער מיך נאך נישט געבעטען. ווען איך האב געענטפערט, אז איך רויכער, האט ער גלייך מיט דערזועלבער נערוועזער האסטיגקייט, וועלכע עס איז געוועזען צו בעמערקען אין אלע זיינע בעוועגונגען, גענומען מיר אויפדרעהען א מורא'דיגען פאפיראס פון א גאנץ בלעטעל. דערבײַ האט זיך זיין געזיכט פערקרימט אין א מאדנע ביטערליכע גרימאסע. איך האב פערויכערט און ער האט דערווייל גענומען בלעטערן עפעס א „ספר. פלוצלונג האט ער עפעס דערזעהן דורכ'ן פענסטער און איז ארויסגעלאפען אין גאס, ער האט א מאך געטהון מיט דער האנד צו עפעס א גוי מיט א פוהרל, א קניפ געטהון זיין זעקעל און עפעס א זאג געטהון. איך בין אויך ארויס, ער האט געדונגען ביים גוי תבואה און פארגעלעגט א ווילד נידעריגען מקח, דער גוי האט געטהון א שפײַ און א שמיץ ווייטער זיין פערדעל. דער יונגערמאן איז געוועזען א אויפגעקאכטער. „א שטעדטעל קרעמער“ האט ער געטענה'ט פאר זיך מיט גיפט, „פיהרען אליין איבער די מקחים“!.. איך האב גענומען אבשייד און בין אוועק אין קלויז אריין.

איך האב זי דערזעהן פון ווייטען. זי איז געזעסען, דעם קאפ אונטערגעשפארט אן דער האנד, און געקוקט פאר זיך צום וויסטען מארק פלאץ צו. איך בין אריין, קיינער, אויסער איהר, איז אין קראם נישט געוועזען. — וואס מאכט איהר, לאה'לע? — „וואס קען מען מאכען?“.. זי איז געבליבען דיזעלבע, וואס פאר פיער יאהרען, נור אויף די האר האט זי געהאט ארומגעבונדען א לייכט טיכעל, און די ליפען זענען בלייכער געווארען. — „ווי געהט עס אייך?“ — „אט, א דאנק פאר'ן פרעגען“ — „זייט איהר צופרידען?“ — „זעהר צופרידען“... איך האב אויפגעהערט צו פרעגען, איהרע שטילע גלייכגילטיגע ענטפערן האבען זיך מיר געלעגט אויף דער נשמה. ווי שווערע קאלטע שטיינער. עס איז אריין לאה'לעס מוטער, זי האט מיך אויסגעפרעגט וועגען דאס, וועגען יענץ. נאכדעם האט זי געזאגט: „געה, לאה'לע, מיט'ן גאסט אהיים און נעהם איהם אויף

זאָל ער אונז נאָכדעם ניט בעריידען, אַז מיר זענען קליינשטעדטעלדיגע. מיר זענען אַוועק. איך האָב געבעטען לאה'לען זיך דורכצושפּאַצירען אונטער'ן שטעדטעל. עס איז געווען אָנהויב הערבסט, פאַרנאַכט צו. גלייך נעבען שטעדטעל איז געלעגען אַ שיטער וועלדעל. אַ ווינדעל האָט געוועהט, געריסען אַנדערע בלעטער, ווי אונטערגעשאָסענע פויגעלעך, האָבען זיי זיך געדרעהט אין דער לופט און מיט אַ שטיל טרויעריגען שאָרך געפאַלען. עס האָט ווירדיג געשמעקט מיט וועלקענדיגען גרינס, מיר זענען געגאַנגען שווייגענדיג. לאָה'לע האָט נישט געקוקט אויף מיר, נור איהר בליק האָט געבלאָנזשעט אין דער לופט, ווי אַ פערגעסענער, איהר שטילער לאַנגער שאָטען האָט זיך געגליטשט פאָראויס אויפ'ן גראָז. „דבורה'לע האָט הייאָהר געענדיגט קאָנסעוואַטאָריום, האָב איך געהערט?"... — „יאָ, און איז שוין אַרויסגעטרעטען אויף אַ קאָנצערט". זי האָט זיך צוגעזעצט אויפ'ן גראָז, אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און פערשטעלט די אויגען מיט דער האַנד, איך האָב בעמערקט, ווי פון צווישען די פינגער האָט אַראָבגעטריפט אַ טרעהר. „איהר וויינט לאה'לע?" האָב איך זי געפרעגט אַזוי צערטליך, ווי איך האָב געקענט.

זי האָט אַוועקגענומען די האַנד פון די אויגען און פערביסען מיט די ליפּען. „איך?.. איהר ווייסט דאָך, אַז איך בין פון שטענדיג אָן געווען אַ שטיל קינד. און צו וואָס וויינען?" זי האָט זיך ענערגיש אויפגעשטעלט, און מיר זענען אַוועק ווייטער. צווישען אונז האָט געהערשט אַ דריקענדיג שווייגען. עס איז שוין טונקעל געוואָרען, און איך האָב מיך אָבגעשטעלט מיט'ן געדאַנק זיך אומצוקעהרען. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף לאה'לען, זי איז געשטאַנען צו מיר מיט אַ זייט און נערוועז געציפּט אַ צווייגעל פון אַ יונגער אייכע. „אפשר זאָלען מיר זיך שוין אומקעהרען?" האָב איך געזאָגט, זי האָט נישט געענטפערט, פּלוצלונג האָט זי ענטשלאָסען אומגעווענדט צו מיר איהר געזיכט און מיט איינגעהאַלטענעם שוידער אין דער שטים געזאָגט: „אייך איז אומעטיג מיט מיר, יאָ?.. נור וואַרט, איילט זיך נישט.. וואַרט... איך וועל זיין פרעהליך, פרעהליך... האַ־האַ־האַ!..." איך האָב אַ ציטער געטאָן. איך האָב נאָך אַזאַ געלעכטער ניט געהערט. זי האָט געמאַכט צו מיר אַ טריט, איהרע ברייט געעפענטע אויגען האָבען געפלאַקערט שרעקליך, איהר הייסער אָטעם האָט דערגרייכט צו מיין געזיכט. זי האָט גערעדט מיט אַ אונגעוועהנליכער אויפרעגונג: „יאָ, איך, איך, די שטילע לאה'לע... איינמאָל וויל איך זי צושטערען... די שרעקליכע שטילקייט; וואָס זשע שטעהט

איהר, וואס שוויינט איהר?... איך בין שוין נישט שעהן? ניין?.. זאגט, — ניין?... אדער מען דארף מעהר חוצפה?.. חא=חא, איך ווייס נישט, איך ווייס נישט... ווי איז אט, אט..." זי האט פלוצלונג ארומגעפלאכטען מיין האלז מיט איהרע גליהענדיגע הענד און זיך וואהנזיניג צוגעפרעסט צו מיר מיט'ן גאנצען לייב...

ווען מיר האבען זיך אומגעקעהרט, איז געווען זעהער פינסטער, לאה'לען האט געשוידערט פון קעלט, און איך האב זי צוגעדעקט מיט א ברעג פון מיין מאנטעל און צוגעטוליעט צו זיך. אנהייב שטערטעל האבען מיר זיך צושיידט, איך האב זי א געוויסע צייט בעגלייט מיט'ן בליק. איהר פיגור האט זיך געוויעגט אין דעם שוואכען אבשיין פון די קליינשטעדטעלדיגע פענסטער, זי איז געגאנגען מאדנע אויפגערעהט און איינגעבויגען און האט אויסגעוויזען פון הייטען, ווי א אלטע בעטלערין...

א שפּאַציר הינטערן טויער

הײנריך מאַן.

אַ שפּאַציר הינטער'ן טויער.

לוקא איז שוין געװען אויפן שװעל, האָט שוין אָבגעשטויסען די סקריפּענדיגע טהיר און איז װידער שטעהן געבליבען. די דומפּפּע שטים פון אַלטען, װאָס, װי עס האָט זיך געדאַכט, איז שוין לאַנג געװען אײַנגעשלונגען פון דער צײַט, האָט איהם נאָך אַ מאָל בעהערשט.

— „געה און די װעלט נעה דורך קעמפּפענדיג“. און װען זי װעט בלײַבען ליעגען אונטער דיר בײַ דײַנע קניע, און דו װעסט זיך צו אונז אומקעהרען, װי יעדערער קעהרט זיך אום צו אונז צוריק — דאַמאָלסט, װאָס האָסטו געטאָן, װי נישט געמאַכט אַ שפּאַציער הינטער'ן טויער?

דרײַ אַלטע האָבען, שיפּענדיג, געװאָרפען זײערע קאַלטען אָטהעם אין די לופט פון דעם פײַכטען זאַל. די שפּאַלטען פון זײַנע װענד האָבען זיך פון טאָג צו טאָג געמעהרט. ס'האָבען געפּוילט די דעמבענע שינדלען, װאָס האָבען צוגעדעקט די װענד. און הילפלאָז און שװײַגענד האָבען געקוקט די שטאַרע שויבען.

בײַ אײנער פון די אַלטע איז געװען אַנ'אָנגעבלאָזענער בויך — גרויס, װי אַ באַרג, בײַ דער אַנדערער — אַ משונה אָנגעשװאָלענער האַלז, בײַ דער דריטער — אַ האָרב. מיט װאָס האָבען זײ געשפּײַזט זײערע שרעקליכע געװיקסע? לוקא'ן האָט זיך געדאַכט. אז זײַן יוגענד איז, װי אַ װײַסער טויב, זוכט אויף אַלע זײַטען און ציטערט אין זײערע אַלטע נעגעל. און זײ זויגען אויס זײַן בלוט מיט זײערע אויסגעלענטע, ענטטוישטע מוסר־זאָגערײַ.

דער אַלטער איז געווען אַ בלינדער. מיט וואָס האָט ער אָנגעפיהלט זיין פערמיסטיגטען מאַרך? מיט לוקא'ס בונטע יונגע טרוימען: פון בליהענדע לאָנקעס, וואו יונגע פרויען מיט שוואַרצע האָהר בעקרוינען מיט רויזען די בלאָנדגעלאָקענטע ריטער, פון ווייסע שטעדט, וואָס טרויערן אויף די ברעגען פון בלויע ים'ן נאָך זייערע בעזיגער. דער אַלטער האָט גענומען די דאָזיגע טרוימען און האָט גע'טענה'ט, אַ־זײַ יענען גאַרנישט ווערט. קלעגליך האָט זיך דערטראָגען פון דער טיעפעניש:

— געה און בעפריי גאָט פון געפענגניש ביי זיינע פיינד! צווינג דעם שטן בעטען רחמים! געה און מאַך די פרוי פאַר דיין קוי־זערין. ביי דעם ציעל, אַנ'אויסגעניכטערטער, פערלירענדיג די גדלות וועסטו זיך דערוויסען, אַז אַלץ איז געווען ערהויבענער אין פראַכטפאָלער ווען די האָסט נאָך געטרוימט. דאָס בעסטע איז געשעהן, אײדער דו האָסט אויפגעמאַכט די אויגען. דיין חלום האָט אַלץ איבערגעשטייגט. ער לויפט דיר פאָראויס, טראָגענדיג דעם שווערד, וועלכען דו ביזט נישט אין שטאַנד אויפצוהויבען. די גנב'עסט זיך נאָך איהם מיט ליידיגע הענד.

אַ פלעדער־מויז האָט דורכגעשניטען דעם דונקעלען זאַל. ער האָט זי אָנגענומען פאַר דאָס וואָרט—פון דעם אַלטען, וואָס איז צו איהם דערפלויגען. אויפציטערענדיג איז ער אַרויסגעלאָפען דורכ'ן הויף פאַר'ן טויער. ער האָט זיך שוין אַראָבגעלאָזען האַלב פון באַרג; פון דעם פערקומערטען שלאָס האָבען זיך געזעהן קרומע צולעכערטע דעכער.

אונטען אין גרויען נעבעל פון אָווענד האָט זיך פונאַנדערגעשפרייט דאָס ברייטע פעלד. עטוואָס עהנליכעס אויף שאָטענס פון אונזיכטבאַרע געשטאַלטען האָט זיך געגליטשט איבער איהם. אויבען האָבען זיך שווער געדרוקט די אַראָבגעהאַנגענע וואָלקען. אין איין פינטעלע פון דעם אונענדליכען רוים האָט דערשראָקען און איינזאַם זיך צונויפגעדרוקט אַ סטאַדע פון קליינע שעפסעליך. טיעף איינגעהילט אין די פאַלדען פון זיין מאַנטעל איז געזעסען דער פאַסטוך און האָט זיך נישט גערירט. ערגעץ האָט זיך נישט געהערט קיין בילען פון הינד, פונדעסטוועגען האָט לוקא דייטליך בעמערקט, ווי עפעס אַ מאַנסביל אין אַ הוט מיט אַ פעדער האָט געחאַפּט אַ שעפסעלע און איז אַנטלאָפען מיט איהם.

לוקא האָט זיך גלייך אַ לאָז געטאָן נאָך איהם. צודריקענדיג דעם שווערד צום זייט האָט ער געמאַכט גרויסע טריט.

„זאָל ער אַוועק גנב'ענען די גאַנצע סטאַדע האָט ער געטראַכט — נאָר נישט דאָס שעפּסעלע". וועט ער דעריאָגען דעם רויבער, איידער יענער וועט בעוויזען זיך פערבעהאַלטען אין וואַלד? פערטשעפּענדיג זיך יעדע ווײַלע אויף דעם פרעמדען אָרט האָט ער אָהן אויפהער געשריהען:

„נאָר נישט דאָס שעפּסעלע! הערסט, נאָר נישט דאָס דאָזיגע!"

אָבער יענער האָט שוין בעוויזען צולויפען צו די בוימער — און לוקא איז נאָך געווען דרײַסיג טריט ווײַט פון איהם. ער האָט שוין געוואָלט אַרויסגעהמען זײַן שווערד פון שײדעל. דאַמאָלסט איז עמיץ אַ פער־שמידטער אין אַ שוואַרען פאַנצער, אַרויסגעשפּרונגען פון אונטער'ן קוסט און האָט אַ זעץ געטאָן דעם רויבער מיט אַ שווערד איבער'ן האַנד אַזוי, אַז יענער האָט גלײַך אײַנגעלאָזען דאָס שעפּסעלע. מיט אַ וועה געשרײַ איז אַנטלאָפען דער רויבער, דאָס פערד מיט דעם פערשמידטען אין פאַנ־צער איז פערשוואונדען אין וואַלד, און לוקא איז געבליבען אַליין. שווער אָבאָטעמענדיג איז ער געשטאַנען איבער דעם שעפּסעלע.

אויפגעהויבען דאָס שעפּסעלע, האָט ער פאַמעליך און צאַרט עס אַוועקגעטראָגען אין וואַלד, צו דעם קלויסטעריל, וואָס האָט זיך געזעהן בײַ דעם ליכט פון די שטערען אויף אַ לאָנקע. ער האָט עס אַוועקגע־לעגט אויפ'ן מזבח פאַר'ן בילד פון דער הײליגער מוטער — און אויגענ־בליק איז פון דעם שעפּסעלע געוואָרען אַ קלײן יונגעלע, וועלכער האָט שמײכלענדיג אָנגענומען די האַנד פון דער הײליגער מוטער מיט זײַן לינקער האַנד. די רעכטע האָט ער, בענטשענדיג, אויסגעשפּרײט איבער לוקאַ'ן, וואָס איז געפאַלען אויף די קניע. „וואָס טהוט מען דאָ?" — האָט געטראַכט לוקא אָנבויגענדיג דעם קאָפּ — „וואָס האָב האָב איך געטאָן? ווער האָט דאָס געמאַכט, איך אָדער דער פער־שמידטער אין פאַנצער?"

ער האָט נישט געקענט מעהר קוקען אויפ'ן יונגעל און געבויגען האָט ער זיך אַרויסגערוקט אין דרויסען, דאָ האָט די דופּטענדע נאַכט איהם ווידער אויסגעגלײַכט און אַזוי איז ער אָבגעגאַנגען אַ שעה־צוויי, ביז וואַנען עס האָבען אָנגעהויבען שיטער ווערען די בוימער. פּלוצלונג האָט ער דערהערט אַ בײזען געשרײ און האָט דערזעהן דעם פער־שמידטען אין שוואַרצען פאַנצער, וועלכער האָט, דראָהענדיג מיט'ן לאַנגען שווערד, געטריבען אַרום די סאָסנעס אַ גרויסען מאָנאַך. דער מאָ־נאַך האָט אַרומגעחאַפּט דעם שטאַם מיט בײדע הענד און בליץ־שנעל איז ער געלאָפען אַרום איהם אויסדרעהענדיג יעדעס מאָהל זיך פון אַ קלאַפּ

„רחמים! רחמים! גוטער מאַן, ראַטעוועט מיך פֿון דעם מערדער!“ האָט ער געשריִען הארצרײַסענד. „איהר זעהט דען ניט, אַז דאָס איז דער שטן מקטרג אַליין?“ מיט וואָט האָט זיך לוקא אַ וואָרף געטאָן אויף דעם פערשטידטען אין פֿאַנצער, וועלכער האָט געדראָהעט דעם פרומען מאַן. „אַך, דאָס ביזט, ווער עס האָט מיר אוועקגענומען דעם גנב“, האָט ער געשריִען. „דו האָסט מיר נישט געלאָזען ראַטעווען די שעפּסעלע מיט מײַנע אייגענע הענד!“ און ער האָט איהם אַרײַנגע־שטאָכען אין געזיכט דאָס געוועהר.

קלינגענדיג איז יענער אַנידערגעפאַלען אויף די דונקעלע נאָדלען פון די סאָסנעס. דער מאָנאַך האָט זיך צולאָכט, ווי אַ באָק, לוקא האָט זיך אויף איהם אומגעקוקט. ער איז שוין אָבער נישט געווען. אַ שוואַ־פער גערוך איז געבליבען נאָך איהם.

איבערפילט מיט שאַנדע האָט לוקא געמורמעלט: „שטעה אויף איך בעט דיך!“ דער פערשטידטער אין פֿאַנצער האָט זיך אָנגעשפאַרט אויף דער קניִע און האָט אויפגעהויבען זײַן פערדרעהטע נאָז צו דער לבנה, פון זײַן לינקען אויג, וואָס האָט אינגאַנצען אויסגערונען, האָט זיך געגאָסען בלוט אויף זײַן ווײַסער באַק.

— די ביזט מיעד. — האָט געזאָגט לוקא און האָט איהם צו־געפיהרט זײַן פערד. אָבער יענער האָט געענטפערט:

— ער געהערט דיר. דו האָסט געזאָגט און איך געהער אויך דיר. און ער האָט געצוואונגען לוקא׳ן צושטעלען זיך זײַן אײַזערנע האַנד און אַרויפקלעטערן אויפ׳ן הויכען רוקען פון פערד.

זיי זענען אָבגעפאָהרען אַ גרויסע שטרעקע און לוקא האָט קיין שום קלאַנג נישט געהערט, אויסער דאָס קלאַפען פון דעם פערשטידטען אין אײַזען, וועלכער איז געגאַנגען פאָראויס זײַן פערד. ער האָט מעהר גאָרנישט געזעהן חוץ אַ טונקעל־רויטען פאַס — יעדעס מאָל, ווען יענער פלעגט צו איהם אומקעהרען דעם קאָפּ.

דערנאָך האָט זיך בײַ די זײַטען פון גאַס בעוויזען אַ זײַם פון בלי־הענדע קוסטעס, געווירגט פון נאַכט־ווינד. די האָפענונגען — די נאָך פערשלאָפענע פויגעליך — האָבען שוין זיך אויפגעהויבען פון דער פינ־סטערניש. בײַ די האַלב־אָפענע טהירליך פון גערטנער האָט אַ ווײַסע שטײַנערנע ברוסט געבעטען: „בלײַב!“ נאָר אין דער הויך, וואו אין דעם נישט זיכערען לבנה־ליכט איז דאָס וועגעלע פערשוואונדען. צווישען די בערג האָט זיך עפּעס דורכגעטראָגען אומרוהיג: אַ מחנה צופאַלען,

וואָס דאַרפֿען נאָך פֿאָרקומען, די שענהייט וואָס וואַרט אויף בעפֿרייאונג, די גרויסקייט, וואָס גאַרט צו ווערען בעזיעגט.

מיט דעם מידיגען פֿריהמאָרגען, ווען דער טאָג האָט בעשאָטען דעם גרויען וועג מיט זיינע ערשטע רויזען, האָבען זיי זיך געפֿינען הויך איבער פֿאַמעראַנצען וועלדער, אין דער טיעפֿעניש פֿון וועלכע עס האָט זיך געפֿונען עפּעס אַ שלאָס, די שפּיציגע טורעמס פֿון וועלכען עס האָבען זיך אין הימעל אַריינגעשטאָכען. איבער די טעראַסען פֿון די פּעלוען האָבען אַראָבגענידערט צום ים פֿער׳חלומ׳טע הייזער פֿון שטאָדט. אונטער דער קיפּאַריסען־וואַנד אין דער לערער בלויקייט פֿון נעבעל איז געלעגען ים. ווייט אונטער זיי אויף דעם ברעגעדיגען שפּיץ האָט עפּעס געשוואומען, אַזוי ווי אַ גרויע מחנה פֿויגעליך. דאָס איז אַנ׳איינזאַמער זעגעל, ערווייטערענדיג זיך פֿון ברעג, געווען געפֿאַנגען פֿון אַנדערע, און אַלע צוזאַמען האָבען זיי זיך געשטויסען אַרום דעם פֿעלזערדיגען שפּיץ.

לוקאַ האָט נישט פֿערשטאַנען פֿאַר וואָס זענען זיינע טריט פּלוצ־לינג געוואָרען לייכטער, פֿאַר וואָס האָט זיך די ברוסט, אָטעמענדיג געהויבען העכער. עפּעס האָט פֿערקלינגען נעבען איהם. דאָס איינ־איינציגע אויג פֿון דעם פֿערשמידטען אין פֿאַנצער איז געווען געווענדט צו איהם:

— דיאַנאַרע, דעם גראַפֿס מעלפֿי׳ס טאָכטער, איז היינטיגע נאַכט געפֿאַנגען געוואָרען פֿון דעם סולטאַן בערבעריאי. קיינער ווייס נאָך פֿון דעם נישט. דער רוהם פֿון איהר שענהייט האָט איהם נישט געלאָזט רוהען, ביז וואַנען ער האָט זי נישט געפֿאַנגען אויף זיין שיף. יעצט איז זי שוין ווייט.

— איך וועל זי אומקערען! — האָט אויסגעשריען לוקאַ און האָט זיך גענומען אַראָבלאָזען אויף דעם וועג צו מעלפֿיאַ. אָבער זיין בעגלייטער איז געווען שוין ווייט פֿון איהם.

אַלע טרעפּעליך פֿון פֿעלז זענען אונטען געווען פֿול. דאָס פֿאָלק איז געקומען, מיט וועה־געשרעהען האָבען זיי אויסגעשפּרייט זייערע מאַטלאָזיגע הענד צו דעם לערען ים: „זי איז נישטאָ, ווי קענען מיר לעבען אָהן איהר!“ אַלע געזיכטער זענען געווען ווייס פֿון שמערץ, דער צער איז אַריינגעשטיגען אין אַלע הייזער.

— איך וועל זי אומקערען! — האָט אויסגעשריען לוקאַ. און גלייך האָבען זיך נאָך איהם אַלאָז געטאָן טריאומפֿירענדע מחנות,

וועלכע האָבען ערוואַרט זיין העלדענטהאַט. די טויערן פון שלאָס האָבען זיך אויפגעפּראַלט, און פון דאָרטען איז אַרויס דער פערשמידטער אין פאַנצער. און מיט איהם איז געגאַנגען דער גראַף מעלפי, וועלכער האָט אַ קוש געטאָן ביי לוקא'ן די האַנד. „איהר וועט זי אומקעהרען, מיין הער! איהר וועט זי אומקעהרען, זיך אליין! זי איז אייערע!"

אַ קליין שיפעל האָט מען פאַר זיי אַראָבגעלאָזט אין וואַסער. דער פערשמידטער אין פאַנצער האָט זיך געשטעלט צום מאַסטבוים, לוקא האָט זיך געזעצט ביים רודער. די שטימען פון ברעג האָבען זיי שוין נישט געהערט; שנעלער פון די געדאַנקען האָבען זיי זיך געטראָגען נאָך די בערבערישע זעגעל. און עס זענען שוין אַרויסגעשוואומען די דאָזיגע זעגעל פון בלויקייט־געבעל און זענען יעצט געווען עהנליך אָן אַ פליגעל פון אַ בושעל. לוקא האָט געטראַכט: „דער רויבער איז נאָך נישט ביי זיך אין דער היים און ניט אויף אַ זיכערען באָדען האָט ער זיין רויב. זי קען נאָך פון איהם פערשווינדען.

פלוצלינג האָט פערקלונגען דאָס געוועהר פון דעם פערשמידטען אין פאַנצער. זיי זענען שוין געווען גאָר נאָהענט און האָבען געקוקט, ווי עס זענען צושלאָגען געוואָרען די שיפען פון די געצענדיגער. מיט געריידער זענען געפאַלען אין וואַסער די ברעטער: די מאַסט־בוימער זענען אומגעפאַלען.

לוקא האָט זיך אָנגעבויגען אַהין: דיאַנאַרע איז געשוואומען אונטער זיינע הענד, אָבער זיי האָבען געציטערט. דער פערשמידטער אין פאַנצער איז געווען דער, ווער ס'האָט אַרויפגענומען אויפ'ן שיף די פרוי. פון שאַנדע און כדי חאַטש עפּעס צו טאָן האָט לוקא אָבגעהאַקט דעם קאָפּ דעם סולטאַן און צוויי מאַווריען, וועלכע זענען צוגעשוואומען צו איהם איבער'ן וואַסער. איין קאָפּ האָט ער אַרויפגעשטעקט אויפ'ן רודער, דעם אַנדערען אויפ'ן נעזיל פון שיף און דעם סולטאַנס קאָפּ אויפ'ן שפּיץ פון מאַסט־בוים. אונטער איהם אויף קישענס איז געלעגען דיאַנאַרע. לוקא האָט אַ קוק געטאָן אויף איהר און מיט אַ מאָל דערפיהלט די ליידען, ער איז געווען גרייט זיך צוויינען. אַזוי וואונדער שען איז זי געווען.

טונקעל־ווייס און שטיל האָט געלויכטען איהר געזיכט, גלייך ווי אַנ'אוצר בעדעקט מיט שאָטען. יעדעס מאָל, אַז זי פלעגט בעוועגען מיט'ן געזיכט, פלעגט זיך אויף איהם אָנצינדען אַ ראָזער אָדער אַ בלויער אָבגלאַנץ. די אויגען האָבען געלויכטען מיט אַ פיאָליעטען שיין! דאָס זע־

נען געװען צװײ אײנגעפּאסטע אַמעטיסטען און אַרום דעם בלײַכען אָװאַל זענען געלעגען איהרע האָהר, פּונקט װי אַ שװערער פון אומעט און געדאַנקען, קראַנץ פון שװאַרצען האַלץ.

אױפ'ן צוריקװעג איז נישט געװען קײן װינד. זײ זענען צוגע־שטאַנען צו עפּעס אַ פעלזיגען אינזעל, װאו אַלע גריפען דאַבען גע־היט אַ גרױען שלאָס אַרומגעצױמט מיט גראַטעס. דיאַנאַרע האָט זיך אָנגע־שפּאַרט אָן אַ טרעפּעלע פון דעם צושפּאָלטענעם לײַטער, נאָר אונטען, און איהר װײַסע קלײד האָט זיך אױסגעשפּרײט איבער דעם בלױען אָב־גרונד. און דער פערשמידטער אין פּאַנצער איז געשטאַנען נעבען איהר אַרױפלענענדיג אױף איהר שװאַכען אַקסעל זײַן אײַזערנע האַנד. פון דער אונהײַמליכער װײַטקײַט האָט זיך צו איהר געװענדט לוקא:

— איך האָב דיך אַרױסגעצױגען פון ים און פון די הענד פון די געצען־דינער: װילסטו זײַן מײַנע?

— דער ים האָט מיך גענומען און דער סולטאַן האָט מיך גע־נומען: איך דאַנק דיר נישט.

ער האָט מיט אימה אַ קוק געטאָן אױף דעם פערבלוטיגטען קאָפּ און אױף דעם פלאַטערנדיגען טורבאַן. און דיאַנאַרע האָט אױך אַ קוק געטאָן.

— דו האָסט איהם דען געליבט? — האָט ער געזאָגט שטיל.

— נײן. ער איז נישט געװען גענוג שטאַרק, װי באַלד זײַנע שיפען זענען אומגעקומען.

— אָבער איך, װעלכער האָט איהם בעזיגט! איך בין גענוג שטאַרק?

— די פרעגסט? הײַסט עס, אַז דו ביזט נישט גענוג שטאַרק.

דער פערשמידטער אין פּאַנצער האָט זי בעדאַרפט צוריק אַװעק־טראָגען אױפ'ן שיף. לוקא האָט בײַ זיך געטראַכט: „איך װעל װערען שטאַרקער". און אין דער זעלבער צײַט האָבען זײ הינטער זיך איבער־געלאָזען דעם ים. זײ זענען אַרױסגעקומען אױף עפּעס אַ ברעג, װאו װײַסע גאַסען, צװישען שטײנערנע פעלדער האָבען געפיהרט אין אַ לאַנד, װאָס איז געװען זײ אינגאַנצען אומבעקאַנט.

פיער דינער האָבען געטראָגען דיאַנאַרעס טראַג־בעטליך, פאַר־אױס איז געגאַנגען דער פערשמידטער אין פּאַנצער און נאָך זײ לוקא. צװײ, װאָס זענען געגאַנגען מיט דעם זעלבען װעג, זענען צוגעשטאַנען צו זײ; אײנער אַ פערברענטער אין אַ רױטען מאַנטעל, דער אַנדערער —

אַ בלאַסער מיט אַ שיטער בערדיל, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצע קורטקע מיט שנירליך. „איך האָב שוין געהאַט אַ מיהלשטיין אַרום האַלז", האָט ער געזאָגט. דער צווייטער האָט בעמערקט: „איך בין געלעגען אין קלע־צליך מיט פייער ביי די פיס".

זיי זענען געגאַנגען ווייטער און אַלץ גרעסער איז געוואָרען די צאָהל געהענגטע מיט זיי: אייניגע מיט נאָך בלוטרינענדיגע וואונדען, און אַנדערע מיט דשוימאַ-געשווירען, אויף די אָפענע אויסגעדאַרטע זייטען. פון הייסע קאַנטען האָבען זיי מיטגעבראַכט קראַנקהייטען, תאוה און פערצווייפלונג צום טויט, די אויגען זייערע האָבען געפינקעלט, די געפיה־לען זענען געוועזען אָנגעצינדען מיט גיעריגקייט.

אויפ'ן וועג האָבען זיי צוראַבירט דערפער, אויסרופענדיג די הערשאַפט פון דעם נייען זיעגער — און אַוועקרויבענדיג פרויען און פיה. איינמאָל האָבען זיך אַלע אָבגעשטעלט. פון דערווייטענס, אין דער הויך, האָט זיך מעכטיג אויפגעהויבען איבער די ווייסע פעלזען אַ שטאָדט: אַ שימערירענדע הויפט שטאָדט פון לאַנד, די רעזידענץ פון קעניגרייך טראַפעזונט. פון זייגע ווענד זענען אַראָבגעהאַנגען גאָלדענע פאָהנען און געדליאַנדעס פון רויזען האָבען זיי אַרומגעפלאָכטען.

די זוכער פון פאַסירונגען האָבען געקרעכצט מיט קללות.

זיי האָבען זיך אַראָבגעלאָזען אין דעם שפאַלט צווישען די שוואַרצע פעלזען, וואָס איז געוועזען אַזוי שמאָל און טיעף, אַז אפילו אין האַלבען טאָג האָט זיך איבער איהם געזעהן די שטערען. אויף די שפיצען פון די בערג זענען געשטאַנען די פערטיידיגער; זיי האָבען אָבגעבראָכען פון די פעלזען שטיקער און זיי געשליידערט אונטען. אָבער די פעלזען האָבען די שטיקער צוגעצויגען, און אַלע זענען געבליעבען אויף זיי און קיין איינע האָט זיך נישט אַראָבגעקייקעלט אונטען, און אין שרעק, אין פערצווייפלונג האָבען זיך די חיל אַליין אַראָבגעוואָרפען אין די טיפעניש.

פערלאָזען דעם ענגען שפאַלט, האָבען זיי ווידער דערזעהן די שטאָדט. אָבער קראַנצען און פאָהנען זענען שוין נישט געוועזען אין איהם. אַ ווילדע אונרוהיגקייט איז געוועזען אויף די ווענד. אַ ציטער פון טויזענדער דערשראָקענע זיפצען האָט זיך צום הימעל געטראָגען: די רייזענדער האָבען מיט אַ שמייכעל זיך אַ נייג געטאָן איינע צו די אַנדערע.

דערנאך האט זיך אוועקגעצויגען א וואלד, נעבען וועלכען עס זענען געווען אויסגעשטעלט סאלדאטען פון דעם קעניגרייך. א קוק געבענדיג אין דאס איינאיינציגע אויג פון דעם פערשמידטען אין פאנצער, האבען זיי אראבגעלאזען זייער געוועהר, כדי לאנגזאם צו בעגלייטען דעם זיעגער אויף זיין וועג, וואס דער מזל האט פאר איהם בעשטימט.

א דריטען מאל האט זיך פאר זיי ענטדעקט די שטאדט. זי איז געווען שטיל און פון אלע דעכער האט געפלאטערט שווארצע געוועבונג. די פערצווייפלונג האט אויסגעשפרייט צו דעם זיעגער זיינע אויסגעמאטערטע הענד און האט זיך געוואלט אנהאפען אן זיין שווערד. די רייזענדער האבען זיך געשטיקט פאר געלעכטער.

אז זיי האבען צובראכען די ווענד, האט לוקא אבגעדעקט די טראגבעטליך און האט אויסגעשריען:

— דאס איז אייער הערשערין!

עטליכע שטימען האבען געענטפערט:

— מיר האבען א קיסר. ער איז א קינד. און ער האט נישט קיין עלטערן, אבער מיר האבען איהם ליעב.

לוקא האט א מאך געטהון, און עס האט זיך אנגעהויבען א שחיטה. אז זי האט זיך געענדיגט, האט שוין די נייע הערשערין ביי א סך נושא חן געווען. אבער די פרויען האבען זיך נישט געקענט בערוהיגען. מיט ווילדע געשרייען האבען זיי ארויסגעגאסען פון די הייזער זורינען בוימאייל אויף די קעפ פון די רויבער: זייערע קינדער האט מען ביי זיי אוועקגערויבט, און דעם יונגען קיסר האט מען ארויסגעריסען פון די הענד פון די שומרים. און נאך לוקא'ס בעפעהל זענען זיי אלע צושטארבען.

דיאנארא, פאר וועלכער מען האט געבראכט אזוי פיעל קרבנות, איז נאך דעם אלעם געווארען פערדעכענט ביים פאלק פאר א הייליגע. פייניגענדיג זיך, האט דאס פאלק געקניהט פאר איהר און האט געקושט דעם שטויב אויף דעם וועג, וואו מ'האט געטראגען איהר טראגבעטעל.

ביי דעם שלאס, אויף א פלאץ, וואס איז געווען מיט זיילען בעצירט, האט לוקא פאר איהר געמאכט א טרון פון מארמאר־שטיין, געלען ווי וואקס. אין פורפורנע שיך און אין גאלדענע קליידער האט

זי זיך צוגעשפּאַרט צו איהם און אַ גרויסער רובינען־שטיין האָט בעלויכטען מיט בלוט־רויטען קאָליער איהר אונבעוועגליכעס געזיכט. און אַרום האָבען געלויכטען מיט מעטאַלישען גלאַנץ די אויסגענייהטע אַנצוגען און זילבערנע עהרעצייכענס. ס'האָט געציטערט דאָס צערטליכע שימערן פון די פּראַכטפולע ציערונג און דאָס פינקלען פון די דימענטענע קרוינען. ס'האָט זיך געגאָסען דער שיין פון די מעטאַלענע מעסערס און די גאָלדענע, שטוהלען און די פּורפּורנע טעפּיכען, אויסגעזעצטע מיט דימענטען.

מיט גערויש פּונקט ווי פון אַ פויגעל, פון אַ גיגאַנטישען פויגעל, איז דאָס פאָלק אַנידערגעפאַלען אויף די קניה. צעהנדליגער טויזענדער האָבען געשריען פון זייער פערגעטערונג. די אָהן אויפהער טאַנצענדע האָבען אין ווילדער התלהבות, פערוואַרפענדיג די קעפּ אויף הינטען, מיט די ווייסע אויגען, דערצעהלט וועגען זייער אויסהיילונג. עס האָבען געקלונגען די טרומייטען און די מעשענע ליטאַווערעס.

דער וועג צום טראָן איז געווען בעזייהט מיט לייבען. לוקאַ איז אַרויף אויף איהם אַליין. אַרויפגעהענדיג אויף די טרעפּליך, האָט ער זיך אָבגעשטעלט, ווייל ער האָט דערפיהלט אויף זיין שלייף דעם אָטעם פון דיאַנאַראַן.

— איצט ביזטו אַ קייזערין! — האָט ער געזאָגט און איז שטיל געבליבען אין ערוואַרטונג: אויף זיינע באַקען איז געלעגען די קאַלטקייט פון אַלע אָבגעטאָנענע פערברעכען. פון די ליפּען האָט זיך געגאָסען בלוט. און זי האָט געזאָגט:

— דו ביזט נישט גענוג שטאַרק.

ער האָט זיך אומגעקעהרט און האָט זיך פערשפּאַרט ביי זיך אין פּאַלאַץ. טאָג אוים טאָג איין האָט ער געבלאָנזשעט, נישט ווערענדיג מיעד אַרום די בעגילטע זאַלען, אויסגעבעטע מיט אויסגענייטע טעפּיכען, צווישען די הימעל־בלויע קאָלאָנען מיט גאָלדענע פּאַסקעליך; גירליאַנדען פון זילבערנע בלעטער האָבען זיך געצויגען פון איין קאָלאָנע צו דער אַנדערער. די זילבערנע ברונענס האָבען געשמעקט, ווי די וואונדען פון הייליגע מערטירערינס. אַ טויטשרעק האָט איהם יעדעס מאָל אָנגעחאַפּט, ווען אויף די שטעגען פון גאָרטען האָט געסקריפּעט דער גאָלדענער זאַמד אונטער די טריט פון די קנעכט, וועלכע האָבען געטראָגען דיאַנאַראַ'ס טראָגבעטעל.

זי האָט געשפּיעלט אויף אַ ציטרע און האָט געזונגען; צערטליך

און בענקענדיג האָט געקלונגען איהר שטים איבער די ציטערענדיגע סטרונעס, פונקט ווי אַ שמעטערלינג איבער אַ פעלד אויסגעבעט מיט בלומען; און אויבען אין דעם דרייקאַנטיגען פענסטער איז געלעגען לוקאַ, צודריקענדיג דעם שטערן מיט'ן האַנד.

ער האָט זי געהיט, און אין דער אָוועגד-פרישקייט האָט זי זיך געבאָדען נעבען די היים-אָטעמדיגע ליליען אונטער די צעדערן און בעגילטע פאַלמען, איבער דעם פינקלענדיגען ברונעם האָט דער שוואַן געפּאַטשט מיט זיינע זילבערנע פליגלען. אַ הוילע איז זי געשטאַנען ביים ברעג, אַראָבגעלאָזט די מידע הענד, מיט אַ ברייטען פון גאָלד אויסגעשטריקטען פאַס אַרום די לענדען. פון דער ברוסט האָט גערונען דאָס וואַסער; איהר קערפער האָט געציטערט פון דער צערטליכקייט פון דער אָוועגד-לופט. ראָזע זונענדיגע שטויב האָט זיך געשפּילט אַרום איהר. אָפטמאָל פלעגט מיט אַ בייזען מאָרגעם געשריי איבער איהר דורכפליהען אַ גרויסער גאָלדענער אָדער זילבער-בלוי-שימערענדע פליגעל.

לוקאַ'ס צוזויפגעדריקטע פינגער פלעגען פונאַנדערדייסען די קוסטעס, וואו ער פלעגט זיך בעהאַלטען.

— איך בין גענוג שטאַרק, — פלעגט ער קרעכצען — איך וועל זי נעהמען!

אין אָוועגד איז ער אַריין צו איהר אין צימער. אויפמאַכענדיג דעם פאָרהאַנג האָט ער זי דערזעהן: איהר ווייסער קערפער איז געהאַנגען אויף דער שוואַרצער ברוסט פון דעם פערשמידטען אין פאַנצער.

נאָך דעם האָט לוקאַ פול געמאַכט זיינע זאַלען מיט פרויען און זיין נשמה און אַלע געדאַנקען — מיט די בעוועגונגען פון פולע ברוסטען, מיט געשלענגעלטע קנייטשען פון דיקע קערפערס, מיט בלייכע ברייטע פנים'ער, בעלויכטען מיט אַ אויסגעמאַטערטען שמייכעל.

ער האָט אויסגעטראַכט פייניגונגען און האָט זיי צוטיילט צווישען זיינע קנעכט; זיין אונטערשטע פאָראויסאַרויסגערוקטע ליפּ האָט געציטערט, די הענד האָבען קראַמפּפהאַפט אַרומגעכאַפּט די שניצונגען פון דעם טראָהן. דערנאָך פלעגט ער זיך אַריינשלייכען אין די תפיסות און בעטען רחמים ביי די אומגליקליכע, זיי זאָלען איהם מוחל זיין און זיינע פריינד.

פון זיינע ווייסע טעראַסען אַראָב, איבער וועלכע עס איז

אכזריות'דיג און פייערליך א בלויער הימעל געהאנגען, פלעגט ער אויסברעכען אין געשרייען וועגען הילף: „גנאד! הער אויף!“ קיינער האט איהם נישט געהערט אויסער די שטומע שווארצע סריסים. קיין זאך האט זיך נישט בעוועגט אויסער זייערע לויפענדע מעטאלענע אויגען. און לוקא איז געפאלען אויף דער ערד מיט ברייט פונאנדערגעווארפענע הענד און דער באנד פון די טייערע שטיינער אויף זיין קאפ איז צובראכען געווארען אן די מארמארנערע פליטען.

איינמאל ביינאכט האט ער זיך געשלייכט דורך די פינסטערע קארידארען. די געדאנקען וועגען מארד, וועלכע ער האט אזוי געצערטעלט, האבען געפלאקערט פאר איהם און געוויזען איהם דעם וועג. ער האט זיך גענומען דראפען אין דיאנאראס טיר; מיט א יאמערליכען קרעכץ האט זיך די טיר אויפגעמאכט, און ער האט דערזעהן, אז אלץ איז שוין געשעהן. דער קאפ איהרער מיט די שווערע האהר איז אראבגעהאנגען איבערן ראנד פון איהר געלעגער; אויפ'ן האלז האבען זיך געזעהן מיט בלוט פערלאפענע פינגער פון אנ'אייזערנער האנד.

ער איז אנטלאפען און פון דאמאלס אן האט ער געפיהרט א לעבען פון א בלאנזשענדער חיה. מיט א ברילען פלעגט ער אויסשרייען איהר נאמען דעם בייזען ווינד אנטקעגען, מיט א קללה פלעגט ער איהם שלייערן אין הימעל אריין, פלעגט איהם חזר'ן פאר די חיות רעות אין די הייהלען אונטער דער ערד. אזוי איז ער געווען משוגע, ביז וואנען זיין קערפער איז געווארען אזוי ווי פון שטאהל און די נשמה איז אינגאנצען אויסגעמאטערט געווארען. ביסלעכווייז איז זי פאר איהם געווארען נישט מעהר ווי א בלאסער טרוים, וואס קומט צו שווימען איבער זיין שלאף. און ענדליך פלעגט ער, טראכטענדיג וועגען איהר, פיהלען נאר צוויי אויגען הינטער זיך אין דער נעבעלדיגער ווייטקייט — גלייך ווי אויגען פון א שטילער מערטירערין אין א שטום-שווייגענדיגען קלויסטערל, וואס קוקט אלץ נאך פון איהר בעשאטענטער וואנד אראב אויף אונזער בלאנזשען און וואנדערן איבער די רוישענדע וועגען פון לעבען.

אויף זיין געזיכט האט מען נישט געקענט לעזען ניט קיין האפנונג, ניט קיין חרטה; אבער ער פלעגט קיינמאל נישט שלאפען הינטער ניט-געשלאסענע טירען, אויס מורא מיט עפעס זיך ארויסצוגעבען אין שלאף. ער איז געווען א אוואנטיוריסט, וועמען קיין זאך איז

נישט נײַ געװעזען, אַ זיגנער אָהן גאוה, אַ בעל־תּאוה מיט קאַלטע ליפּען.

אײַנמאָל אין גרױער אָװענד־דונקעלהײַט איז ער געגאַנגען איבער אַ ברײַט און װײַט פעלד. ער האָט זיך איבער איהם געגליטשט גלײַך צו די שאָטענס פון די זאַכען, װעלכע זעהען זיך נישט. אין דער הײך האָבען זיך שװער בעװעגט די אָנגעלאָגערטע װאָלקענס. ער האָט אַרױפגעקלעטערט אױף אַ בערגעל; קרומע צוריסענע דעכער האָבען זיך געעפענט פאַר זײַנע אױגען. ער איז שױן געװען אין שאָטען פון דעם פינסטערן שלאָס, שױן געשטאַנען בײַ זײַנע טױערן. דרײַ זקנות אין דעם פײַכטען זאַל האָבען מיט אַ געהײַל אַרױסגעװאָרפען זײַער קאַלטען אָטעם אין דער קאַלטער לופט אַרײַן. „לוקאַ איז צוריקגעקו־מען“, — האָבען זײ געזאָגט, און גלײַך האָט אױפגעקלונגען אַ טױבע שטים פון דעם אַלטען, װעלכען די צײַט האָט, דאַכט זיך, שױן לאַנג פערשלונגען.

— דו ביסט מיט מלחמה די װעלט דורכגעגאַנגען, זי איז הינטער דיר אױף די קניה געלעגען, און דו האָסט זיך צוריקגעקעהרט צו אונז, װי יעדער אײנער קעהרט זיך צו אונז װידער. טאַ װאָס האָסטו עפּעס אַנדערש אָבגעטאָן, אױב נישט אַ שפּאַציר הינטער׳ן טױער?

אַזױ װי לוקאַ האָט געשװיגען, האָט דער אַלטער װידער אָנגעהױ־בען:

— דו האָסט גאָט בעפרײַט, װאָס איז בײַ זײַנע שונאים געפאַנגען געװען, דו האָסט געצװאונגען דעם שטן, ער זאָל בײַ דיר בעטען װעגען רחמנות! דו האָסט קעניגרײַכען אײַנגענומען און אַ פרױ האָסטו געמאַכט פאַר דײַן הערשערין! בײַם ציעל האָסטו, אױסגעניכטערט און מיט אװעק־גענומענעם שטאָלץ, זיך דערװאוסט, אַז אַלעם איז געװען ערהאַבענער און שענער, בל־זמן דו האָסט נאָך געטרױמט. דאָס בעסטע איז געשעהן, אײדער דו האָסט די אױגען געעפענט; דײַן שלאָף האָט אַלץ אװעקגע־רױבט אפריהער. ער האָט געאײַלט דיר פאָראױס, טראָגענדיג דאָס שװערד, װעלכעס דו האָסט נישט געקענט אײַנהאַלטען. דו ביסט בגנבה נאָכגעגאַנגען מיט לײדיגע הענד.

לוקאַ האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און איהם װידער אױפגעהױבען.

— דאָס איז אַלץ אמת, — האָט ער געזאָגט. — אַזױ איז מײַן לעבען געװען, אָבער אױב איך האָב אפילו קײן אַנדער זאַך נישט געטאָן אױסער אַ שפּאַציר הינטער׳ן טױער, װײַל איך דאַרף נישט בלײַבען דאָ

ביי אייך, איהר אלטע, וועלכע זענען אזוי קלוג. איך וועל בעסער מאכען נאך א שפאצירגאנג הינטער'ן טויער און וועל אהן חרטה אנהויבען פון אנהויב אן אלעס, וואס איך האב שוין איבערגעלעבט, אויב דער טויט וועט מיך טרעפען אין וועג. און אויך מיט איהם וועל איך פרובען מיינע כחות: עס קען זיין, ער וועט מיינע קלעפ דערפיהלען, עס קען זיין, איך זיינע, אדער איך וועל איהם פערדעקען מיט מיין רויטער פאהן, אדער ער מיך מיט זיין שווארצער.

און זיך אומוועגדעניג האט ער זיך געלאזט פון דעם בערגעל אראב דורך פעלדער און שטעגען. די יונגע מיידליך, וועלכע זענען גע־שטאנען אין די גערטנער וואס ביים וועג, געבויגען איבער די הערבסטלי־כע בלומענבייטען, האבען פערווארפען דעם פארביינגעהער מיט שטערן־בלומען. א גרויסע רויטע בלום איז געבליבען הענגען אין זיינע גרייז־גרויע האהר, וועלכע האבען וויים געפלאטערט אין דעם ווינד.

ריכארד דעהמעל.

מיין טרינק-ליעד.

נאך א שעה, און ס׳ווערט שוין נאכט.
טרינקט, ס׳איז אויפ׳ן הארצען גוט;
וויין אהערצו, טרינקט!
זעהט, די זון, ווי רויט זי לאכט,
שכור פון איהר אייגען בלוט.
הויבט די גלעזער, זינגט!

זינגט מיר דאס ליעד פון טויט און פון לעבען
טייוולאנים, גלין-גלאן, הוליאליא!
זעהט ווי די צוויינען פערוועלקען דערנעבען.
אבער זיי האבען אונז טרויבען געגעבען.
העי!

נאך א שעה און ס׳ווערט שוין נאכט
אין בלאסען שטראם פליהט אום און שפרינגט
א רויטער פונק.
די רויטע לבנה איז ערוואכט,
זי קוקט איבער די בערג און ווינקט:
זון, חאפ א טרונק!

זינגט מיר דאס ליעד פון טויט און פון לעבען.
ס׳טויל עפענט! לאכט! ס׳קלינגט אפשר זינדליך.

קלינג=קלאנג , זינדליך ? ס'שאדט ניט, בלעבען,
טרינקען און לאכען קאן מען נור מינדליך !

האי !

נאך א שעה און ס'ווערט שוין נאכט .
שטעהט אויפ'ן שטראם א בריקעל=יאך ,
האך ! א הא=אך !
א רייטער קומט , דאס בריקעל קראכט ,
האט איהר געזעהן דעם רייטער נאך ?
דריי=מאל האך !

זינגט מיר דאס ליעד פון טויט און פון לעבען
טארא=טאם , שערבעלעך , טרי=לא=לא !
קלינג=קלאנג , נאך א גלאז , טרינקט, מיר שוועבען
איבער דעם נורנעם, אלטעגליכען לעבען

האה !

ריכארד דעהמעל.

דער גרויסער קארוסעל,

ס'איז אויבען דא א קארוסעל,
וואס דרעהט זיך טאג און נאכט,
ער דרעהט זיך ווי א חלום שנעל,
מען זעהט איהם ניט, ער איז צו העל.
פון לויטער ליכט געמאכט.

ער דרעהט די שטערן, — קוק זיך צו! —
אין גרויסען הימעל־רוים.
ער דרעהט די שטערענדלעך אהן רוה
און שפילט מוזיק, מוזיק דערצו,
גאנץ שטיל, מיר הערען קוים —
מיר הערען נור אין טרוים.

אין טרוים נור קען מען טענער הערען
פון ווייטען הימעל־שטעל.
ד'רום, קינד מיינס, טרוימסטו אזוי גערן.
מיר דרעהען זיך מיט אלע שטערן
און קיינמאל געהט ער ניט צו שנעל,
דער גרויסער קארוסעל.

אויף דעם שפּאַציר־גאַנג

גיואַ דע מאָפּאסאַן.

אויף דעם שפּאַציערגאַנג.

(ערצעהלונג).

דער בוכהאַלטער פונ'ם הויז לאַבוז עט קאָמפּאַניע איז אַרויסגעגאַנגען פון מאַגאַזין און האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף די שוועל פונ'ם הויז, פערבלענדעט פון דער שיין פון דער פאַרגעהענדער זון. ער פלעגט אַרבייטען דעם גאַנצען טאָג ביי דער בלויער שיין פון די גאַז-בעלייכטונג אין ווינקעל פונ'ם צימער, וועלכער האָט זיך געפונען הינטער דעם מאַגאַזין און איז אַרויסגעגאַנגען אויף אַ שמאָלען און אַ טיעפען הויף, ווי אַ ברונעם. דער צימער, אין וועלכען ער האָט שוין געאַרבייט פיערציג יאָהר, איז געווען אַזוי פינסטער, דאָס אַפילו אין סאַמע מיטען זומער פלעגט ברענען פייער פון עלף ביז צוויי, דריי אַ זייגער ביי־טאָג. דאָרט איז געווען זעהר נאַס און קאַלט; און די מיאַזמען וועלכע פלעגען אַרויסגעהן פונ'ם גראָבען פון ברונעם, וואוהין ס'פלעגט זיך עפענען דאָס פענסטער פונ'ם פינסטער'ן צימער, פלעגען איהם אָנפילען מיט נאַסקייט און שלעכטען ריח פון די מיסט גריבער. שוין פיערציג יאָהר אַז לערא פלעגט קומען יעדען טאָג אום אַכט אוהר אין דער פריה אין דיעזע פינסטערע טורמע, און ווי איין געוויסענהאַפטער פלייסיגער אַרבייטער פלעגט ער זיצען אין איהר איבער זיינע ביכער ביז זיבען אוהר אָווענד. ער פלעגט פערדיענען דריי טויזענד פראַנק אַ יאָהר, נאָר ער האָט אָנגעפאַנגען זיין שטעלע פון טויזענד פינף הונדערט. ער איז געווען אונפערהייראַטעט, דען זיין מאַטעריעלע לאַגע האָט איהם ניט ערלויבט צו הייראַטען. ער האָט קיינמאָל קיין זאַך ניט געזעהן, און דאַרום זענען זיינע בעדערפענישען אויך געווען קליינע.

אמת, אָפט ווען זיין איינפאַכע לאַנגווייליגע אַרבייט פלעגט איהם

זעהר דערעסען, פלעגט ער פלאטאָגיש פאנטאזירען: אָ, ווען איך וואלט געהאט פינף טויזענד פראנק יעהרליכע איינקונפט, וואלט איך געלעבט אין פיעל פערגניגען"! אין דער אמת'ן איז איהם קיינמאל ניט אויסגעקומען לעבען אין פערגניגען, דען ער האט געהאט נאר זיין מאָנאטליכען געהאלט. זיין לעבען איז אוועקגעשוואומען אהן געשעהענישען, אהן עמאָציאָן, כמעט אהן האפנונגען, זיין גאנצע ערהרענליעבע איז געווען אזוי בעגרענעצט, אז די נייגונג צו טרוימען, וועלכע איז איינגען יעדען מענשען, האט זיך קיינמאל ניט ענטוויקעלט ביי איהם. ער איז אנגעקומען צו לאָביוז'ן און זיין קאמפ., ער איז אלט געווען איין-און-צוואנציג יאהר און אזוי איז ער ביי איהם געבליבען. אין 1856 האט ער פערלאָרען זיין פאטער, אין יאהר 1859 — די מוטער. פון יענער צייט איז די איינצעלנע געשעהעניש אין זיין לעבען געווען די איבערבייטונג פון זיין וואוינונג אין 1868, וועלכע איז ארויסגערופען דורך דעם, וואס דער ווירט פון זיין הויז האט געהעכערט דעם פרייז אויף זיין פריהערדיגע וואוינונג.

יעדען פריהמאָרגען פלעגט ער אויפשפרונגען פון בעט אום זעקס אודער אין דער פריה פון דעם שרעקליכען קלונג פון וועקער. פונדעסטוועגען צוויי מאל אין 1866 און אין 1874 איז דער זייגער-וועקער קאליע געוואָרען און ער האט קיינמאל זיך ניט דערגאנגען פאראוים, ער פלעגט אויפשטעהן, אנטהון זיך, אויסקעהרען דעם צימער, אבווישען דעם שטויב פון פאטעל און פון קאמאד; דאס אלץ פלעגט ביי איהם געדויערען אנדערטהאלבען שטונדען. אזוי איז זיין גאנץ לעבען אוועקגעגאנגען אין א שמאלען און פינסטערן צימער, וועלכער איז געווען אויסגעקלעבט מיט איינע און דיזעלבע טאפעטען, ער איז אנגעקומען א יונגער אלס ברוימאנס געהילפס בוכהאלטער מיט דער פערבארגענער כונה איהם אם ענדע צו פערביטען. ער האט איהם פארביטען און ביי דעם איז ער געבליבען. איהם זענען געוועזן פרעמד אלע אונערווארטעטע געשעהענישען: אנגענעהמע אדער טראגישע, ליעבעס-צופעלען, העלדישע רייזען, מיט איינעם ווארט אלע צופאלע פון א פרייען לעבען און יענע רייכע צאהל ערהאינערונגען, וועלכע אנדערע מענשען קלייבען אויף אין פערלויף פון זייער לעבען. טעג, וואכען, מאנאטען, יאהרען זענען אוועקגעגאנגען איינער נאכ'ן צווייטען.

יעדען טאג פלעגט ער אין דיזעלבע שטונדע אויפשטעהן, ארויסגעהן, קומען אויף דעם ארט פון זיין שטעלע, פריהשטיקען, אוועקגעהן, מיטאגען, און לעגען זיך שלאפען און קיין זאך האט קיינמאל ניט גע-

שטערט די איינפאכקייט, די מאנאטאניגקייט פון זיינע טהאטען, מעשים און געדאנקען. אין די פריהערדיגע יאהרען פלעגט ער קוקען אויף זיינע בלאנדע וואנסען און געפלאכטענע האר אין קליינעם, קיילעכדיגען שפּיגעלע, וועלכעס דער פריהערדיגער בוכהאלטער האט איהם איבערגעלאזען. איצט פלעגט ער יעדען טאג קוקען אין זעלבען שפּיגעלע אויף זיינע וואנסען און הוילען קאפּ. ס'זענען פערשוואונדען געווארען פיערציג לאנגע און שנעלע יאהרען, אינהאלטלאזע ווי דער טרויעריגער טאג, און מאנאטאנע ווי די שטונדען פון א שלאפלאזע נאכט!

פיערציג יאהר, פון וועלכע ס'איז ניט געבליבען קיין זאך, ניט קיין ערינערונגען, אפילו קיין אומגליקען, אויסער דעם טויט פון זיינע עלטערן. אבסאלוט קיין זאך... איין לעערקייט.

און אזוי איז לעראַ געבליבען שטעהן אויף די שוועל, פערבלענדעט פון די שטראהלען פון דער פארגעהענדער זון און אנשטאט אומקעהרען צו זיך אהיים, האט ער געטראכט זיך א ביסעל דורכשפאציערען פאר מיטאג, וואס דאס פלעגט פאסירען מיט איהם פיער אדער פינף מאל אין יאהר.

ער איז אוועקגעגאנגען אויף די בולווארען, וואו אונטערן שאטען פון די גרינגעווארענע בוימער האט זיך געגאסען א גאנצער שטראם פון מענשען. דאס איז געוועזן א פריהלינגס אווענד, איינער פון יענע ערשטע ווארימע און צארטע אווענדען, וועלכע ערוועקען און טומלען די נשמה מיט זייער פער'שכור'נדע לעבענסלוסטיגקייט. לעראַ איז געגאנגען מיט זיין אונטערשפּרינגענדיגען גאנג, זיינע אויגען האבען פרעהליך געגלאנצט. ער איז געוועזן גליקליך מיט דער אלגעמיינער פרייד און מיט דער ווארימקייט פון דער לופט. ער איז צוגעגאנגען צו די יעליזעאישע פעלדער און, ערמונטערט פון דעם יוגענדליכען אטמען, וועלכעס האט זיך געטראגען אין דער לופט, איז ער געגאנגען ווייטער. דער הימעל איז געוועזן ארומגענומען מיט א פלאם און א טריאומפאלער געוועלבס־דורכגאנג האט אנגעצייכענט זיין פינסטערע מאסע אויף דעם העלען הימעלס־פאן, עהנליך אויף א ריז וועלכער שטעהט אונבעוועגליך אין מיטען דעם פייער ברונסט. ווען ער איז צוגעגאנגען נאהענט צו איין וואונדערבארען דענקמאל, האט דער אלטער בוכהאלטער דערפיהלט א הונגער און איז אוועקגעגאנגען אין נאהנטען וויינקעלער צו מיטאגען. מען האט איהם געגעבען קאלאספּיסלעך, סאלאט און ספּארזשא, לעראַ האט שוין לאנג אזוי געשמאק ניט געגעסען.

ער האט איינגעוויקעלט זיין קעז אין א פלעשיל בארדא, נאכהער האט ער אויסגעטרונקען א גלאז קאפע, וואס דאס פלעגט מיט איהם זעלטען זיין, פאסירען האט פארטרונקען מיט א בעכער שאמפאניער. ווען ער האט בעצאהלט, האט ער זיך געפיהלט מונטער, פרעהליך, זאגאר א ביסעל אויפגערעגט. — אט איז א שענער אווענד — האט ער זיך געטראכט. איך וועל ווייטער שפאצירען, ביז דעם בולאנישען וואלד. דאס וועט זיין זעהר ניצליך. ער איז אוועקגעגאנגען ווייטער. אין זיין קאפ האט זיך דורכאויס געדרעהט דער מאטיוו, וועלכער האט איהם אמאל געזונגען זיין חבר פון צימער: „דער וואלד איז גרין געווארען מיין ליעבער האט געזונגען: קום, טייערער, מיט מיר שפאצירען“. ער האט איהם געזונגען טויזענדער מאל, אלס אנהויבענדיג פון אנפאנג. אויף פאריז איז אנקומען א דונקעלע, הייסע, שטילע נאכט, לערא איז געגאנגען אין דער אלעע פון בולאנישען וואלד און האט געקוקט אויף די דורכפאהרענדע קארעטען. זיי פלעגען צופאהרען נאהנט איינע נאך די אנדערע מיט זייערע פייערדיגע אויגען. פאר לערא'ן פלעגען זיך דורכוועקסעדיג בעוויזען און פערשוואונדען די „פארליך“, וועלכע פלעגען זיך צודריקען איינער צום צווייטען, ביי דעם זענען די פרויען געווען געקליידעט אין העלען און די מאנספערזאנען אין שווארצען.

דאס איז געווען א לאנגע רייהע פון געליעבטע, וועלכע זענען געפאהרען אונטערן שטערענדיגען און ברענענדיגען הימעל. זיי פלעגען אלץ צוקומען נאך און נאך. זיי פלעגען פאהרען, פאהרען, שווייגענדיג צוגעדריקט איינער צום צווייטען, ווי פערטיעפט אין האלוציגאציאן, אין דעם טומעל פון די ברענענדיגע פערלאנגען, אין ציטער פון די נאהנטע אומארמונגען. די ווארעמע נאכט איז געווען אנגעזעטיגט מיט די קושען וועלכע האבען זיך געדרעהט און געציטערט אין דער לופט. א צארטע מיעדיגקייט האט אנגעפילט די לופט און האט איהם געמאכט נאך מעהר שטיקענד. די אלע מענשען, וועלכע זענען געווען פער'שכור'ט פון איין און דעמזעלבען ערווארטונג, האבען פערשפרייט אום זיך ווי איין פיעבער-טאק. דיזע קארעטען, וועלכע זענען געווען אנגעפילט מיט ליעבליכקייטען, האבען, דורכפאהרענדיג געלאזען הינטער זיך א צארטען, אויפרעגענדען, ציטערדיגען שריט.

לערא איז אם ענדע מיעד געווארען צו געהן און האט זיך אנידערגעזעצט אויף א בענקעל, בעטראכטענדיג די דורכפאהרענדע קארעטען, וועלכע זענען געווען ווי אנגעלאדען מיט ליעבע. אזוי גלייך האט זיך

עפּעס אַ פרוי צוגעזעצט נעבען איהם. — גוט מאָרגען, פריינד, — האָט זי געזאָגט. ער האָט געשוויגען. — ערלויבט אייך ליעבקאָזען, טייערער. איהר וועט זעהן ווי ליעב איך בין, — האָט זי ווייטער געזאָגט. — איהר האָט איין אירטום, פרוי, — האָט ער אַ זאָג געטהון. זי האָט איהם גענומען אונטער די האַנד — גענוג, מאַך זיך ניט פאַר קיין נאַר; הער זיך איין . . .

ער איז אויפגעשטאַנען און אַוועקגעגאַנגען; זיין האַרץ איז געוואָרען אויפגעדריקט. אויף הונדערט טריט ווייטער האָט איהם אָבגעשטעלט אַנ׳אַנדערע פרוי. — זעצט זיך נעבען מיר, מיין שענבילד! — וואָרום בעשעפטיגט איהר זיך מיט דיעזער פּראָפעסיע, — האָט ער געזאָגט אַנשטאָט אַנ׳ענטפער. זי איז אויפגעשטאַנען פאַר איהם און מיט אַ פערענדערטער, בייזער און הייזעריגער שטימע האָט זי אַ זאָג געטהון: — געחים ניט צוליעב דעם אייגענעם פערגניגען, זאָל דאָס האַפּען דער טייוועל! — וואָס צווינגט אייך דאָס צו טהון? האָט ער מיט אַ ווייכע שטימע געפרעגט. זי האָט אַ מורמעל געטהון: — מען דאַרף דאָך פון עפּעס לעבען! — און זי איז אַוועקגעגאַנגען, זינגענדיג עפּעס. לעראָ האָט גאָר ניט פערשטאַנען. אַנדערע פרויען, דורכגעהענדיג האָבען איהם גערופען, איינגעלאַדען. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז איבער זיין קאָפּ האָט זיך פערשפּרייט עפּעס שוואַרצעס, דריקענדעס. ער האָט זיך ווייטער געזעצט אויף אַ בענקעל. די קאַרעטען זענען ווייטער געלאָפען.

— אומזיסט בין איך געקומען אַהער, — האָט ער זיך געטראַכט, — אַט האָב איך זיך אויפגערעגט. ער האָט אָנגעהויבען טראַכטען וועגען געצאָהלטע און ליידענשאַפטליכע ליעבע, וועגען געצאָהלטע פרייוויליגע קושען וואָס אין אַ לאַנגע רייהע האָבען זיך בעוויזען און פערשוואונדען פאַרביי איהם. ליעבע! ער האָט זי ניט געוואוסט. אין דעם גאַנצען לעבען האָט ער געהאַט אינגאַנצען צוויי, דריי פרויענצימער און דאָס אויך צופעליג, ווי דורך אַ סורפּריז, אונערוואַרטעט, דען זיינע מיטלען האָבען איהם ניט ערלויבט קיין לוקסוס. ער האָט געטראַכט וועגען זיין לעבען, וואָס ס׳איז אַוועקגעגאַנגען אַזוי פערשיעדען פון דעם לעבען פון אַנדערע מענשען, וועגען זיין זעהר פינסטערען, פלאַכען, טרויעריגען און אינהאַלטסלאָזען לעבען. אַט זענען וועזען, וועלכע פעהלט אַבסאָלוט קיין זאַך ניט.

פלוצלונג האָט זיך פאַר איהם ווי דורכגעריסען די געדיכטע מאַסקע און ער האָט דערזעהן די אונאויסדריקליכע מאָנאָטאָניגקייט.

איינפאַכקייט און נישטווירדיגקייט פון זיין עקזיסטענץ: נישטווירדיגקייט אין פערגאַנגענהייט, נישטווירדיגקייט אין געגענוואַרט און נישטווירדיגקייט אין צוקונפט: די לעצטע טעג האָבען זיך מיט קיין זאַך ניט אונטערשיידעט פון די ערשטע, ניט פון פאָרענט און ניט הינטער איהם איז קיין זאַך ניט געוועזן, לעער אין דער פערגאַנגענהייט, לעער אין הארצען און לעער איבעראַל.

די רייהע פון די קאַרטען האָט ניט אויפגעהערט. יעדע מינוט פלעגען זיך פאַרביי איהם בעווייזען און פערשווינדען צוויי שווייגענדיגע וועזענס, אַרומגעהמענדיג זיך אין דער אָפענער קאַרטע; איהם האָט זיך געדאַכט אַז פאַר איהם איז דורכגעפאָהרען די גאַנצע מענשהייט, פערשכור׳ט פון פרייד, גליק און גענוס. און ער אַליין האָט געקוקט אויף איהר, איינינקער אַליין. און מאָרגען וועט ער זיין איינזאַם, און איבערמאָרגען און שטענדיג, שטענדיג איינזאַם און פערלאָזען, ווי קיינער.

ער איז אויפגעשטאַנען, אָבגעגאַנגען אייניגע טריט, און פלוצלונג האָט ער זיך אַראָבגעלאָזען אויף די נאָהנטע באַנק, ווי זייענדיג אָבגעמאַטערט נאָך אַ לאַנגער רייזע. אויף וואָס האָט ער געהאָפט? וואָס האָט ער ערוואַרט? קיין זאַך. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ס׳וואָלט געוועזן גוט אויף דער עלטער, אומקעהרענדיג זיך אַהיים, געפינען קליינע קינדער וועלכע פלוידערן אַלע נאַרישקייטען. ס׳איז אַנגענעהם, זיס אַלט צו ווערען, זיין אַרומגערינגעלט מיט דיזע וועזענס, וועלכע זענען אייך דאַנקבאַר מיט׳ן לעבען, וועלכע ליבען און ליבקאָזען אייך און ריידען אייך יענע נאַאיווע, גלענצענדע ווערטער, וועלכע ערוואַרמען די הערצער און טרייסטען אין יעדער צרה.

ער האָט זיך דערמאָהנט אָן זיין לעדיגען צימער, ריינעם און אומעטיגען, וואוהין קיינער, אויסער איהם פלעגט ניט אַריינגעהן, און זיין האַרץ האָט זיך אויפגעדריקט פון אַ אונאויסדריקליכען שמערץ. דיזער צימער האָט איהם אויסגעזעהן נאָך מעהר לאַנגווייליג און אומעטיג ווי זיין קאַנטאָר. קיינער איז אין איהם ניט אַריינגעגאַנגען, קיינער האָט אין איהם ניט גערעדט, ער איז געוועזן אַ טויטער, אַ שטומער, און איהם האָט ניט געקלונגען קיין מענשליכע שטימע. די ווענד פערבעהאַלטען אין זיך אַן׳אָבשטעמפלונג פון די מענשען, וועלכע וואוינען אין זיי, פון זייערע מאַניערען, געריכטער און ווערטער. די הייזער, וועלכע זענען בעוואוינט פון גליקליכע מענשען, זענען פרעהליכער פון די אָרמע

וואוינונגען. זיין צימער האט קיין ערגענדערונגען ניט געהאט, ווי זיין לעבען. איהם האט איבערגעשראָקען דער געדאנק וועגען די נויטווענדיגקייט זיך אליין אומקעהרען אהיים, אליין זיך לעגען אין בעט.

ווי וועלענדיג אוועקגעהן ווייטער פון דיזער אונאנגענעהמער וואוינונג און אבציהען די מינוט פון זיך אומקעהרען אהיים, איז ער אויפגעשטאנען, און איז אוועקגעגאנגען אין א זייטיגע אלעע, אריינגעגאנגען אין קליינע בוימלעך, אום צו אפרוהען אין דעם גראז. ארום זיך, איבער זיך, איבעראל האט ער געהערט א אונקלארען, גרויסען אונאויפהערליכען גערויש, וועלכער איז בעשטאנען פון פיעל פערשידענע קלאנגען, א פערטויבטער, נאהנטער און צוזאמען מיט דעם א ווייטער דונערן און קלאפען, א אונבעשטימטער, א גרויסער קלאפען פון לעבען, דעם אטעם פון פאריז, וועלכע האט געאטעמט ווי א גראנדיעזע לעבעדיגע בעשעפעניש.

. . . .

די זון איז געשטאנען זעהר הויך און האט אויסגעגאסען שטראמען ליכטיגקייט אויף דעם בולאנישען וואלד. ס'האבען אנגעהויבען בעוועגען זיך קארעטען און פרעהליכע קאוואלקארען. אין איין וויסטער אלעע איז זיך לאנגזאם געגאנגען א „פארל“. פלוצלונג, האט די פרוי, אויפהויבענדיג די אויגען, דערזעהן אין די צווייגען עפעס ברוינס.

ערשטוינט און אויפגערעגט האט זי אנגעוויזען אויף דעם מיט דער האנד. — קוק זיך איין, וואס דאס איז? פלוצלונג, א געשריי געבענדיג איז זי אנידערגעפאלען אויף די הענד פון איהר בעגלייטער, וועלכער האט איהר אוועקגעלעגט אויף די ערד. מען האט צוזאמענגערופען די וועכטער און זיי האבען אבגעציעפעט דעם אלטען, וועלכער האט געהאנגען אויף זיינע שלייקעס. ס'איז געוועזען אבגעשטימט, אז דער טויט איז פארגעקומען מיט א טאג פריהער, אווענד־צייט. נאך די פאפירען, וועלכע מען האט געפונען ביי דעם געשטארבענעם, איז מען דערגאנגען, אז ער איז געוועזען דער בוכהאלטער ביי לאביוז עט קאמפ. און אז ער האט געהייסען לערא. זיין טויט האט מען ערקלערט מיט א זעלבסט־מארד דורך אנ'אונבעוואוסטע אורזאכע. אפשר אין משוגעת־פאר־פאל?

איבערזעצט א. בירנבוים.

אין פריהלינג

גיואי דע מאפאסאן

[illegible]ן פריהלינג.

ווען עס קומען אן די ערשטע גוטע טעג. ווען די פון שלאף אויפגעוועקטע ערד הויבט אן ווידער גרין צו ווערען, א ווארעמער, שמעקענדער ווינטעלע לאשטשעט די הויט, דרינגט אין ברוסט אריין און דערפרישט דאס הארץ — דערוועקט זיך אנ'אונבעשטימטער פערלאנג נאך אונענדליכען גליק, א דורשט צום וואנדערן, געהן, וואו די אויגען וועלען פיהרען, זוכען צורשטרייאונג, זיך פערשיכורן מיט'ן פריהלינג.

און אזוי ווי דער לעצטער ווינטער איז געוועזען גרויזאם, האט דער דאזיגער פריהלינגס-דורשט נאך פערגיינגען מיר ארומגעכאפט אין מאי-מאנאט, ווי א פערשכורונג, ווי א שטורמיש-וואסער, וואס טרעט פון די ברעגען ארויס. אויפשטעהענדיג איינמאל אין א פריה-מארגען, האב איך אין פענסטער דערזעהן איבער די שכנישע הייזער א בלויען הימעל, איינגעטונקט אין זונען-שטראהלען. די פויגעלאך אין די שטייגען וועלכע זענען איבער די פענסטער געהאנגען האבען זייערע טרעליען געגאסען, די דינסטען אויף אללע עטאזשען האבען הויך געזונגען, א פרעהליכער גערויש האט זיך פון גאס געהערט און איך בין ארויסגעגאנגען מיט א צויבער אין הארצען, זיך לאזענדיג געהן, ניט וויסענדיג וואוהין. די דורכגעהער האבען געשמייכעלט, די לופט האט מיט גליק געאטהעמט אין דעם ווארעמען שיין פון דעם צוריקגעקומענעם פריהלינג. עס האט זיך גערוכט, אז איבערן שטאדט האט זיך דער אטהעם פון ליעבע פער-שפרייט. די יונגע פרויען, וועלכע פלעגען פערבייגעהן אין מארגען-קליי-דער, מיט פערבארגענע צערטליכקייט אין די בליקען, און מיט א חייכע גראציע אין גאנג, האבען מיין הארץ מיט אויפרעגונג אנגעפילט...

ניט וויסענדיג ווי אזוי און צוליעב וואס, בין איך געקומען צו רער סענא. די דאמפף-שיפען האבען זיך געצויגען צו סורעסען און ביי מיר

האָט זיך פּלוצלונג דערהערט א אונבּעגרענעצטער פערלאַנג זיך אַוועקלאָזען אין די וועלדער. דער רעק פון דער „פליען“ איז פערפּלייצט געוועזען מיט פּאַסאַזשירען. די ערשטע זון שלעפּט אַרויס אויף׳ן גאַס געגען דעם ווילען. אַלע בּעוועגען זיך, געהען הין און צוריק, רעדען מיט שכנים.

איך האָבּ דאָס מאָל געהאַט א שכנה; וואַהרשיינליך עפּעס א שניידערין מיט אַ׳נעכט פּאַריזער גראַציע, א צוויבּער־פול בּלאָנד־קעפּעלע מיט לאָקען אויף די שלייפען. איהרע האָהר, עהנליך צו ציטערענדע שטראַהלען, האָבּען זיך אַראָבּגעלאָזען איבּער די אויערן, זיך צוואַוואָרפען איבּער די אַקסלען, געטאַנצט אין דער לופט און נידעריגער האָבּען זיי זיך פערוואַנדעלט אין אַזאַ דינעם, לייכטען, לויכטענדען פוך, וועלכער איז קוים בּעמערקבּאַר, נור וואָס רופט אַרויס א אונבּעשטרייטבּארען פערלאַנג צו בּעדעקען איהם מיט קושען. דערפיהלענדיג מיין עקשנותדיגען בּליק, האָט זי דעם קאָפּ צו מיר אומגעדרהט, דערנאָך פּלוצלונג די אויגען אַראָבּגעלאָזען, נור א לייכטער קנייטש, ווי א שמייכעל, וואָס דאַרף בּאַלד געבּאָרען ווערען, האָט פערטיעפט די ווינקלען פון איהרע ליפּען און אויך דאָרט פאַר מיר ענטפלעקט א זיידענעם פוך, לייכט בּענאַלדעט פון דער זון.

דער שטילער טייך איז בּרייטער געוואָרען, א וואַרעמער פריעדען האָט אין דער לופט געהערשט און עס איז דוכט זיך געווען אָנגעפיהלט מיט א ליעבּעס־מורמלען. מיין שכנה האָט איהרע אויגען אויפגעהויבּען און ווייל איך האָבּ נאָך אַלץ געקוקט אויף איהר, האָט זי ענטשלאָסען געשמייכעלט. זי איז ריזונדערשעהן געווען. אין איהר לויפענדען בּליק האָבּ איך טויזענדער זאַכען ענדעקט; טויזענדער זאַכען, וועלכע זענען מיר בּיז איצט אונבּעקאַנט געווען. איך האָבּ דערזעהן אונדערגרייכבּאַרע טיעפעניששען, דעם גאַנצען צויבּער פון צערטליכטייט, די פולע פּאָעזיע, וועגען וועלכער מיר טרוימען. דאָס פולע גליק, וואָס מיר זוכען אונענדליך. און מיך האָט אַרומגעכאַפּט א ווילדער פערלאַנג, איינשליסען איהר אין מיינע אָרמעס, אַוועקטראָגען זי וואו עס איז און שעפּטשען איהר די זיסע מוזיק פון ליעבּעס ווערטער.

איך האָבּ שוין געעפענט דאָס מויל, גרייט צום רעדען, ווען עמיץ האָט מיין שולטער בּעריהרט. איך האָבּ זיך אומגעקוקט א פערוואונדערטער, און כ׳האָבּ דערזעהן א מענשען פון געוועהנליכען אויסזעהן, ניט אַלט ניט יונג, מיט טרויער קוקענדיג אויף מיר.

— איך וויל מיט אייך עפעס רעדען, — האט ער געזאגט.

איך האב געמאכט א אונצופריעדענע מינע, וועלכע ער האט מאהרשיינליך בעמערקט, וויל ער האט צוגעגעבען:

— דאס איז וויכטיג.

איך האב זיך אויפגעהויבען און נאכגעפאלגט איהם אויפן צווייטען עק שיף.

— מיין הער, האט ער אנגעפאנגען, ווען עס דערנעהענטערט זיך דער ווינטער מיט זיינע קעלטען, רעגענס און שנעע — ווי דער־האלט אייך אייער דאקטאר יעדען טאג: „האלט די פיס אין ווארימקייט, היט זיך פאר צוקיהלונג, קאטאר, בראנכיט, פלעווריט". און איהר נעמט אן פערשיעדענע פערזיכערונגס־מיטלען, איהר טראגט לייב־יאקען, ווארעמע פוטערס, דיקע קאמאשען, וואס עס שטערט אייך ניט איי־גענטליך צופערברענגען א חודש צוויי אין בעט. נור ווען עס קעהרט זיך צוריק דער פריהלינג, מיט זיין גרינס און בלומען, ווארימע צערט־ליכע ווינטען און מיט זיי די פעלד־דופט, וואס ברענגט א אונ־בעשטימטע אויפרעגונג און פערשלירונג אהן קיין שום אורזאכע, וועט אייך קיינער ניט קומען זאגען:

— מיין הער, היט זיך פאר די ליעבע! זי פערשפרייט אומעדום איהרע נעצען, זי לויערט אויף אייך אין אלע ווינקעלעך, איהר חיטרע־קייט איז אנגעשטרענגט, איהר געוועהר איז געשליפען, איהרע פאלש־קייטען זענען פארבערייטעט! היט זיך פאר די ליעבע!... זי איז גע־פעהרליכער פון א קאטער, בראנכיט און פלעווריט! זי ווייס ניט פון מיטלייד און צווינגט אלעמען צו מאכען אונפערמיידליכע נארישקייטען, יא, מיין הער, איך זאג, דאס דער שטאאט האט געברויכט יעדען יאהר אויסהענגען אויף די ווענד גרויסע אפישען: „דאס צוריקקעהרונג פון פריהלינג. פראנצויזישע בירגער, היט זיך פאר ליעבע", אזוי ווי צום ביישפיעל, מען שרייבט אויף די טיהרען: „היט זיך פארב". נור אזוי ווי דער שטאאט טהוט עס ניט וועל איך איהם פערבייטען און זאג אייך:

„היט זיך פאר די ליעבע, זי איז גרייט אייך צו פאנגען. איך בין פערפליכטעט צו מאכען אייך די התרעה, ווי מען פערהיט אין רוסלאנד פארבייגעהער, ביי וועלכען עס פריהרט דער נאז".

איך בין געזעסען א צוטומעלטער געגענאיבער דעם דאזיגען מאר־נעם מענשען און כ'האב געענטפערט פול מיט זעלבסט־ווירדע:

„דאָך, מײַן הער, געפֿין איך, אַז איהר מישט זיך ניט אין אײַער זאַך".

ער האָט געמאַכט אַ האַסטיגע בעוועגונג.

— „אָ, מײַן הער, מײַן הער, האָט ער אויסגעשריען, ווען איך זעה אַז אַ מענש טרינקט זיך אין אַ געפֿעהרליכען אָרט, צו דען דאַרף איך איהם לאָזען אונטערגעהן? אָט הערט אויס מײַן געשיכטע און איהר וועט פֿערשטעהן פֿאַרוואָס איך האָב געוואַגט אַזוי צו רעדען.

עס איז געוועזען פֿאָריגעס יאָהר און אין דערזעלבער צײַט, איך דאַרף אײַך זאָגען, מײַן הער, דאָס איך בין אַ בעאַמטער אין ים-מיניסטעריום, וואו אונזערע בעפֿאָלמעכטיגע און קאָמיסאַרען האַלטען שטאַרק פֿון דאָס רעכט, אַ דאַנק זײַערע שליפֿעס און סולטאַנען, זיך בעגעהן מיט אונז, ווי מיט געוועהנליכע מאַט־אָסען.

אַך, ווען אַלע קאָמיסאַרען וואָלטען זײַן ציוויל בעאַמטע! נור גענוג וועגען דעם, איך האָב געזעהן פֿון מײַן קאַנטאָר אַ שטיקעל בלויען הימעל, וואו עס פֿלעגען שוואַלבען פֿליהען און עס האָט זיך בײַ מיר פּלוצלונג דערוועקט אַ פֿערלאַנג צו טאַנצען צווישען די קאַנטאָר-סטענדערס. מײַן דורשט נאָך פֿרײַהייט האָט דערגרײַכט צו אַזאַ שטופֿע, דאָס בעקעמפֿפֿענדיג מײַן עקעל האָב איך זיך געווענדעט צו אונזער „אָפּפּע". דאָס איז געווען אַ קלײַנינקער, מיאוסער מענשעלע, אַ שטענדיג צאָרניגער. איך האָב געזאָגט, אַז כ'בין קראַנק. ער האָט מיר אַרײַנגעקוקט אין געזיכט און אויסגעשריען:

„איך גלויב אײַך דאָס גאָרניט, מײַן הער, נור דאָך געהט. דענקט איהר דען, אַז די קאַנטאָר קען פֿאָרשריטע מאַכען מיט אַ זעלכע בעאַמטע"? און איך בין אַרויסגעלאָפֿען און געקומען צו דער סענאַ. די לופֿט איז געווען ווי הײַנט. איך האָב זיך געזעצט אויף דער „פֿליעג" אום זיך צו פֿערשיפֿען צו סען-קלו.

אַך, מײַן הער, ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען מײַן פּאַטראָן זאָל ענטזאָגען מײַן ביטטע! מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז איך ווער ניי געבאָרען אונטער די זונען-שטראַהלען. איך האָב אַלץ געליעבט — דאָס שיף, דעם טײַך, די בוימער, הײַזער, מײַנע שכנים, אַלס! איך האָב געוואָלט עפּעס קושען, ס'מאַכט ניט אויס וואָס: דאָס האָט די ליעבע איהרע נעצען פֿערשפּרייט. פּלוצלונג, אין טראָקאַדעראָ איז אויפֿגעשטיגען אַ יונגע מיידעל מיט אַ פּעקעלע אין האַנד און זיך געזעצט געגענאיבער מיר. זי איז שעהן געווען. יאָ, מײַן הער, נאָר וואונדער-

באר, זי פרויען זענען שענער אין א גוט וועטער, אין אנפאנג פריהלינג; זיי בעזיצען עפעס פערשכורענעס, צויבערליכעס, עפעס אונאויסדריקליכעס און אייגענארטיגעס. דאס איז ווײן, וועלכען די טרינקסט נאך קען. איך האב געקוקט אויף איהר. זי האט מיר אויך צייטענווייז צוגעווארפען א בליק, אט ווי ווי אייערע און אזוי ווי מיר האבען שוין גענוג לאנג געקוקט איינער אויפ'ן צווייטען, האב איך זיך שוין געפונען בערעכטיגט צו אנפאנגען א געשפרעך. זי איז געוועזן א ליעבליכע און האט מיך פערשכורט, מיין העדר!

אין סען־קלו איז זי אויסגעשטיגען און איך האב איהר נאכגעפאלגט. זי האט געדארפט אפטראגען א בעשטעלונג און ווען זי האט זיך צוריקגעקעהרט, איז שוין די שיף אפגעפאהרען. איך בין געגאנגען זייט ביי זייט מיט איהר. די לופטווארעמקייט האט ארויסגערופען זיפצען ביי אונז ביידען.

„גוט איז איצט אין וואלד", האב איך געזאגט.

— „יא"!

— „פילייכט וואלטען מיר זיך דורכגעפאהרען דארט שפאצירען — ווילט איהר, מאדעמואזעל?"

זי האט מיך בעטראכט פון אונטערן שטערען, דרינגליך, אבער שאצענדיג טיף און נאך א קליינעם ישוב־הדעת האט זי איינגעשטימט. און אט האבען מיר שפאצירט זייט ביי זייט צווישען בוימער. אונטער די בוימער־בלעטער, נאך שיטערע, איז דאס העל־גרינע, געדיכטע גראז בעגאסען געוועזן מיט זונען־שטראהלען און פול מיט קלייניניקע פליגעליך, וועלכע האבען זיך אויך געליעבט. אומעטום האט זיך א פויגעל־געזאנג געהערט. מיין נאכבארין, פערשכורט פון לופט און פונ'ם ערדאטהעם, האט אנגעהויבען לויפען, שפרינגען און איך — נאך איהר; אין מען נאריש צייטענווייז, מיין העדר. אין איינינע פעלען! נאכדעם אין זעלבסטפערגעסונג האט זי אנגעהויבען טויזענדער זאכען — אריען פון אפערען, דאס ליעדעלע פון מיוזעטא! מיוזעטאס ליעדעלע, ווי פאעטיש עס האט מיר דאן אויסגעוויזען! איך האב געוויינט...

אך, נור מיט אזעלכע קלייניגקייטען פערדרעהען זיי אונז דעם קאפ! הייראטעט ניט, גלויבט מיר, א מיידעל, וועלכע זינגט שפאצירענדיג, און ווען זי זינגט נאך מיוזעטאס ליעדעלע!

זי איז שנעל מיעד געווארען און זיך אויפ'ן גראז אראבגעלאזען און איך האב זיך געזעצט נעבען איהרע פיס און איהרע הענד אנגע-

גרייפען ! די דאזיגע קליינינקע הענדטעליך, צושטאכענע פון נאדלען האבען מיר אין התפעלות געבראכט : „אט דאס זענען די היילינגע צייכענס פון ארבייט". א, מיין הערר, מיין הערר, ווייסט איהר וואס עס בעדייטען די דאזיגע היילינגע צייכענס ? זיי דערצעהלען אייך פון רכילות־טרייבערייי ביים ווערקשטאט, פון מיאוסע מעשהליך, וועלכע ווערען איבערגעגעבען שעפטשענדיג פון איינעם צום צווייטען, פון א פערשטאנד, וואס איז פערשמוצט מיט די אלע פאלשקייטען, פון פערלארענע ריינקייט, פון דער נארישקייט פון זייער פלאפלערייי, פון דער אונווירדיגקייט פון די אלטעגליכע געוועהנהייטען, פון דער געדאנקענטעמפקייט, דער איינגענשאפט פון פראסטע פרויען, פון דעם אלעם, וואס האט זיך בעפעסטיגט אין די יעניגע, וואס טראגען אויף די שפיצען פינגער די היילינגע צייכענס פון ארבייט".

נאכדעם האבען מיר לאנג געקוקט איינער דעם צווייטען אין די אויגען, אך ! דער דאזיגער בליק פון א פרוי ! ס'ארא מאכט ער בעזיצט ! ווי ער פערשעהמט, רעגט אויף, פערשלינגט און פערשקלאפט ! ווי טיעף ער איז, פול מיט פערשפרעכונגען און אונענדליכקייט ! דאס הייסט — אין דער נשמה קוקען ! א, מיין הערר, ס'ארא ליגען ! ווען מען זאל קענען אין דער נשמה קוקען, וואלטען מענשען פיעל קליגער געווען, ווי איהר ווילט זיך ! ענדליך בין איך געפאנגען געווארען. איך בין געווארען ווילד. כ'האב איהר געוואלט ארומנעהמען, זי האט געזאגט : „נעהמט אראפ די הענד". דאן האב איך זיך פאר איהר אויף די קניה אראבגעלאזען און מיין הארץ געעפענט ; איך האב צו איהרע פיס מיין גאנצע ליעבע אויסגעגאסען, וועלכע האט מיך געשטיקט, איהר, האט ווי ס'ווייזט אויס, פערוואונדערט די ענדערונג אין מיין בענעהמען זיך און האט זייטיג א קוק געגעבען אויף מיר, ווי געזאגט : „אט אזוי, הייסט עס, קען מען זיך שפיעלען מיט דיר, מיין ליעבער ! נו גוט, מיר וועלען זעהן".

— אין ליעבע, מיין הערר, איז דער מאן שטענדיג נאאיוו און די פרוי א קאמערסאנטין".

„איך האב פערשטעהטזיך, איהר דאן געקענט בעזיצען, שפעטער האב איך מיין נארישקייט בעגריפען. נאר איך האב ניט געזוכט קיין קערפער, איך האב געזוכט צערטליכקייט, א אידעאל. איך האב גערעדט וועגען געפיהלען דאן, ווען איך האב בעסער געקענט אויסנוצען די צייט".

„זיך אָנזעטענדיג מיט מיינע ערקלערונגען איז זי אויפגעשטאַנען, און מיר האָבען זיך צוריקגעקעהרט נאָך סען־קלו. איך האָב זיך מיט איהר געשיידעט אין פּאַריז. זי איז געוועזען אַזוי טרויעריג, צוריקגעהענדיג, אַז איך האָב איהר וועגען דעם געפרעגט. זי האָט געענטפערט:

— „איך קלער וועגען דעם, אַז אַזעלכע טעג זענען זעהר וועניג אין לעבען״!

מיין הארץ האָט געקלאַפּט, וועלענדיג אַרויסשפּרינגען פון ברוסט.

איך האָב זיך ווידער טיט איהר געזעהן דעם נעכסטען זונטאָג, אויך דעם צווייטען זונטאָג און אַזוי אַלע זונטאָג־טעג. איך האָב איהר געפיהרט אין בושיוואַל, סען־זשערמען, מעזאָנ־לאַפיט, פּואַססי; אַרגעדום, וואו עס צושפּילען זיך די אָרטיגע ליעבעס־געשיכטען.

זי ווידער האָט זיך פאַרגעשטעלט, גלייך זי איז בעהערשט פון ליידענשאַפט.

ענדליך האָב איך אין גאַנצען דעם קאָפּ פערלאָרען און נאָך דריי חדשים האָב איך מיט איהר געהייראַטעט!

וואָס איהר ווילט זיך, מיין הערר, איך בין געוועזען אַ בעאַמטער, אָהן אַ פאַמיליע, אַ איינזאַמער, ניט האָבענדיג מיט וועמען זיך צו בעראַטהען! אין אַזאַ לאַגע, זאָגט מען זיך, אַז די פרוי, פערזיסט דאָס לעבען. און מען הייראַטעט איהר!

דאַן קריגט זי זיך מיט מיר פון פריהמאָרגען ביז צום אָווענד, עס הייזט זיך אַרויס, אַז זי פערשטעהט נאָרניט, ווייס גאָרניט, פּלאַפּעלט אָהן אויפהער, זינגט מיט׳ן גאַנצען האַלז מיוזעטאַס ליעדעל. (אַ דאָס ליעדעל, ס׳אַראַ אונגליק) זידעלט זיך מיט׳ן קוילען־טרעגער, דערציעהלט דער בעל־הבית׳טע די דעטאַלען פון אַייער הויז־ווירטשאַפט מאַכט בעקאַנט די שכני׳שע דיענסט מיט די געהיימניסען פון אַייער שאַפע, בעשמוצט איהר מאַן פאַר די הענדלער, און איהר קאָפּ איז אָנגעשטאָפּט מיט אַזעלכע נאַרישע געשיכטען, מיט אַזעלכע אידיאָטישע איבערציינגונגען, מיט אַזעלכע מאָדנע מיינונגען און נאַרישען אָבערגלויבען, דאָס איך בין בערייט צום וויינען, מיין הער, פון אומעט, יעדען מאָל, ווען איך רעד מיט איהר״.

ער איז ענטשוויגען געוואָרען, שווער אָטהעמענדיג און אויפגערעגט. איך האָב געקוקט אויף איהם פול מיטלייד צו דעם דאָזיגען נאַאיוען, אָרימען מענשען און געוואָלט איהם עפּעס ענטפערן,

ווען די דאמפף־שיף איז שטעהן געבליבען. געקומען אין סען־קלו. די קליינינקע פרוי, וואס האט מיר אויפגערעגט, האט זיך אויפגעהויבען אום אויסצושטייגען. זי איז דורכגעגאנגען פארביי מיר, צוווארפענדיג א זייטיגען בליק מיט א לויפיגען שמייכעלע, איינעם פון יענע שמייכלען, וועלכע מאכען אייך וואהנזיניג; און זי איז אויפגעשפרונגען אויפ'ן בריקעל. איך בין איהר נאכגעלאפען, נור מיין שכן האט מיר אנגעריפען פאר'ן ארבעל. איך האב מיך בעפרייט מיט א האסטיגע בעוועגונג. ער האט אנגעכאפט די פאלדען פון מיין ראק און געשלעפט מיך צוריק, ווידערהאלענדיג: — „איהר וועט ניט געהן! איהר וועט ניט געהן! און מיט אזא הויכע שטימע, אז אלע האבען זיך אומגעקוקט. א געלעכטער האט זיך דערהערט נעבען אונז און איך בין שטעהן געבליבען, א צארניגער, נור מורא האבענדיג פאר א געלעכטער און סקאנדאל. און די שיף איז ווייטער געגאנגען. די קליינינקע פרוי איז געשטאנען אויפ'ן בריקעל, געקוקט ווי איך דערווייטער זיך, מיט אנ'ענטטוישטען בליק, אין דער זעלבער צייט, ווען מיין פערפאלגער האט מיר געבלאזען אין אויער, רייבענדיג די הענד:

איך האב אייך גערעטעט פון געפאהר, מיין הערר, ווי איהר ווילט זיך".

איבערזעצט פון פ. אלעקסאנדראוויטש

וויקטאָר הוגא.

די רויז און דער קבר.

איינמאָל האָט דער קבר ביי דער רויז געפרעגט:
„וואו האָסטו די בלישטשענדע טרעהרען פערשטעקט,
וועלכע ס'שענקט דיר דער הימעל יעדען פריהמאָרגען?“
נור די רויז האָט דעם קבר געענטפערט געקרענקט:
„זאָג, מיר וואו האָסטו די אַלע פערבאָרגען,
וועלכע דער טויט האָט דיר אויף אייביג געשענקט?“

אָ, פינסטערער קבר! פּיט שיין פון די שטערען,
אין שוויינענדען שאָטען פון די דאָזיגע טרעהרען
ווערט געבאָרען דער שמראָם פון מיין דופט דורך דער נאַכט.
„אַ נאַרישעס בלימעל!“ — האָט דער קבר געזאָגט:
פון יעדער נשמה, וואָס דער טויט האָט פעריאָגט,
האָב איך אַ הימלישען מלאך געמאַכט.“

* *

*

מיט האַרמאָניע און פינסטערניש איז דער בייזער
וואלד בעוואַכט.
דער וואַנדערער ער שרעקט זיך פאַר דער שטיל-
קייט פון דער נאַכט.
מוטהיג זינגט ער; זאַנפטע טענער קלינגען.
אַלץ וואָס האָט מורא זאָל זינגען.

אַ מיִעדער פון קאַמפף נעגען שטורמיִשען וואַל
שלאָפט רוהיִג דער שוויִמער; עס הערשט איִבעראַל
אַ מיִעדע שטיִלקייט, דער וואַל איִז ענטלאָפען.
אַלץ וואָס מיִעד איִז זאָל שלאָפען.

עס טרוימט וועגען גליִק דער ליידענדער קנעכט,
ער וויינט און ער זיִפצט, פערלאַנגענדיִג רעכט.
ער טראַכט: זיין געבעט האָט צו גאָט גלייך געטראָפען.
אַלץ וואָס עס ליידעט זאָל האָפען.

איִבערזעצט פ. אַלעקסאַנדראָוויִטש.

אַנאָנימיסטער נאָכשלעגער

שרה רייזען.

אַנ'אומזיסטער נאַכטלעגער.

(סקיצע).

בעשליסען צו געהן אהיים האט זי נישט געקענט: זי איז גע־חען זיכער, אַז די בעל־הבית'טע שלאָפט נאָך נישט און זיצט אין דאָרט אויף איהר קומען. וואס פאר אַ תירוץ וועט זי איהר היינט זאָ־גען, אַז אין דער פריה, אוועקגעהענדיג פון דער היים, האט זי איהר אַלי פעסט צוגעזאָגט ברענגען געלד?

זי וואָלט שוין אפשר געפונען אַ תירוץ, ווי ס'זאָגט, נאָך אַ תירוץ דאַרף מען אין וואלד נישט געהען, אָבער ווי נעהמט מען עזות ארויסצוזאָגען דער בעל־הבית'טע אַז זי זאָל ווידער גלויבען, ניין, זי קען עס נישט. אַ חודש נאָכאַנאַנד האט זי איהר גע־זאָגט אַלץ תרוצים און איצט האט זי שוין אין זיך ניט געפונען קיין עזות!

אָבער וואוהין זאָל זי פאָרט געהן נעכטיגען? אַ וואונדערבאַרע זאַך זינד זי האט ניט געהאט קיין ארבייט, און האט געדאַרפט לע־בען פון די געליהענע קליין־געלד. איז עפעס איהר גאַנצער „איך", ווי צוברעקעלט געוואָרען און זי האט אינגאַנצען פערלאָרען איהר דרייסטקייט.

און איצט, געהענדיג איבער דער גרויסער שלאָפענדיגער שטאָדט, האט זי עפעס דערפיהלט אזא מין עלענד, גלייך ווי זי וואָלט ארויס־געקומען פון די שטיינער פון ברוק.

אָבער וואָהין זאָל זי פאָרט געהען נעכטיגען?

„צו ליזען? — ניין!"

„צו עמען? זי בעציהט זיך צו איהר זעהר גוט, אָבער זי וועט

זיך קאָמפּראָמיטירען פאַר עמעס עלטערן, וועלכע מיינען, אַז זי ברענגט די רעוואָלוציאָן — און זי וויל אַוועקגעהן ווייטער.

עס ווערט שפּעט. די גאַסען זענען פּוסט, און די גאַנצע שטאָדט פערוויקעלט מיט חוואַליעס פינסטערניש, רוהט נאָכ'ן טאָג, ווי דער ים נאָכ'ן שטורם.

און געהענדיג איבער די לערע גאַסען, אַליין און ניט וויסענדיג וואָהין צו געהן, און צו קומען, וואַקסט אויס אַ פערצווייפלונג, און די הויכע מויערן מיט די פעסט פערשפּאַרטע טהירען און טויערן, מאַכען נאָך שרעקליכער די פערצווייפלונג און טיעפער די עלענד.

זי האָט אַ סך בעקאַנטע, דאָך געפינט זי אין זיך נישט קיין דרייסטקייט אַנצוקלאַפּען צו איינעם פון זיי. זי ווערט אויף זיך אַליין בייז פאַר איהר שוואַכקייט און בעשליסט צו געהן צו עמען, צו דער רייכער עמען, און זאָלען חאָטש זיך איהרע עלטערן דערשרעקען און מיינען, אַז עס קלאַפּען צו זיי אין טהיר די רעוואָלוציאָנערען פון אַלע לענדער, אָבער זי קאָן מעהר ניט אַרומגעהן איבער די לערע גאַסען.

דערווייל ווערט אויסגעלאָשען די עלעקטריע, און אַ שוואַרצע נאַכט בעדעקט די שטאָרט, ווייט אין הימעל לייכטען שטערען, אָבער זיי לייכטען איהם און פאַר איהם, און מיט ניט זיכערע טריט לאָזט זי זיך געהן ווייטער.

אויפ'ן ראָג גאַס שטעהט דער סטאָיקאָווער. און באַלד פליהט איהר דורך אין קאָפּ, אַז זי וועט צוגעהן צו איהם און וועט איהם בעטען ער זאָל זי אָבפיהרען אין צירקעל, אָבער באַלד דערשרעקט זי זיך פאַר דעם ראָזיגען אונזיניגען געדאַנק — מיט דעם אייגענעם ווילען אין טורמע.

אָבער ווען זי שטעהט לאַנג בייַ דעם טויער פון דעם הויכען שטרענגען מויער, וואו עס וואוינט איהר רייכע חבר'טע עמע, און זי וויל אַנקלאַפּען, פערלירט זי אַזוי פיעל איהר מוט און דרייסטקייט, אַז איהר נעהמט זיך דאַכטען, אַז ס'וואָלט שוין פיליַיכט גלייכער גע-חען צו בעטען דעם סטאָיקאָווע זי אָבפיהרען אין צירקעל, אָדער זאָל זי געהן אַהיים, ס'איז שוין אַזוי שפּעט, און אפשר שלאָפט שוין די בעל-הבית'טע, אָבער וואָס וועט זי איהר זאָגען מאָרגען פריה?

און אין טיעפער פערצווייפלונג בלייבט זי שטעהן אויפ'ן מיטען טראָטואַר. וואָהין זאָל זי געהן?

פערבײַ איהר איז דורכגעגאַנגען אַן׳אָפיציר, און דורך זײַנע פּעסטע, זיכערע טריט האָבען הילכיג געקלונגען זײַנע שפּאָרען, בעפּערקענדיג, ווי זי שטעהט אומבעוועגליך גלײַך, ווי זי וואַרט אויף דאָם, האָט ער זי געגעבען אַ ציה פאַר׳ן האַנד — „קום״, האָט ער געזאָגט הויך און בעפעהלענד.

און ווי אַ בליץ פליהט איהר דורך אַ געדאַנק אַז, ווען זי געהט צוזאַמען מיט דעם דאָזיגען שלאַנקען אָפיציר, וועט דאָס זײַן אַ שטאַרקע נקמה, מיט דעם וועט זי זיך נוקם זײַן אָן אַלע איהרע בעקאַנטע, אָן דער גאַנצער רוהיג שלאָפענדיגער שטאָדט, וואָס האָט מהיר און טויער פון איהר פערשפּאַרט, זי וועט אפילו נעהמען נקמה פון זיך אַליין, וואָס זי איז געוואָרען אַזוי שוואַך, און ניט דרייסט און פערלאָרען.

אָבער, אַז דער אָפיציר פרעגט, וואָס איז זי עפּעס אַזוי פערטראַכט, אַזוי אומעטיג, אַז עס פּאַסט גאָרניט פאַר „אירינע״, אַז זי איז נאָך קענטיג ניט לאַנג אָנגעקומען, נאָר איהם געפעהלט דאָס נאָך בעסער, אַז אַ גלעזיל וויין וועט זי מאַכען פרעהליך, אַז...

ער האָט גערעדט גאַנץ שטיל, אָבער יעדער וואָרט האָט איהר געקלאַפּט אין קאָפּ, ווי אַ האַרמאַט.

און מיט אַ שטים פון אַ מענשען, וואָס שטעהט פאַר׳ן טיעפען אָבגרונד, וועלכער וויל איהם אײַנשלונגען האָט זי געגעבען אַ געשרײַ:

— גראַדאָוואָי!!!

„זי איז אַ משוגענע״, האָט זיך דערשראָקען דער אָפיציר, האָט זי געגעבען אַ שטאַרקען שטויס פון זיך און איז שנעל אַוועקגעגאַנגען קלינגענדיג הילכיג מיט די שפּאָרען.

ווען דער סטאַיקאָוער איז צוגעגאַנגען איז זי געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן דעם טעלעגראַפישען סלופּ און האָט איסטעריש געוויינט.

דערזעהענדיג זי אין אַזאַ פּאָזע, איז דעם סטאַיקאָווע געוואָרען פערדעכטיג און גראָב און רגזה׳דיג האָט ער געזאָגט;

— עי, וואָס שרעקסטו מענשען אין די גאַסען?

— ער דוקעט זי, אַך וויפיעל ערגנידערונג... זי מוז ענטלויפען, וואָהין — מאַכט איהר שוין ניט אויס חאָטש אויפ׳ן דעק פון מײַך!

וואָהין לױפסטו, פֿערשטעלט איהר דעם װעג דער סטאַיקאָװער, װעלכען זי קומט אױס מיט יעדער מינוט פֿערדעכטיגער.

ענטװערן איהם, אַז ער דוקעט זי קען זי נישט. זי האָט פֿאַר איהם נישט אַ פּאַסענדען װאָרט, װאָס זאָל איהם בעצאָהלען פֿאַר דער בעלײדיגונג.

מיט דעם, װאָס זי װעט אידם אָנרופען מושיק, חאַם, װעט זי איהם דען בעצאָהלען? װי די שטילע נאַכט שװײַגט זי, דאַמאָלסט גיט דער סטאַיקאָװער אַ פֿײַף. און, װי ניט־גוטע, קומען צולױפען שנעל נאָך צװײ סטאַיקאָװע, ער בעפעהלט זײ זי אָבצופיהרען אין ציירקעל...

אױף מאָרגען האָבען זיך איהרע בעקאַנטע דערװאוסט, אַז זי איז אַרעסטירט, און האָבען בעדױערט. נאָך מעהר האָט בעדױערט די בעל־הבית׳טע פֿון קװאַרטיר.

די לידער פון יונגען צפון

אלא האנסאן.

די ליעדער פון יונגען אפעג.

פונ'ם פריהמארגען אן האב איך געבלאנדזשעט, ס'האט שוין אנגעהויבען טונקעל ווערען; וויסט איז דער וועג געוועז, און איך האב ערגיץ ניט געזעהען קיין מענשליכע וואהנונגען.

ס'איז געקומען די נאכט, א פינסטערע, א אונגעשטערענטע.

איך האב זיך אבגעשטעלט אויפ'ן שייד-וועג, וועלכער האט אין צוויי פערשיעדענע זייטען געפיהרט. איך האב געקלערט אויף וועלכען וועג זאל איך געהן, נור פלוצלונג האט געבען מיר א שיין געטהון א אנגעצונדענער לאמטערן, און איך האב דערזעהען אנ'אלטען מאן, וועלכער איז אויף אנ'אבגעהאקטען בוים געזעסען, זיין בארד איז לאנג געוועזען, גלייך ווי זי וואלט טויזענדער יאהר געוואקסען, און די האר זענען אזוי ווייס געוועזען, ווי דער שניי פון דער אייז-עפאכע.

„זאג מיר אלטער מאן, אויף וועלכען וועג זאל איך געהען, כדי א מקום מנוחה אויף דער נאכט צו קריגען?“

דער אלטער האט אויף מיר זיינע אויגען אויפגעהויבען און האט מיך אויפמערקזאם בעקוקט; זיינע אויגען זענען זעהר ווייטע און טיעפע געוועזען, ווי די נאכט-שטערען.

„געה רעכטס, קינד מיין, זעהסט דו, דארטען שיינט א ליכט. ער איז אזוי גרויס, ווייל ער איז זעהער נאהענט. געה אין דיזער ריכטונג און צו האלבער נאכט וועסט דו שוין זיין אינ'ם האטעל, וואו דו וועסט האבען א ווייכען, ווארימען געלעגער, אנ'אויסגעצייכענטען אבענד-ברויט אין א פרעהליכע געזעלשאפט.

—נאר זאג מיר, דו וואונדערבארער אלטער, וועלכער האסט דעם אויסזעהען פון א חכם, זאג מיר, וואוהין פיהרט דער לינקער וועג? און וואס פאר א קליינער פייערעל שיינט דארט, אזוי שוואך און

קוים מערקבאר?"

„ער איז קליין ווייל ער איז אונענדליך ווייט פון דאנען", האט געענטפערט דער אלטער. „אין דער ווירקליכקייט, אבער איז ער גרעסער און העלער פאר יעדען ליכט אויף דער וועלט. נאר פרוב זיך ניט צו געהן איהם, דו וועסט איהם קיינמאהל ניט דערגרייכען. אמאל בין איך אויך, ווי דו, געשטאנען אויף דיזען שייד־וועג, איך האב ניט געוואוסט וואוהין צו געהן. דאס איז געוועזען זעהר לאנג, און איך בין אויך אזוי יונג, ווי דו געוועזען, און ס'איז אבענד געוועזען, נאר די פינסטערניש אינ'ם וואלד איז נאך געדיכטער געוועזען; איך האב אנגעצונדען מיין לאמטערן און בין לינקס אוועק. און שעה'ן זענען יאהרען געווארען, יאהרען — יאהר־הונדערטער, מיך האט ארומגערינגעלט די נאכט, און פאר מיר האט אלץ דאס פייער'ל געשיינט. און ניט קוקענדיג דערויף, וואס איך בין אלץ צום פייער'ל געגאנגען, איז ער נאך ניט גרעסער געווארען. צום סוף בין איך מיעד געווארען און האב זיך אומגעקעהרט צוריק און איצט זיץ איך איבער אנייס דא און ווייס ניט וואוהין צו געהען. געה רעכטס, קינד מיין, אהין וואו עס שיינט דער העלער ליכט, וועלכער איז גרויס, ווייל ער איז נאהנעט. דארט וועסט דו האבען א ווארימען געלעגער, אנ'אויסגעצייכנטען אבענד־ברויט און א פרעהליכע געזעלשאפט".

„און דו, אלטער, צו ווילסט דו זיך ניט דערווארימען אונטער א דאך, ווען אויף דער ערד לאזט זיך אראב די פינסטערע קאלטע נאכט?"

דאן האט דער אלטער אויפגעהויבען דעם לאמטערן און דאס ליכט איז איהם אויפ'ן פנים געפאלען: זיין אויסזעהען איז פערגעבעלט געוועזען, ווי א שטערענדיגע ווינטער־נאכט, ער האט זיך דערהויבען און האט אנגעהויבען וואקסען, און צום סוף איז ער געשטאנען פאר מיר, ווי א גרויסער בארג מיט א שפיץ א בעקרוינטער מיט אייביגען שניי; מיר האט זיך געדוכט, אז איך בין געגען איהם א אנווירדיגע זעמדעל.

„פאר מיר איז ניטא קיין טאג און קיין נאכט ניט, און פאר מיר איז קיין ארט ניט פאראן אין די מענשליכע וואהנונגען, און וואלט איך אפילו יא וועלן אריינגעהן, אהין, וועלען די מענשען מיך ניט אריינלאזען, ווייל זיי קענען מיך ניט".

ס'איז געווען אַ ליכטיגע זומער־נאַכט. די פולע לבנה האָט געשײַנט. איך בין אין וואַלד שפּאַצירען געגאַנגען.

אין אַ אָפענעם פּלאַץ, צווישען די בוימער, האָב איך דערזעהן דעם צײַט־גאָט, וועלכער האָט אין לבנה־ליכט גערוהט.

— וואָס זוכסטו אין וואַלד אין אַזאַ שפּעטער שעה? — האָט ער מיך געפרעגט.

— בײַ דיר איז אַזאַ פערקלערטער אויסזעהן, דײַן בליק איז מיט טרויער פערוואָלקענט.

— איך זוך אַ רפואה פאַר די מענשען, — האָב איך איהם געענטפערט. — דאָס מענשליכע געשלעכט איז געוואָרען גלײַכגילטיג, זאָרגלאָז און אונטהעטיג. און האָט דעם גאַנצען מוט פערלאָרען. יאָ, מען קען זאָרגלאָז זײַן, נאָר דיזע זאָרגלאָזיגקײַט נעמט זיך פון שוואַכקײַט; גלײַך ווי דער דרײַסט זײַערער ציהט זײַן יניקה פון זײַער פאַטאַליזם. איך זוך דאָס פער'כישוף'טע געוויקס, דער זאַפט פון וועלכען מען קען די מענשען געבען לעבענס־פרײַדען. פשוט'ן לעבענס־גליק; ער וועט גרינג מאַכען זײַערע טריט, ליכטיגער מאַכען זײַער נשמה. און דאַן וועט בײַ די מענשען גרויסע חלומות געבוירען ווערען, און זיי וועלען וואַגען גרויסעס צו טהון. איך זוך דעם קאָפּ־מאַרך, וועלכען זיי האָבען פערלאָרען.

שטיל האָט גאָט אַ שמײַכעל געטהון און זײַן בליק האָט זיך אָנגעשטרענגט אײַנגעקוקט אין דער געהײַמניס־פולער אונענדליכקײַט. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער האָט זיך צולאַכט, נאָר ווען איך האָב

זיך אײַנגעקוקט אין איהם האָב איך דערזעהן, אַז זײַן פּנים איז מיט אַ טרויער בעדעקט.

איבער'ן גאַנצען וואַלד האָט זיך צוטראָגען אַ דונער און אַ געדיכטע פינסטערניש האָט איהם אײַנגעהילט; דער רעש האָט זיך אַלץ געשטאַרקט, די פינסטערניש איז גרעסער געוואָרען און אַ פאַנטאַסטישער שפּיעל פון שאָטענס, פון קערפּערס מיט פײַערדיגע אויגען האָט זיך אָנגעהויבען אין דער גרויער דונקעלהײַט. און פּלוצלונג האָט זיך דער רעש פערוואַנדעלט אין אַ געביל פון הינד און אויף מיר האָבען זיך אַ וואָרף געהון אונצאָהליגע מחנות הינד. אינסטינקטיוו האָב איך זיך אויסגעגלײַכט און אַרויסגעחאַפּט פון אונטער'ן בוזעם אַ מעסער. פּלוצלונג האָב איך דערהערט געבען זיך אַ גוטוויליגען, שטילען געלעכטער. דער געביל פון די הינד איז שטיל געוואָרען; ס'איז ווידער ליכטיג געוואָרען. דער וואַלד איז אינגאַנצען פערגאָסען געווען מיט אַ העלען לבנה־שײַן און דער צײַט־נאָט האָט גערוהט מיט אַ שמײַכעל אויף די ליפּען.

— ווען ס'וועט קומען די צײַט — האָט ער געזאָגט — און די מענשהייט וועט זיך אַזוי ווי דו נאָכפרעגען אויף דער פער'כשופ'טער רפואה און וועט זי זוכען, דאַן וועל איך אַרויסרופען די גרויסע געפאַהר. דאַן וועט די מענשהייט אויך אַרויסחאַפּען דאָס מעסער אויף בעשיצען זיך, וועט אויסגלײַכען די פּלײַצע, אַזוי ווי דו, און וועט געפונען דעמאָלט איהר פערלאָרענעם מאַרך.

II

אויפ'ן פעלד, וועלכער איז פון אַלע זײַטען מיט בערג אַרומגערינגעלט געווען, האָבען מענשען געוואוינט. ס'איז זומער געווען. די זון האָט געשײַנט. אָווענד־צײַט האָב איך אָנגעהויבען קלעטערען אויפ'ן באַרג און האָב דערזעהן, אַז אויפ'ן פעלד האָבען אַנדערע אין אַ קאראַהאָב געטאַנצט, אַנדערע האָבען קאַווע אויפ'ן גרינעם גראָז געטרונקען, אײַניגע האָבען זײַערע קינדער אלף־בית געלערנט.

אויפ'ן צווײַטען טאָג, אָווענדס, בין איך אויך אויפ'ן באַרג אַרויף און אַרויפגעקראָכען אויף דעם העכסטען שפּיץ פון וואַנען איך האָב געקענט זעהן פאַר מיר דעם אויסגעשפּרײַטען טאָל. דאָרטען איז קײַן שום

פערענדערונג פון נעכטען ניט פארגעקומען: מען האט געטאנצט, געטרונקען קאווע, געלערנט די קינדער אלף=בית.

איך האב פארגעלעגט די איינוואוינער פון טאל בעגלייטען מיך אין מיין שפאציערען איבער די בערג, פון וועלכע עס שפרייטען זיך אויס ווייט, ליגענדע לאנדשאפטען. נאר קיינער האט מיר ניט געענטפערט, און, דוכט זיך, אז זיי האבען אפילו מיין שטים ניט געהערט.

דעם קומענדען טאג בין איך ווידער אויפ'ן בארג ארויף, און דאס מאל נאך אויף העכערען פעלז זיך געשטעלט. און אונטען, אין דער טיעפעניש, האט זיך מיר דאס זעלבע בילד פארגעשטעלט, וואס אויך נעכטען, מיט דעם אונטערשייד נאר, וואס די זאכען האבען אויסגעזעהן קלענער.

די מענשען דערזעהענדיג מיך פון אונטען, זענען, קענטיג, בייז געווארען: זיי האבען געשפאטען פון מיר, געוויצעלט זיך און אויך שטיינער געווארען.

איך בין זיך ווייטער מיין וועג געגאנגען, און מיין נשמה איז פול מיטלייד געווארען; איך האב זיך אנגעהויבען פערטיעפען אין דעם בעקאנטען זאץ: „אלעס פערשטעהן — הייסט אלץ מוחל זיין". און איך האב אין פערזען אויסגעדריקט א נייע רעליגיע פון מענשליכע ליידען און פיין.

אויפ'ן דריטען טאג, אווענדס, בין איך ווידער אויפ'ן בארג ארויף און האב אויף נאך א העכערען פעלז, ווי אין די פריהערדיגע טעג, ארויפגעקלעטערט, איך האב גענומען א שטיין און א ווארף געטהון אידהם פאר זיך, און ניט קוקענדיג דערויף, וואס דער בארג האט איהם, דוכט זיך, ניט געשטערט, איז ער פארט אויפ'ן בארג צוריק אראבגעפאלען. איך האב געזעהן, ווי די מענשען אין טאל האבען זיך בעוועגט, און לויט זייערע בעוועגונגען האב איך פערשטאנען, אז זיי האבען מיך בעמערקט. נאר וויל איך בין מעהר הויך געוועזען פון זיי, האבען זיי מיר אויסגעוויזען אזוי קליין, אז איך האב ניט געקענט בעמערקען, צי בעגריסען זיי מיך, אדער זיי דראהען. אנדערע האבען זיך געפרובט ארויפקלעטערען אויף די נידעריגערע טרעפלעך פונ'ם בארג, אויף וועלכען איך בין געגאנגען, נאר זיי האבען זיך מיר אויסגעוויזען ניט גרעסער פון א פליג. איך האב ניט געקוקט דערויף צי זיי דראהען מיך, אדער זיי רופען מיך צו זיך; מיר איז אלץ איינס געוועזען: צי זענען זיי אויפ'ן בארג געקראכען נאכגעהן נאך מיר, אדער זיי האָ=

בען הושק געהאַט מיך אַראָבצושלעפּען.

מײַן ברוסט איז אַלץ ברײטער געװאָרען, אײַנעטעמענדיג אין זיך דעם באַרג־לופט, און קאָפּ איז אַלץ ליכטיגער געװאָרען. איבער׳ן טאָל און זײַנע אײַנװאױנער האָבען זיך װאָלקענס געטראָגען, און איך האָב געקוקט אױפ׳ן גלאַנצענדען און העלען זונען־ליכט שנעע־באַרג, װאוהין עס האָט מיך מײַן װעג געפירט. — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

אױפ׳ן פירטען טאָג, צהענדס — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

III

איך בין געזעסען אין מײַן צימער צװישען מײַנע פרײַנד. מײַן בלוט האָט געקאָכט אין מיר, מײַן האַרץ איז פול אונרוה געװען, און מיר איז שװער געװאָרען צו אָטמען. דאַן בין איך אױפגעשטאַנען און האָב אָנגעהױבען אומגעהן איבער׳ן צימער הין און צוריק.

„װאָס איז מיט דיר?“ האָבען אױסגערופען מײַנע פרײַנד.

„דאָ איז שלעכט די לופט און ס׳איז זעהר דומפּיג“.

מײַנע פרײַנד האָבען זיך אײנער דעם אַנדערען אָנגעקוקט און געװאָרפען זײער בליק אױף מיר.

„דו שטעלסט זיך דאָס אַלעס נאָר פאָר“, האָט געזאָגט דער, װעלכער האָט זײַן אײנציגעס אױג פערקױפט פאַר אַ קאַנטאָרסקען שטוהל.

„פאַרװאָס בעמערקען מיר דאָס גאָרניט?“

„צי דען זעהט איהר ניט װי העל עס שײַנט די זון. עפענט אױף אַלע פענסטער און טיהרען“.

„קענטיג ער װיל, אַז מיר זאָלען חאַפּען אַ קאַטער“, האָט געשפּאַסט דער הומאָריסט און האָט זיך פאַרקליבען אין װינקעל צום אױבען, װאו ער איז באַלד אײַנגעשלאָפען.

„אונזער צימער — איז, װי אַלע צימערען“, האָט דעקלאַמירט דער, װעלכער האָט שטענדיג געטװט דעקלאַמירען, צײַט ער האָט זײַן נאַטירליכע שטימע פערלאָרען אין מיסט־קאַסטען.

„קוים טױג דער צימער פאַר אונז, װעט ער אױך גילטען פאַר

איהם, — האט א זאג געטהון דער מענש, וועלכער האט פאר צוואנציג גראשען זיינע איבערצייגונגען פערקויפט, מיינענדיג, אז דאס איז א גאלדענע מטבע.

„לאז אראב די פארהאנגען און דו וועסט פטור ווערען פון די זונען־שטראהלען". האט שטיל, גאר שטיל א זאג געטהון א צווייטער. דער ראזינער האט זיך שוין קיינמאל ניט ערלויבט הויך עפעס ארויסזאגען, צייט זיין בעל־הבית האט איהם אנגעזידעלט דערפאר, וואס ער האט העזה געהאט צו זאגען, אז ביים ווירט'ס הונד זענען לאנגע אויערען.

„ס'פעלט נאר, דו זאלסט פערלאזען אונזער צימער, און אוועקגעהן אין מדבר אריין", האט זיך געוויצעלט דער קרומפיסיגער, וועלכער איז געגאנגען, גלייך ווי אין קייטען געשמידעט.

„דו האסט געזאגט!" האב איך אויסגעשריען, און מיין ערלויכטעטער פנים האט פערפולט דעם צימער מיט זונען־ליכט. אלע מיינע פריינד זענען אויפגעשפרונגען פון זייערע ערטער. דער איינאויגיגער האט געקוקט מיט זיין איינציגען אויג, דער דרעמלענדער האט זיך אויפגעחאפט, איז געשטאנען און געקוקט מיט זיין נארישען אויסזעהן; דער דעקלאמאטאר האט מיט פאטאס אויסגעשטרעקט זיין האנד, ביי איהם האבען געציטערט די ליפען, גלייך ווי ער וואלט ניט אימשטאנד געווען ארויסרעדען אווארט, אזוי שטארק האט זיך ביי איהם די גאל צוקאכט; ביים קרומפיסיגען האט זיך אנגעהויבען א פיבער.

איך האב זיך א ווארף געטהון צום ארויסגאנג, נאר דאן האבען אלע מיט א מאל אויסגעשריען:

„געדענק, קוים וועסטו פערשליסען הינטער זיך די טיהר, וועסטו שוין קיינמאל זי ניט עפענען".

איך האב שוין געהאלטען ביים הענטעל פון טהיר, נאר איך האב זיך אומגעדרעהט און א קוק געטהון אויף מיינע פריינד און האב זיי ניט געקענט דערקענען; מיר האט זיך געדוכט, אז איך האב זיי פריהער קיינמאל ניט געזעהן.

דאס זענען געווען הינד, ביי וועלכע איך האב א שטיק פלייש אבגענומען; שווינדלער, וועלכע איך האב אויפ'ן ריינעם וואסער ארויסגעפיהרט; ווילדע וועלף, וועלכע האבען זייער קרבן פון די הענד ארויסגעלאזען; קנעכט, וועלכע איך האב מיט'ן שטעקען געשלאגען..—

נאר דאס זענען ניט געווען די פריהערדיגע מענשען, ווען איך האב פאר מײנע פרײנד גערעכענט. און דער צימער? ער איז געווען אלץ וואס איהר ווילט, נאר ניט מײן פריהערדיגע וואוינונג, נײן! ער איז געוואָרען א שלאנגען־נעסט, א הײל פון ווילדע חיות, א משוגעים־הויז...

איך האב געעפענט די טהיר און פערקלאפט זי מיט קראפט. אלע פענסטער זענען פערזײט געווען מיט פנים'ער, נאר איך בין אײנער אלײן געגאנגען, אויף דער נשמה איז מיר פרעהליך געווען. איך בין צווישען מאי־בלומען געגאנגען און אײנגעעטעמט די מאי־לופט.

אינבערזעצט א—ק.

אין גאס

קנוט האמסון.

אין גאס.

איך בין געגאנגען הין און צוריק איבערן צימער און האב אליין געטראכט וועגען דעם צופאל מיט דעם צייטונגס=טרעגער. מיך הויבט ער אפילו א קאפ נישט אן צו ארען, כ'האב זיך ניט בעגאנגען מיט איהם שלעכט, און ער אליין האט אויך נארנישט געהאט געגען מיר. און דאך האב איך פערלארען גאנצע צוויי שעה, סטארענדיג זיך איהם צו געפינען, כדי צו פערגלעטען מיין זינד.

די געשיכטע איז אזוי געוועזען: איך בין געגאנגען אמאל דורך קארל=יאהאנס גאס. עס איז געוועזען קאלט און פינסטער, איבערהויפט אבער פינסטער. ס'איז שוין א פנים געוועזען זיעבען א זייגער אוועגד. איך געה און קוק אין דער לענג פון גאס. אין ווינקעל פון דיונטערס קאנדיטעריי שטעהט א קליינער צייטונגס=טרעגער און שרייט אויס: א „וויקינג". ער רעדט נאר אויס אט די ווערטער: „הערט, קויפט א וויקינג". צום ערשטען האב איך אויף דעם קיין אכט ניט געגעבען, און נאר דאן ווען איך בין אבגעגאנגען א פאר טריט, האב איך דער=הערט זיין שטימע; איך האב זיך אמגעקעהרט, א קוק געגעבען אויף איהם, און א טראכט געטהון בשעת מעשה: דו וואלסט איהם געקענט געבען צעהן ערע *) דערפון וועסטו ארימער ניט ווערען, און איך האב זיך ענטשלאסען גענומען פאר'ן קעשענע מיט דער כונה ארויס=צונעהמען א שילינג. איך מאך אייך אויפמערקזאם דאס מיין ערשטע כונה איז געוועזען ווירקליך צו געבען דעם יונגעל צעהן ערע, נאר ווי איך האב שוין ארבגעלאזען די האנד אין קעשענע, איז אויף מיר

*) ט זילבערנע מטבע.

ארויף א בעל-הבית'ישער אויסרעכענונג. און איך גיב זיך אליין א זאג: ס'איז גאנץ אוננוצליך קומען ווענען עס איז צו הילף מיט צעהן ערע. און ס'איז נאך א גרויסער ספק, אז צעהן קראן אפילו זאלען קענען ווענען עס איז ברענגען א פונדאמענטאלען הילף. פערקעהרט, דאס פערערגערט נאך די זאך, דעמאראליזירט די מענשען און אזוי ווייטער. איך בין אוועקגעגאנגען מיין וועג, און דעם יונגעל האב איך געלאזען צו רוה.

צוגעהענדיג צום אוניווערזיטעט, האב איך זיך אומגעקעהרט און בין אוועקגעגאנגען מיט דעם זעלבען וועג. איך שטעל זיך אב נעבען קאמער-מעיערס בוך-געשעפט און קוק אויף די ביכער, וואס זענען ארויסגעשטעלט אין פענסטער, שטעהענדיג אזוי מיט'ן רוקען דערהער איך ווידער די שטימע פון דעם קליינעם צייטונגס-טרעגער, ער איז געשטאנען הינטער מיר ער האט זיך געקריגט מיט צוויי שכור'ע מאטראסען אין הימלען, צוליעב א בלאט-צייטונג „וויקינג", דאס זיי האבען פאר איהם אין די אויגען צוריסען, די מאטראסען האבען נים געוואלט בעצאהלען פאר דאס צוריסענע בלאט, און דאס יונגעל האט זיך צעוויינט. איך בין צוגעגאנגען צו זיי, און מען האט מיר דערצעהלט, וואס האט דא פאסירט. איך ווענד זיך צו די מאטראסען און זאג זיי מיט רוגזה אז זיי דארפען איינצאהלען פאר'ן בלאט. נאר דאס האט נים געהאלפען, זיי האבען זיך צולאכט מיר אין די אויגען אריין און האבען געזאגט: — וואס קריכט נאך דער אהער!

דאס האט מיך זעהער אויפגערייצט און איך האב פערביסען די ליפען. איינמאל האב איך זיך געקויפט עפעס א גרויסע קיילעכדיגע שפילקע צו א האלזטוך וואס קאן גילטען, פאר וואס נאר איהר ווילט אליין. זי איז אזוי גרויס אז מען קען זי אפטמאל אננעהמען פאר א קליינעם פאליציייאישען צייכען אדער פאר אנ'אנדערן געהיימניספאלען צייכען. די דאזיגע שפילקע טראג איך שטענדיג אויפ'ן הארצען אונטער'ן מאנטעל און איצט, אז די שכור'ע מאטראסען האבען אנגעהויבען רייצען דעם יונגעל צוליעב א צוריסענעם „וויקינג" און זיי האבען נים געוואלט פאר איהם בעצאהלען, איז מיר פלוצלונג איינגעפאלען, איבערראשען זיי מיט מיין דרייסטקייט. איך ווענד זיך צו די שכור'ים, שפילע גלייך אויף דעם מאנטעל, און ווייז זיי שווייגענדיג אן אויף די מערקווירדיגע שפילקע. איין אויגענבליק קוקען מיר אן איינע די אנדערע. באלד

טה איך זײַ קאַלט און ענטשלאָסען אַ זאָג: ווילט איהר בעצאָהלען, אָדער פילײַכט איז אײַך ליעבער געהן נאָך מיר?

די דאָזיגע ווערטער האָבען געהאָלפען. זײַ האָבען גלײַך בעצאָהלט פאַר'ן „וויקינג" און מיר אַלע, וואָס האָבען זיך געקריגט פאַר אַ צײַטונג, זענען זיך צוגאַנגען יעדערער אין זײַן וועג. דאָס יונגעל האָט אויסגעווישט זײַנע פערווײַנטע אויגען און איז אַוועקגעלאָפען ווײַטער, און איך בין אַוועקגעגאַנגען מיט דער אַנדערער זײַט אויף קאַרל-יאָהאַנס גאַס, די מאַטראָסען זענען אַוועק אין דער זײַט צו „טיוואָלי".

נעבען פאָסט האָב איך פערקעהרט צוריק און בין ווידער אַוועקגעגאַנגען מיט דערזעלבער גאַס. מײַנע געדאַנקען זענען נאָך אַלץ געווען פערנומען מיט דעם קלײַנעם צײַטונגס-טרעגער. איך האָב געטראַכט: דו האָסט געטאָן דעם יונגעל אַ טובה, ער איז געוויס דיר דאַנקבאַר דערפאַר, און וועט דיך שוין לאָזען צו רוה, אַז דו וועסט איהם ערגעץ-וואו טרעפען. ער האָט געוויס דרך-ארץ, עס קען זעהר זײַן, אַז ער האָט בעקומען אַ גוטע ערציהונג.

נעבען „גראַנד'ן" בעגעגען איך איהם ווידער, ער שטעהט נעבען סאַמע לאַנטערנע, איך זעה איהם זעהר גוט, און איך זאָג צו זיך אַליין, צונעהענדיג צו איהם, אַז גלײַך ווי ער וועט מיך דערזעהען, וועט ער אין אײַן רגע אַנטשווײַגען ווערען, און מען וועט פון איהם אַ וואָרט ניט הערען, ביז איך וועל איבערגעהן. איך סטאַרע זיך האַלטען וואָס נעהנטער צום לאַנטערנע, כדי צו געבען איהם די מעגליכקײַט דערקענען מיך.

איך האָב אָבער אַ טעות געהאַט אין רעכענונג. ער האָט ניט געמאַכט קײַן שום אונטערשיד צווישען מיר און די אַנדערע דורכגעהער, האָט מיר גלײַך צוגעטראָגען אַ בינדעל צײַטונגען און האָט געזאָגט, אַז איך דאַרף בײַ איהם קויפען אַ „וויקינג".

איך בין איהם שווײַגענדיג פאַרבײַגעגאַנגען מיט אַ מינע פון אַ בעלײדיגטען. איך האָב אין איהם אַ גרויסען טעות געהאַט:

דאָס יונגעל איז געווען פון „וויקעס" קוואַרטעל, דאָס איז געווען אַ פערדאָרבענער גאַסען-יונג, וועלכער האָט שוין געראַכערט, און פלעגט שוין קענען פערלירען זײַן העפט מיט באַלען, ווען די באַלען זענען שלעכט געווען. מיט אײַן וואָרט, דאָס איז געווען אַנ'עכטער, קלײנער גנב, אין דעם איז קײַן ספק נישט געווען, ער האָט מיך זעהר אויפגעבראַכט און געהענדיג ווײַטער, האָב איך זיך ערנסט געפ-

רעהט, וואס איך האב זיך מיט איהם בעגאנגען, ווי ער האט דאס פערדיענט, און איך האב איהם ניט געגעבען קיין צעהן ערע.

איצט האט נאך געפעהלט, ער זאל זיך צוטשעפען צו מיר א דריטען מאל! ער איז געווען אויף דעם פעהיג, דען איך האב געהאט א געשעפט מיט א חוצפה'דיגען יונגעל. יא, מעהר האט נאך ניט געפעהלט ווי דאס!

צוגעהענדיג צום אוניווערזיטעט, האב איך זיך ווידער אומגעקעהרט. איצט האב איך אנגעהויבען צו טראכטען, ווען קען מען איהם ווידער בעגעגנען. איך האב איהם געוואלט בעגעגנען אין א העל-בעלויכטענעם ארט, כדי צו געבען איהם די מעגליכקייט מיך צו דערקענען. עס איז גאנץ מעגליך, אז ער האט מיך ניט גוט בעמערקט, ווען מיר האבען זיך געטראפען נעבען „גראנד'ן" — איך האב דאס אויף געוויס ניט געוואוסט. איך געה און בעטראכט די פראגע פון אלע זייטען און ענדליך, בין איך זיך מיט שאנדע מתודה, אז די גאנצע מעשה האט מיך אריינגעבראכט אין א נערוועזען צושטאנד. און איך צורייץ זיך נאך מעהר מיט א נארישער השערה. און וואס, טראכט איך מיר, אז דאס יונגעל האט גאר גענומען און איז אוועק אהיים! דאן ווערען אלע מיינע פלענער צופלויגען ווי א רויך. ווער ווייס, עס קען זיין, אז ער איז גאנץ רוהיג אוועקגעגאנגען אהיים. און איז די גאנצע צייט געגאנגען פאראויס, אנשטאט צו געהן מיר אנטקעגען, איך ווייס ניט צי עמיצער וועט דאס גלויבען, נאר איך, אנ'אלטער מאן, האב זיך שוין כמעט געלאזען לויפען, מעהר ניט צוליעב דעם, כדי נאר צו זעהן, צי וועט דער קליינער צייטונגס-טרעגער נאך האבען די העזה פארצולעגען מיר נאכאמאל א „וויקינג".

נאר נעבען בלאמקוויסטס געשעפט בעגעגען איך איהם ווידער: ער שטעהט רוהיג אויף די אייזערנע קראטעס, ביים פענסטער, די אקסלען אויפגעהויבען און די הענד פערלעגט אין די הויזען-קעשענעס צייטענווייז שרייט ער אוים צו די פארבייגעהער: „א וויקינג". ער נעהמט ניט ארויס די הענד פון די קעשענעס און לעגט מעהר נישט פאר קיין צייטונגען.

נאר אט געה איך צו, איך געה צו איהם צו וואס נעהנטער אזוי נאהענט, אז ער קען מיך מיט'ן האנד דערלאנגען. און ער זעהט מיך גוט ביים העלען ליכט פון דער לאמטערנע, אין איין אויגענבליק גלייכט ער זיך אוים, קוקט מיר גלייך אין פנים אריין, דערלאנגט

מיר א בינדעל צייטונגען און זאגט, פונקט ווי צווישען אונז איז קיין זאך נישט פארגעקומען: הערט, קויפט שוין א „וויקינג". איך האב זיך אבגעשטעלט. איך האב מיט אזא אנשטרענגונג געווארט אויף די רעזולטאטען פון דעם דאזיגען אויספרובען, אז מיין הארץ האט אנגעהויבען שטארק צו קלאפען, ווען ער האט אויסגערעדט אט די ווערטער. דא איז מיר אריינגעקומען אין קאפ א משוגענער געדאנק. דאס יונגעל האט גאנץ קאלטבלוטיג געלאכט פון מיר, ער האט מיר דריי מאל נאכאנאנד פארגעלעגט א „וויקינג". דאס האט מיך אויפגעבראכט און האט מיך ארויסגעבראכט פון זיך, און איך האב איהם אנגעהויבען זידלען מיט אלע גראבע ווערטער, וואס זענען מיר נאר אויפ'ן צינגען ארויף. דערפאר, וואס ער לאזט קיינעם ניט צו רוה. ער האט מיר גארנישט געענטפערט, נאר געשטאנען און האסטיג געקוקט ווי פריהער.

אט דא איז מיר אריינגעקומען אין מוח א מאדנער געדאנק. איך האב ארויסגענומען פון קעשענע א האלב=קרוין, האב זי צוגעטראגען גלייך צום יונגעלס נאז און זי א ווארף געטהון אויפ'ן שטאכעטעל אויף וועלכען דער יונגעל איז געשטאנען, אזוי אז די מטבעה איז אראבגעפאלען צווישען די אייזערנע קראטעס ניט ענדיגענדיג. דאס האב איך שוין ארויסגענומען פון קעשענע נאך א האלבע קראנא, ווידער זי א דרעה געטהאן, געבען דעם יונגעלס נאז און זי א ווארף געטהון אין דעם זעלבען ארט.

נא דיר! האב איך איהם געזאגט מיט כעס. נעהם זי פון דארט ארויס, שד דו איינער, און לאז מיך צו רוה!

די אייזענס זענען געווען פערפראָרען און צווישען זיי איז געלעגען שניי, און איך האב דערפיהלט איין אינערליכען פערגניגען. זעהענדיג ווי מיין קליינער האט זיך געסטאריעט דורך שטעקען די האנד צווישען די אייזענס כדי צו קריגען די מטבעות. אפטמאל פלעגען זייענע פינגער צוקלעמען זיך צו דעם קאלטען אייז. איך האב בעמערקט אז פון איין האנד האט ער אבגעריסען די הויט. נאר ער האט געארבייט מיט גרויס בריה'שאפט, סטארענדיג זיך ארויסצובעקומען די צוויי מטבעות. ער גיט זיך ניט אונטער, פערקאשערט אויף איין האנד דעם ארבעל און שטעקט אריין די האנד צווישען די אייזענס און דער וואנד.

דאס הענדעל איז ביי איהם געווען א דארם און האט געהאט

א קראנקען אויסדרוק. ענדליך געלינגט איהם אנהאפען איין שילינג.

— נו, איינעם האב איך שוין געפונען, זאגט ער שיינענדיג פון פרייד, אין דער צייט, וואס ער נעהמט ארויס זיין האנד פון אונטער די אייזענס, רייסט ער אב אן וואגד די הויט פון די פינגער, ער קוקט אויף מיר, פונקט ווי ער וויל מיך פרעגען צי איך לאך פון איהם צי ניט, צי גיעב איך איהם ווירקליך אב דאס געלד, דאס גאנצע געלד. אזוי, ווי איך זאג איהם גארנישט, לאזט ער ביי זיך די מטבעה, בערייט זיך שוין ארויסצונעהמען די צווייטע האלב-קראנע, ער לעגט ווידער אריין זיין האנד אין שפאלט און ציהט אויס מיט אלע זיינע כחות זיינע קליינינקע פינגערלעך, סטארענדיג זיך דערגרייכען דעם קליינעם אוצר. זיין בריה׳שאפט איז אונגרענצליך. ער פרובירט אריינשטעקען די האנד אין שפאלט דא אהין, דא אהער און דערביי שטעקט ער ארויס אויך זיין צונג, פונקט ווי דאס וואלט איהם געקענט העלפען.

— איך וואלט האבען א שפענדעל, וואלט איך זי געקענט צורוקען צו זיך — זאגט ער, און מיט די ווערטער הויבט ער אויף זיין קאפ און קוקט אויף מיר. — צי ווארט ער ניט אז איך זאל איהם העלפען? צי מיינט ער ניט דער קליינער, אז איך וועל איהם ברענגען א שפענדעל צוליעב זיין ציעל?

— אט, ווארט, איך וועל דיר ברענגען א שפענדעל, זאג איך, נאר זאלסט וויסען אז איך מיין ניט מיט דעם דיר העלפען — איך וועל דיר ברענגען אזא קורץ שפענדעל אז די וועסט מיט איהם מיי-ווי-סיי גארנישט מאכען, ווארט א ווייל'ע, איך וועל דיר שוין ברענגען.

— ניין, עס לוינט נישט — ענטפערט ער פלוצלונג, ער נעהמט ארויס פון קעשענע א קליינעם מעסערל, מיט וועלכען ער הויבט אן רוקען די מטבעה. ער האלט דעם מעסערל צווישען די פינגער און רוקט מיט איהם די האלבע-קראנע. פאמעלעך, געלאסען שארט ער די מטבעה אלץ נעהענטער צום וואנד, צום גרעסערן שפאלט. אט אזוי האט געקענט דער קליינער ווירקליך קריגען סוף כל סוף די מטבעה. א פנים ער האט בעשלאסען מיט אלע כחות דערוויזען דאס. איך האב בעמערקט, צו מיין פערדרום, אז ער האט צוגעשארט די מטבעה צום סאמע שפאלט און איך האב דערהערט ווי ער האט א זאג געטון — נו, איצט וועט דאס שוין

לאַנג ניִשט געדויערן! איך האָב אַ קוק געגעבען אַרום; איין גרויסע מענגע מענשען האָט זיך צונויפגעקליבען און געקוקט אויפ'ן יונגעל און אויף מיר, און איך האָב גלייך אַ דרעה געטהון זיך אויפ'ן אָבזאַץ און אַוועק אין מיין וועג. נאָר אין אַ שעה אַרום, בין איך ווידער געגאַנגען אין קאַרל=יאָהאַנס גאַס, זוכענדיג דעם זעלבען יונגעל נאָר מען האָט איהם ערגעץ ניט געזעהן. איך בין געגאַנגען, האַלטענדיג פעסט אין האַנד צוויי קראָנען און איך האָב לאַנג געזוכט דעם יונ=געל. איך האָב געוואָלט מיט איהם שלום מאַכען און געבען איהם אביסעל געלד אויף אַ פּאָר וואַרעמע וואַלעקליך. נאָר ווער ווייס איהם, ס'איז גאַנץ מעגליך, אַז ער וואָלט קויפען אויף דאָס געלד טאַבאַק, און אויב מען זאָל אָננעהמען אַז ער האָט געהערט צו די גאַסען=יונגען איז גאַנץ מעגליך, אַז ער וואָלט פער'שכור'ן דאָס געלד. עס וואָלט געווען אַ שאַנדע, און אַנ'עברה געבען איהם עפּעס. מיט די געדאַנקען בין איך אַוועקגעגאַנגען אַהיים.

דאָס איז פאָרגעקומען נעכטען אָבענד, נאָר היינט, ווי איך האָב שוין געזאָגט, האָב איך די גאַנצע צייט געטראַכט וועגען דעם קליינעם צייטונגס=טרעגער. איך דערמאָן זיך דאָס קליינע דאַרע הענדעל, מיט טראָפּנעס בלוט אויף די פינגער. און איך זעה פאַר זיך די קליי=נע געשטאַלט פון דעם יונגעל אין דער מינוט ווען ער איז געלע=גען 'מיט'ן בייכעל אויפ'ן אייזערנעם שטאַכעטעל און אויסשטעלענדיג די צונג, האָט ער אויסגעצויגען די פינגערלעך צו די צוויי זיל=בערנע מטבעות.

איבערזעצט סטערא ראָטשילד.

י. בלײכער.

א סענטימענטאלעם געשפרעך.

נאך װערלען]

אין פארק פערפרארנעם, אײנזאמען און אלטען,
געגאנגען זענען נאר װאס צװײ געשטאלטען.

טויט זענען זײערע אויגען און די ליפען װײכע,
און װערטער הערט מען פאלען קוים, ניט הויכע.

אין פארק פערפרארנעם, אײנזאמען און אלטען,
געשפענסטער צװײ דערמאהנען זיך אן אלטען.

— צי דענקסטו אן עקסטאז אמאליגען נאך הײנט?
— װארום װילסטו איך זאל געדענקען דען?

— קלאפט אלץ דאס הארץ דערבײ מײן נאמען שוין?
זעהסט שטענדיג נאך מײן בילד אין טרוים? — נײן!

— א, שענע טעג! װי גוט פלעגט אונז דאן זײן
דײן ליפ האט זיך צו מײן געדריקט! — קען זײן.

— דער הימעל פלעגט זײן בלוי, געהאפט האט פיעל דאס הארץ.
— צורונען זענען האפנונגען, דער הימעל איז הײנט שװארץ.

זײ געהען זיך אזוי דורך װיסטע ערטער
און נאר די נאכט אלײן הערט זײערע װערטער.

דעם פאקטערס זוהן

דוד קאַסעל.

דעם פֿאַקטערס זוהן.

I

א וואָך נאָך שבועות איז בנימין, דעם פֿאַקטער׳ס זוהן, געקומען אַהיים. איהם האָט געשריבען דער טאַטע אין שטאָדט אַריין, וואָס ער האָט געלערנט אין אַ ישיבה, אַז ער זאָל קומען אַהיים אונטערהעלפֿען אין שטוב. וואָרום די מאַמע איז קראַנק געוואָרען, און ער, דער טאַטע, קען זיך נישט צוראַטען. חוץ בנימינ׳ען האָבען זיי מעהר קיין קינדער נישט געהאַט.

אין דער־הײם איז די מאַמע ווירקליך געלעגען אין בעט, צוגערעקט מיט אַ לײַלעך, און האָט געקרעכצט. דאָס פּנים איז בײַ איהר געווען בלײַך, ווי אַמאָל, געזונדטערהייד, נאָר איצט איז צו דער בלײַכקײַט געווען צוגעמישט עפּעס אַ געלבקײַט, און פֿון די אויגען האָט בײַ איהר אַרויסגעקוקט אַ שאַרף שווערליך פֿײַער׳ל, ווי בײַ אַ מענשען, וואָס האָט נישט געגעסען פֿון עטליכע טעג. דער טאַטע איז געווען דער זעלבער פֿערקומערטער און פֿער׳דאגה׳טער ייד, וואָס האָט כּסדר געגאַסען מילך אין די גרויסע בלעכענע קאַנען און האָט געהיט די סמעטענע.

די ערשטע וואָך איז בנימינ׳ען געווען שווער צו צוגעוועהנען זיך צו דער נײַער אונבעקוועמער לאַגע. מיט די דינע הענדליך און מײדעלשע פֿינגער, וואָס האָבען קײנמאָל נישט געוואוסט פֿון קיין אַרבײט, האָט ער בעדאַרפֿט הויבען קאַנען מילך, גיסען פֿון איין בלעך אין אַ צווייטער און נישט פֿערגיסען, לײדען פֿון די פֿליגען און פֿון דעם אונאַנגענעהמען גערוך און האַלטען אַ פּאָר שעה אויפֿ׳ן קאָפּ, יעדען טאָג, אַ רעכענונג פֿון מילך, וואָס אַז ער פֿלעגט זיך פֿער=

פלאָנטערן, פלעגט דער טאַטע כעס'ן אַ פערנאַלטער.

נאָר הערעווען האָט מען, אַ פנים, געמוזט. ווי בנימינ'ען האָט זיך געדאַכט, איז דער עסק ביים טאַטען אַוועק זעהר שלעכט, די אָרימקייט האָט זיך דייטליך געלאָזט מערקען, מען האָט דער מאַמען די נויטיגע רפואות, וואָס האָבען בעדאַרפט קאָסטען טייער, ניט געקענט קויפען, און ניט ווייט, אַ וויאָרסט דריי, האָט אָנגעהויבען האַנדלען אַ ישובניק מיט פאַקטעריי און ער האָט אָבגעשלאָגען אַ גרויסען טייל קונדען.

עס זענען געשטאַנען וואונדערליך שענע טעג. איין טאָג האָט אויסגעזעהן שענער פאַר דעם אַנדערן. דאָס קליינע שטיבעלע, מיט די קליינע פענסטערליך, וואו בנימין איז געבאָרען געוואָרען און האָט זיך במעט ווי אויפגעהאָדעוועט, האָט געברענט אין זון, דער ליידיגער שטח פאַר'ן שטיבעל איז געווען פערגאָסען מיט דעם גאָלד פון די שטראַהלען, נאָר די גאַנץ נאָהענטע שורות הויכע ברייטע שטעקעדיגע ליפעס, וואָס האָבען יום-טוב'דיג געפיהרט צו דעם טייך פונ'ם פריצ'ס גאָרטען, האָבען אין דער גרויסער זון-בלענדעניש בעוויזען אַ גבורה און האָבען געלעגט דונקעלע געדיכטע שאָטענס אויף דער ערד, און עס איז געווען אַנגענעהם צו קוקען דאָ אויף די הייסע שטראַהלען און דאָ אויף די קיהלע שאָטענס.

אַמאָל, אַז בנימין איז געווען אַ קליינער, האָט ער די שענקייטען פונ'ם הויף ניט בעמערקט. די צעהנדליגער מינים בוימער, די גרויסע פערצאַצקעטע בלומען-קוסטעס, דער פאָנטאַן מיט די פייער אָדלער, ביי וועלכע עס זענען געווען פונאַנדערגעלאָזטע פליגלען, די געטאָקטע געלע אַלעען, דער בלויער טייך, — וואָס דאָס אַלץ האָט זיין אויג טאָג-טעגליך געזעהן, האָבען אויף איהם קיין איינדרוק ניט געמאַכט. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז אויף דער גאַנצער וועלט איז אַזוי, אומעטום. אומעטום געפינען זיך שענע פריצישע הויפען און אין עק פון די הויפען שטעקט דעם פאַקטער'ס אַ שטיבעלע, ווי אַ ברודנער גרויער פלעק, פונקט ווי יענער, וואָס האָט אויפגעגעבען דעם פלאַן צו בויען עס, האָט געהאַט אַ מחשבה צו חוזק'ן. נאָר איצט, ביי זיינע אַכטצעהן יאָהר, נאָכדעם, ווי ער האָט זיך אָנגעוואַלגערט אין עטליכע ענגע ישיבות אין שטעדט און שטעדטליך, האָט איהם אין די פרייע שעה'ן פון אַרבייט געצויגען צו די אַלעען פון גאָרטען, צו דעם טייך, צו די בלומען-קוסטעס און צו דעם גרוי-

סען ווייסען אלט-מאדישען פריצישען שלאס, מיט די אריינגערוקטע באלקאנען און הויכע גלעזערנע טהירען. און ער האט זיך נישט געקענט אבוואונדערן פון דעם אלעם. פונקט ווי דער טייך מיט'ן שלאס, מיט די בלומען וואלטען נאר-וואס ענטפלעקט געווארען אויף זיינע אויגען.

טיילמאל פלעגט איהם גילטען אבצורייסען זיך פון דער ארבייט, איבערלאזען ביי די מילך דעם טאטען, צו וועלכ'ן ער האט קיין בעזונדערע ליעבע נישט געפיהלט, און אויסרייניגענדיג פון זיין קאסטיום מיט אנ'אלט בערשטעל די מילך-פלעקען, וואס פלעגען איהם יעדעס מאל מאדנע דענערווירען, פלעגט ער זיך אוועקלאזען בלאנזשען איבער דעם גרויסען גארטען. די צעהנדליגער מינים בוימער האבען געלאכט מיט זונגלאנץ, דאס געלע שטענגעלע האט זיך גלייך און פרעהליך געצויגען פאראוים, ציהענדיג נאך זיך די צוויי ציילען בוימער. עס איז געווען אנגענעהם היים, ביי יעדען נייעם טריט האט זיך דערטראגען אנ'אנדער ארמאט, און בנימין האט שטיל געטראכט וועגען דער ישיבה און אונפערשטענדליך-פער'עקש'ענטע תנאים און אמוראים, וועלכע ער הויבט אן ביסלעכווייז צו פערגעסען. און באלד דערנאך פלעגט איהם בעפאלען א בענקעניש נאך עפעס און א רחמנות צו זיך און צו דער מאמען, וואס זי איז קראנק און ער קען איהר נישט העלפען, וואס ער איז איינגעשמירט אין מילך-פלעקען, וואס דער טאטע איז א פערגאלטער און א פערקומערטער, און וואס עס ציהט איהם, בנימינ'ען, צו עפעס און ער ווייס אליין נישט וואס. דארטען, אין די ישיבות, האט ער פון דעם אלעם נישט געוואוסט, און עס איז געווען עהנליך אן דעם, ווי דארטען וואלט איהם א סך בעסער געווען.

ער איז געגאנגען פון איין אלעע אין דער צווייטער, און אז ער איז געקומען צום פאנטאן, האט ער זיך אבגעשטעלט. דער האלז פון א ווייסער גאנז מיט אנ'אפענעם מויל איז געווען אויסגעצויגען און האט ארויסגעווארפען בלישצענדיגע רייפעלעך וואסער, וואס האבען ווי קרענצלעך פעריל א לויכט געטהאן אין דער לופטען און פונאנדערגעפאלען. אונטען, ביי די טרעפלעך, זענען אין אלע פיער זייטען געשטאנען גרויסע אדלערס מיט פונאנדערגעשפרייטע ברייטע פליגלען, און פון מויל ביי זיי האבען זיך געצויגען קיילעלעך וואסער, וואס פלעגען זיך צונויפפלעכטען אינאיינעם.

אפטער האט דא בנימין געטראפען דעם גארטען-שומר, איוואנ'ען

מיט אַ בעזעם אין האַנד און מיט אַ בלעכעל אויפ'ן ברוסט. דאָס איז געווען גאָר אַן אַלטער קריסט, אַ גוטער און אַ לאַכענדיגער, און יעדעס מאָל, פלעגט ער איהם אַ קניפּ טהון אין באַק און זאָגען, אַז בנימין האָט איהם שוין אַריבערגעוואַקסען, בעת ער געדענקט אַזוי גוט זיין ברית, אַט אַזוי ווי נעכטען וואָלט עס געווען, און דאָס גלעזעל בראַנפען, וואָס דער פאַקטער האָט איהם אין יענעם טאָג געגעבען. און דער אַלטער האָט געלאַכט און האָט גוטמוטהיג אויסגעשפּיגען:

— אָבער בלייך און דאַר ביזטו, קינד, — האָט ער בעדויערט.

פון פאַנטאַן האָט זיך בנימין פערקירעוועט צום טייך. די הויכע אָלכען־בוימער זענען פערגליווערטע געשטאַנען ביים ברעג, און פערגליווערט איז געווען דער אָבשלאַג פון די צווייגען און פון הימעל אין וואַסער. דאָס וואַסער איז געווען גלאַט ווי אַ שפּיגעל און שטיל, און די זשומענדיגע זומער־פליעגען, וואָס זענען דאָ געווען אין אַזאַ גרויסער צאָהל, זענען מאַכטלאָז געשטאַנען אויף די אָלכען־בלעטער. עטליכע שענע ווייסע לאָדקעס, צוגעבונדענע צו אַ ברעקעל, האָבען זיך אפילו אַ וויגע נישט געטאָן.

בנימין האָט זיך געזעצט ביים ברעג טייך און האָט משער געווען, צי זאָל ער זיך באָדען, צי נישט, און דערביי זענען זיך זיינע מחשבות געגאַנגען ווידער וועגען דער ישיבה, וועגען די תנאים און אמוראים און וועגען דעם, וואָס עס ציהט איהם צו עפּעס און ער ווייסט נישט וואָס. און איהם איז געוואָרען ווייך אומעטיג, פונקט ווי עמיצער וואָלט איהם אומזיסט און לייכט בעליידיגט.

— וואָס איז מיט דיר! — האָט דעם טאַטענס קול הינטער זיין פּלייצע אַ געשריי געטהון, און בנימין האָט זיך איבערגעשראָקען.

— גאָרנישט... — האָט ער געענטפערט, אָראָבלאָזענדיג די אויגען, — איך זיץ ביים טייך...

— ביים טייך! ביים טייך! — האָט דער טאַטע פערגאַלט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנד, — געה, וועסט מיר העלפען צוגויפשטעלען די קאַנען.

געהענדיג מיט'ן טאַטען, האָט איהם פערדראָסען אין דעם טאַטען'ס אומגעלומפּערטער געשריי, אין זיין משוגה'דיגער גאַנג מיט דעם פערשמאַלצענעם היטעל אויפ'ן קאָפּ, מיט די אויסגעדרעהטע העמד אין זיין איינענע שולד געגען איהם, וואָס ער איז אַוועקגעגאַנגען בעת ער איז אַזוי נויטיג. און עס איז איהם געוואָרען נאָך אומעטי־

נער, פונקט ווי עמיצער וואלט איהם איצט א פאטש געגעבען און בעשפיגען.

פון וויטען, אויף אנ'אלעע, פערגאסען אין שטראהלען, האט זיך געזעהן א שלאנקע פיגור פון א מיידעל, אנגעטהאן אין ווייסען, — און דערביי עטליכע יונגע לייט, אפנים, סטודענטען, האבען הויך געפילדערט און געווארפען גרויסע קוילען אין דער לופטען. דאס מיידעל איז געווען אזוי שלאנק און אזוי גראציעזו פון וויטען, אז עס האט זיך גערעכט, אז די שיכעליך איהרע האבען נישט אנגעריהרט די ערד, פונקט ווי זי וואלט געשטאנען עטוואס העכער. נאך דעם קול נאך, ווי זי האט אנ'ענטציקטע עפעס אויסגעשריען צו די יונגע לייט, האט בנימין משער געווען, אז דאס דארף מסתמא זיין דעם פריצ'ס אייניקעל, פראניע.

— פראניע! — האט איהם מיט אמאל א מחשבה דערפרעהט דאס הארץ, און ער האט זיך פלוצלונג צוגעשטעלט.

— קום, קום, — האט איהם דער טאטע וואכעדיג דערמאהנט. — שוין צייט דיר ערנסטער צו זיין.

און געהענדיג ווידער הינטערן טאטען, האט ער געטראכט, אז מיט פראניען פלעגט ער זיך אמאל שפיעלען, זי פלעגט זיך ליעב האבען צו חבר'ן מיט איהם, האטש מען פלעגט עס איהם פערוועהרען, אז זיין מאמע האט זי ליעב געהאט און פלעגט איהר מכבד זיין מיט הארטע קעזליך און מיט פראסטען געקעכץ, אז זי האט לאנגע בלאנדע האהר און עפעס א זעלטענע צארטקייט. ביי זיי אין שטיבעלע, אין דעם ענגעניש, איז זי אויסגעקומען ווי א צאצקע, און אנגעטאן איז זי געווען פערפוצט, פיין, מיט א ברייטען ווייסען קראגעלע אויפ'ן האלז, ווי עס געהען שטאדטיגע רייכע גרויסע מיידליך. פיעל מאל, געדענקט ער, פלעגט איהם באנג טהון, וואס זי זעצט זיך אויפן פראסטען פייער-קאנטיגען בענקעל, וואס זי לעגט זיך אויף דער פראסטער בעט, וואס זי נעהמט פון טיש מיט איהרע דינע זויבערע פינגערליך אליין, וואס קומט איהר פאר'ן אויג, און וואס זי עסט מיט אזא אפעטיט די הארטע נישט-געשמאקע קעזלעך, פונאנדערציהענדיג די פרישע שענע ליפעליך. זינט ער האט אנגעהויבען לערנען אין די ישיבות, האט ער זי שוין מעהר נישט געזעהן.

II

איינמאָל האָט ער פראַניען געטראָפען ביי־טאָג נעבען טייך. ער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים, און די עטליכע סטודענטען, וואָס זענען געגאַנגען מיט איהר, האָבען קענטיג, נישט בעמערקענ־דיג איהם, זיך געשיידט מיט איהר הינטער זיין פּלייצע, און אַז ער האָט זיך אָבגעקעהרט, זענען זיי שוין געווען אַוועקגעגאַנגען. דעמאָלט האָט ער זיך מיט איהר געטראָפען אויג אויף אויג, און פון דער פלוצלונגקייט האָט זי זיך איבערגעשראָקען. נאָר באַלד האָט זי איהם דערקענט און האָט אָנגעהויבען שמייכלען.

— אַ, בנימין!... — האָט זי אויסגעשריען און צוגעגעבען אויף רוסיש, — אָהאָ, סאַראַ גרויסער!..

אין אָנהויב האָט זיך בנימין פערלאָרען און איז שטאַרק רויט געוואָרען. ער האָט נישט געוואוסט וואו צו בעהאַלטען די אויגען און האָט פערשעמט געמאַכט אַ טריט צוריק. נאָר זי האָט זיך פונאַנדער־געלאַכט, און דאָס געלעכטער, וואָס האָט איהם מיט אַמאָל געמאַכט דרייסטער, האָט איהם דערמאָהנט אָן דער אַמאָליגער פראַניען, וואָס פלעגט זיך גנב'ענען צו זיי אין שטוב, עסען דאָרט האַרטע קעזליך און שפּיעלען זיך מיט איהם. איצט האָט ער אויפגעהויבען די אויגען און האָט זי פריי בעקוקט. אַ גרויס מיידעל, נאָר אַנ'אַנדערע, איז געשטאַנען; אַנ'אויסגעוואַקסענער קערפּער מיט אַ הויכען בוזים, אַ העל פּנים מיט ליכטיגע, עטוואָס חוזק'דיגע אויגען, בלאָנדע האָהר, פערפלאָכטען אין אַ לאַנגען צאָפּ, און אָנגעטהאָן איז זי געווען אין ווייסען. און מיט איין בליק האָט ער אַלץ בעמערקט: די ווייסע זאָ־קען, די ווייסע שיכלעך און דאָס ווייסע קלייד. דאָס קלייד און די זאָקען זענען געווען דורכזיכטיג און שיטער, און עס איז געווען מאָדנע, וואָס דאָס וואונדערליך העלע זוניגע מיידעל האָט געהאַט אַזוינע צוויי רויטע ליפּען, פונקט ווי אין זיי וואָלט געברענט אַ רויט פייער'ל.

— וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר?... איך געפעל דיר? — האָט זי איהם ווייך און קאָקעטיש געפרעגט, ווי מען פרעגט אַ קינד, אַז עס האָט דערזעהן אַ שענע צאַצקע און מען קען עס איהם קויפען, — איך געפעל דיר, זאָג?

[פאָרטזעצונג קומט]

בנימין האָט נישט געענטפערט: איהם איז פּלוצלונג געוואָרען הייס אונטערן שטערען און אין די באַקען, און אַנ'אַקסעל האָט לייכט גענומען ציטערן. דאָס ערשטע מאָל אויף זיין לעבען האָט ער געזעהן אַזאַ שען מיידעל און אַזוי שען אָנגעטאָן, און ער האָט אינגאַנצען פערגעסען, אַז דאָס איז דעם פּריצ'ס אייניקעל, פראַניע, אַ גויע, וואָס איהר געהערט דער גאָרטען מיט דעם וואַלד און די פעלדער.

דאָס ווייסע דורכזיכטיגע קליידעל מיט די שטערענדליך נאַקעטען לייב האָט געבלישטשעט אַנטקעגען דער זון, די בלויע אויגען האָבען געשמייכעלט גוט און פריינדליך־חוזק'דיג, און אינגאַנצען איז זי געווען אַזוי נאָהענט און אונגעריכט, ווי אַ זיסער חלום. און ווידער דאָס ווייסע קלייד מיט די ווייסע דורכזיכטיגע זאָקען. צי פּאַסט עס פאַר אַ מיידעל? ער זעהט עס דאָס ערשטע מאָל אַזוי נאָהענט, אָבער דאָס איז אַזוי שען און פרעהליך, און עס לאַסקעט דאָס אויג, ווי דער פאָנטאַן, ווי די הויכע שמעקעדיגע ליפּעס, וואָס שטעהען אָנגעטאָן אין זון־גאָלד.

— נו, ניומען, וואָס שווייגסטו? ביזט שטענדיג אַזאַ...

— פראַניע... האָט ער שטיל געזאָגט.

ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגען, ער האָט שוין געמאַכט אַ בעוועגונג דערצו — און האָט זיך אָבגעהאַקט. דאָס מיידעל האָט אויפגעהערט צו לאַכען, האָט איהם אַ רגע ערנסט בעקוקט, און, צוואַרפענדיג איהם אין באַק אַ בלימעל, וואָס זי האָט געהאַלטען אין האַנד, איז זי גראַציעז, יונג און לייכט אַוועקגעגאַנגען, אַזוי ווי נישט אָנריהרענדיג די ערד.

— פראַניע! — האָט עמיצער אין איהם, נישט אָנפרעגענדיג, הויך, מיט אַ געזונדטען קול אויסגערופען, — וואָס איילט איהר?..

און באַלד איז ער רויט געוואָרען פון דעם אונגעריכטען עזות, און אויפ'ן האַרצען האָט זיך געלעגט אַ געפיהל, ווי ער וואָלט וואַרפען אַ שטיין אין אַ רייכען פענסטער. פראַניע האָט זיך אָבגעקעהרט, האָט אַ קוק געטאָן און איז ווייטער אַוועק. אָט לייכט זיך נאָך דאָס ווייסע קלייד, דאָס ווייסע שמאָלע שיכעלע, די זאָק און דער צאָפּ. אַ ברייטער צווייג פון אַ בוים, ווי אַנ'אַרויסגעשטרעקטע האַנד, פערשטעלט זי אינגאַנצען, און די געלע לאַנגע אַלעע בלייבט לעער.

און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז די אַלעע לעבט, און אַז

זי רעדט צו איהם עפּעס . איהר , דער אַלטע , איז פרעהליך , די שענע פּראַניע האָט איהר אָנגעטרויט איהרע טריט , און איצט זאָגט זי איהם צו עפּעס פרעהליכעס און טייערעס . און ער איז אויך אַוועק מיט דער אַלטע , זעהענדיג אויפ'ן פרישען געלען זאַמד די ציילכענס פון פּראַניעס שיכעליך און פיהלענדיג אַ דינגעם אַראָמאַט אין לופטען . אזוינע שיכעליך-ציילכענס האָט ער איבערגעצעהלט ביז פיערציג , און ער האָט געהאַט אַ פערלאַנג אויפצוהויבען זיי און אַריינגעהמען אין קעשענע .

ביים ראָג אַלטע האָבען זיך די ציילכענס פון די שיכעליך פערקירעוועט אין שלאָס אַריין , און אַז בנימין האָט גוט אָנגעשטרענגט דאָס אויג , האָט ער געזעהן , ווי דאָס ווייסע קלייד בלייכט צווישען די טאָפּאָליעס , נעבען דעם פריצ'ס הויז . ער האָט זיך אָבגעשטעלט און האָט געקוקט לאַנג אַהין , צו די ווייסע ווענד מיט די טאָפּאָליעס, וואו עס האָט געבלייכט דאָס קליידעל און איז דערנאָך פערשוואונדען געוואָרען . פערשוואונדען געוואָרען דאָס קליידעל — און דאָס גאַנצע בעגעגעניש איז איהם איצט אויסגעקומען , ווי אַ סוד , ווי אַ זיסע עבירה , וואָס טאָר פון קיינעם קיינמאָל נישט בעוואוסט ווערען . עס וועט נישט וויסען פון איהר נישט רב פּפּא , וואָס האָט איהם שטענדיג אויסגעזעהן צו זיין אַ יוד מיט בייזע ברעמען און מיט אַ געלער געדיכטער באָרד , נישט רבא , וועלכער האָט זיך אויסגעדאַכט פאַר אַ שטילען , אַ גוטען און אַ שווייגענדיגען , און נישט דער טאַטע און נישט די מאַמע , און נישט דער זקן ר' טעוועלע , דער ראש הישיבה , וואָס איז געוועזען אַזאַ מפונק אויף תפילין לעגען און אויף דאַווגען , און האָט געסטראַשעט , חאָטש ער איז געוועזען אַזאַ גוטער , פאַר דער קלענסטער עבירה מיט גיהנם . קיינער וועט עס נישט וויסען , און עס איז נאָך בעסער , וואָס דאָס איז אַ זינדיגער סוד , דערפון וועט נאָך זיסער זיין אויפ'ן האַרצען . עבירות האָט ער שוין סיי-ווי-סיי ביז אַהער . נישט איינמאָל האָט ער פערפעהלט אַ מנחה און אַ מעריב , שפּאַצירענדיג אין דער צייט מיט קלויזניקעס , וואָס האָבען אויך נישט געדאַווענט .

ער איז געגאַנגען מיט קליינע טריט אַ היים , און , דערזעהענדיג פון ווייטען דאָס שטיבעלע , האָט ער זיך דערמאָהנט אָן דעם טאַטען , אָן די קאַנען מילך און אָן די מילך-פלעקען ביי זיך אויפ'ן אַנצוגעל . פאַרשטעלענדיג זיך , אַז דער טאַטע וועט אויף איהם שרייען , האָט

ער זיך שוין אין דמיון געקריגט מיט איהם, און ער האט געהאט א פערלאנג, אז אויב עס וועט זיין א קריעג, זאל ער דעם טאטען עפעס ענטפערן קלוג און קאלט, אזוי, אז דער טאטע זאל האבען דרך ארץ פאר איהם, זאל איין מאל פאר אלע מאל פערשטעהן, אז בנימין איז שוין א גרויסער בחור, צו וועלכען מען דארף נישט צושפרינגען מיט קולות, ווי דער טאטע האט ליעב.

גאר אז ער איז געקומען נאהענט צום שטוב, האט ער דערזעהן ווי דער טאטע פאהרט ארויס מיט די קאנען דורכ'ן הינטער־טויער'ל. דאס פאהרט ער צו די צעווארפענע דאטשניקעס, און זיין רוקען, א פערשטויבטער און א פערפלעקטער, איז אנגעבויגען צום פערד. איצט איז בנימין אינגאנצען פטור פון צו קריעגען זיך, דאס האט איהם געמאכט פרעהליך און א צופריעדענער איז ער אריין אין שטוב. די בלייכע פענסטערליך האבען דורכגעלאזט א סך זון, עס איז געוועזן ליכטיג, און אין דער ליכטיגקייט איז די קראנקע מאמע אויסגעקומען מונטערער, ווי אלעמאל. מיט א שיינענדען פנים האט ער א קוק געטאן אויף דער מאמען, פיהלענדיג אין זיך דעם סוד. נאר דער סוד אליין איז וועניג געוועזן. ער האט געפיהלט נעבען זיך דאס מיידעל אין דעם ווייסען קלייד מיט די ווייסע שמאלע שיכעליך. זי איז איהם געגאנגען ביי דער זייט און האט איהם געקוקט אין די אויגען אריין. דאס אויער זיינס האט פערנומען דעם שארך פון איהר קליידעל... זי האט איהם גענומען פאר'ן האנד און געצויגען צו זיך און געגלעט איהם אויפ'ן שטערען און געלעגט איהר באק צו זיינער און געאטעמט איהם הייס אין פנים אריין און עפעס זיסעס און דויערענדעס געשעפטשעט.

— וואו ביזטו דאס געוועזן? — האט די מאמע שוואך און צופריעדען געפרעגט, — עפעס לייכטסטו מיר היינט...

— ערגעץ נישט. אין גארטען... פראניען האב איך געזעהן... — האט ער זיך נישט געקענט איינהאלטען.

— זי איז שוין געקומען? — האט די מאמע געפרעגט.

— וואס איז, וואו איז זי געוועזן?..

— אין אויסלאנד, דאכט מיר.

בנימין האט זיך געזעצט נעבען דער מאמען און האט זי טריי בעטראכט. פון אלעמאל אן האט ער זי ליעב געהאט. זי איז גאר געוועזן דער היפך פון טאטען. לויט בנימינ'ס ידיעות, איז דער טא־

טע אין די יונגע יאָהרען געווען אַ גוטער קלויזניק, וואָס האָט גע־קענט אַ סך לערנען. נאָר נאָך דער חתונה האָט ער אַלץ פערגעסען, איז געוואָרען אַ וואָכעדיגער ייד, וואָס האָט זיך מאָרנע געשראָקען פאַר פּרנסה און האָט זיך, זינט בנימין געדענקט, קיינמאָל נישט ערלויבט נעהמען אַ בערשטעל און אויסרייניגען זיינע בגדים, אָדער אָבשערען זיך צו דער צייט. די מאַמע איז פאַר דער חתונה געווען אַ שטיל, ציכטיג, פערטראַכט מיידעל, און אַזאַ איז זי פערבליבען. זי האָט נאָך איצט שענע האָאר, אַ טרויעריג, מילד און לענגליך פנים און האָט ליעב צו לעזען און צו דערצעהלען מעשיות. נאָר זי איז פון שטענדיג אָן געווען אַ שוואַכע און אַ קרענקליכע, דער טאַטע און דער עסק מיט מילך האָבען זיך צו איהר נישט געפּאַסט, און, אַ קוק טוענדיג אויף איהרע גוטע אומעטיגע אויגען, האָט זיך גע־דאַכט, אַז זי דאַרף זיצען אין אַ געררוימען, שענעם, שטילען הויז, וואו מען זאָל זי שעצען, היטען און בעדינען.

— מאַמע, דו ביזט זעהר קראַנק? — האָט ער געפרעגט, אָנריהרענדיג איהר האַנד און פיהלענדיג צו איהר אַ דאַנקבאַרקייט פאַר'ן היינטיגען טאָג.

פון זיין פראַגע און פון דעם צערטליכען טאָן זענען ביי איהר פייכט געוואָרען די אויגען, און אויף די באַקען איז אַרויסגעטראָטען אַ שיטערע רויטקייט. זי האָט לייכט אָבגעזיפצט און געזאָגט:

— עט, עס וועט זיך איבערקומען...

בנימין האָט זיך אויפגעהויבען, האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט איבער'ן שטוב, האָט איבערגעווישט מיט'ן האַנד דעם שטערען, האָט זיך ווידער איבערגעדרעהט צו דער מאַמען, איינגעקוקט זיך איהר אין פנים, און, איינבויגענדיג זיך האַרט צו איהר, האָט ער פּלוצונג זי געפרעגט:

— מאַמע, פאַרוואָס האָסטו גענומען דעם טאַטען?..

III

עמיצער האָט געזאָגט, אַז ביים פּריץ וועט ביי־נאַכט זיין אַ באַל. און אין אָווענד האָט שוין דער טאַטע געהראַבעט אין ווינקעל

אויפ׳ן סאפקע, די כאם ג איז געלעגען מיט האלב=אפענע אויגען, א בלאסע, א שטילע, און אין שטוב איז געווען א דריקענדע הייסקייט. עס האט געשמעקט מיט פערלאשענע ליכט, דער לאמפ האט געברענט מיט א קליין פייער׳ל, און דורך די שייבען האט זיך געזעהן די לבנה, וואס האט מיט איהר שיין נישט אריינגעדרונגען אין שטוב. עס איז געווען פרייטאג=צונאכט, און בנימין האט געוואוסט, אז ווען ער זאל זיך איצט צולעגען, וועט דער טאטע באלד אויפשטעהן און וועט פערשפארען די טיר, און ער וועט דארפען בלייבען דעם אווענד אין דער דריקענדער הייסקייט. ער האט שוין לאנג בעשלאסען ארויסצוגעהן און האט זיך אלץ צוגעקליבען, נאר די מאמע האט זיך פלוצלונג אנגערופען:

— געה זיך שפאצירען א ביסעל, בנימין, מארגען איז דאך שבת.

אויפ׳ן וואנד איז געהאנגען א קליין שפיגעלע, בנימין האט אריינגעקוקט דערין, האט פערריכט די מאנישקע, פערקעמט די האהר, און, א שמייכעל טוענדיג צו דער מאמען, ווי א פערשולדיגטער, איז ער ארויס אין דרויסען. דאס, וואס ער האט דערזעהן אין דרויסען האט איהם מיט אמאל איבערראשט. אויפ׳ן הימעל איז געשטאנען א פולע, א קלארע און א קיילעכדיגע לבנה, און די ערד איז געווען אויסגעבעט מיט ווייסען ציטריגען ליכט. אויף דעם ווייסען ליכט האבען ציטריג זיך געשאטענט לאנגע שווארצע פאסען פון די בוימער, און עס האט זיך געדאכט, אז פון דער ערד איז געווארען א צארטע ווייסע פליסיגקייט, און אז מען זאל מאכען א טריט פאר־אויס, וועט מען זיך אראבגליטשען ערגעץ אין א ווייסען תהום.

פון אנהויב האט בנימין גערעכענט געהן צום גארטען, נאר דערמאהנענדיג זיך, אז היינט איז ביים פריץ א באל, איז ער מיט עפעס א פערדראס ארויס אויפ׳ן טראקט, וואס פיהרט אין שטאדט אריין. דער ברייטער שטח פונ׳ם טראקט, אין דער לענג און אין דער ברייט, איז אינגאנצען געווען פערנומען מיט ציטעריגער ווייסקייט, וואס האט עפעס אונפערשטענדליכעס אין לייכט=נאגענדעס גערעדט צום אויג. וואו=נישט=וואו איז פון אנ׳איינציגען בוים געפאלען א שווארצער שאטען אויף דער ווייסקייט — אויך א בוים, נאר א לענגערער און א ציטעריגער. שווארצע קיילעכדיגע קוסטעס האבען ביי די זייטען פון טראקט עפעס אויסגעווארט.

ער איז געגאַנגען מיט'ן טראַקט אין דער שטיל=ריידענדער ווייס=
קייט. עס האָבען זיך שוין אָנגעהויבען די דאַטשעס. אין די פענ=
סטער פון די זומער=וואוינונגען איז געווען ליכטיג, אויף די וועראַנ=
דעס האָבען געברענט בלויע לאָמפען און עס האָבען אַרויסגעלייכט
עלטערע בערדיגע געזיכטער, איינציגע פאָרליך האָבען זיך געטוליעט,
זיצענדיג און שטעהענדיג, אויפ'ן טראַקט און נעבען די קוסטעס, און
ווייטער אַ ביסעל האָבען זיך בעוויזען פאָרליך פון גאָר יונגע בחור'ים=
ליך מיט גאָר יונגע מיידליך, נאָך יונגערע פאַר איהם. און יעדעס
פאָר'ל, פערגאָסען מיט ציטערדיגען ליכט, האָט געפינקעלט מיט די
אויגען און מאָדנע געשעפטשעט, פונקט ווי דערביי וואָלט געלעגען אַ
שלאָפענדיגער, וואָס מען טאָר איהם נישט שטערען אין שלאָפען.
ערגעץ אויף אַ דאַטשע האָט יונגוואַרג געזונגען, עס איז פון ווייטען
אויסגעקומען ווי זיי וואָלטען שרייען, נאָר די קולות זענען געווען
בענקענד, נאָגענדע און ציהענדע, ווי די ווייסקייט מיט די שאָטענס,
און, הערענדיג דעם געזאַנג, האָט זיך אָנגעזאַפט דאָס האַרץ מיט
אומעט. וואָס האָבען זיי געזונגען? וואָס איז דער הימעל אַזוי בלייך?
און וואָס איז די ערד אַזוי ווייס?

נאָר געהענדיג ווייטער, האָט ער זיך אָנגעהויבען שעמען פאַר
זיין איינזאַמקייט, פאַר זיין געהן אַליין, און ער האָט אויך דערפיהלט
אַ האַס צו די פאָרליך. יעדעס פאָר'ל האָט איהם פאָרזיכטיג אָבגע=
היט פון ווייטען און האָט זיך פון איהם אָבגעקעהרט, פונקט ווי עס
וואָלט אַ בייזער הונד געגאַנגען. ביים בעגעגענען זיך מיט איהם איז
דאָס שעפטשען איבערגעריסען געוואָרען און מען האָט איהם איבער=
געוואַרט. נאָר אַז ער האָט זיך אומגעקעהרט צוריק, איז איהם באַלד
פרעהליכער געוואָרען. ער האָט זיך דערמאָהנט, אַז ביים פריץ אין
שלאָס איז פאַרהאַן דאָס מיידעל מיט'ן ווייסען דורכזיכטיגען קליידעל,
וואָס אַז זי קומט איהם אַרויף אויפ'ן זכרון, נעהמט ציטערן דאָס גאַנ=
צע וועזען זיינס, און עס מאַכט נישט אויס, וואָס זי איז אַ גויע, אַ
פריצ'ס אַ טאָכטער, וואָס ביי איהר איז היינט אַ באַל — דאָס געהט
פאַרביי האַרץ, און דערפון טראַכט זיך נישט.

[פאָרטזעצונג קומט]

און שוין האָט ער זי דערפֿיהלט געהענדיג נעבען זיך, אין דעם ווייסען קליידעל. ער נעהמט זי אונטער'ן אָרים און געהט מיט איהר. די וואוקס איז כמעט ביי ביידען א גלייכע. איהר באַק איז גלייך אנט- קעגען זיינע. ער קוקט אויף איהרע אקסלען און איהרע שיכעלעך. ביידע זענען ווייס, און ווייס איז די ערד און די לופֿט. זייער געהן איז א גרוי- סער און א הייסער סוד, און ער קען איהר זאָגען:

— פֿראַניע, וואוהין געהען מיר? מיר געהען דאָס? מיר, זאָגט ? מאַ לאָמיר געהן ווייט, טאַקע ווייט...

ער האָט נאָך ווערטער צו זאָגען איהר, נאָר מען דאַרף נישט, זי פֿערשטעהט, וואָס ער וויל זאָגען, און איהר האַנד, וואָס ליעגט אין זיין אָרעם, ציהט איהם צו זיך פֿערבאָרגען און היים, און עס איז עהנליך אויף דעם, ווי זי וואָלט איהם גע'גנב'עט און ער וואָלט זי גע'גנב'עט, און חאַפּען וועט זיי קיינער נישט, קיינמאָל נישט.

מיט'ן טראַקט איז האַסטיג פֿאַרביי געפֿאָהרען אַנ'עקיפּאַזש, און בנימין האָט אַ שווידער געטהון. צוויי אָפֿיצירען, אין ווייסע מונדירען מיט בלאַנקענדע קנעפּ, האָבען זיך דורכגעטראָגען פֿאַר די אויגען. די קאַרעט איז אַריינגעפֿאָהרען אין הויף. באַלד איז דורכגעפֿאָהרען נאָך אַ קאַרעט, און דערנאָך זענען אָנגעקומען עטליכע מיט אַמאָל. דאָס זענען אַלץ געווען די געסט אויפ'ן באַל. די מאַנסביל אין שוואַרצען, די פֿרויען אין ווייסען, און אַלע זענען כמעט געווען יונגע און בעלויכטען פֿון דער לבנה. מען איז געפֿאָהרען און געפֿאָהרען. אָפֿטער האָבען אָפֿיצירען צווישען די געמישטע פֿאָהרער, און זייער זיצען אין קאַרעט און זייער האַלטען זיך האָט אויסגעדריקט פֿרעהליכקייט און גאוה.

בנימינען איז ווידער אומעטיג געוואָרען. איצט האָט ער דערפֿיהלט אַנ'עלענדקייט, אַ פֿערוואָרפֿענקייט, פּונקט ווי ער וואָלט געווען אַ פֿער- טריבענער, און איהם האָט זיך גערעכט, אַז ער קען זיך פֿונאַנדער- וויינען. מען דאַרף נאָר לאָזען דעם קנויל, וואָס האָט זיך געשטעלט אין האַלז, אַרויפֿגעהן העכער, און ער וועט קענען וויינען. פֿראַניען האָט ער שוין נעבען זיך נישט געפֿיהלט, ער האָט זי געזעהן ערגעץ ווייט, אַ פֿערנומענע און אַ שטאָלצע, און ערשט איצט האָט ער אָנגעהויבען בע- נעהמען דעם חוזק פֿון זיין לאַגע. נאָר עס איז געשעהן פֿערקעהרט. דער חוזק האָט איהם נישט אָבגעשטויסען פֿון דער שטאָלצער פֿראַניען, נאָר באַלמעהר פֿונאַנדערגעברענט דעם וועה און אַריינגעלעגט מעהר פֿיינליכע אָנשטרענגונג זיינע נערווען.

א ווײַלע איז איהם געווען אַנגענעהם, וואָס ער קען האַלטען בײַ ווײַנען און איז אַזוי אומגליקליך, און מיט שטילע טריט, ווי מען גנב'עט זיך אין אַנ'אָרט, פון וואַנען מען איז געווען אַרויסגעטריבען, איז ער אַרײַנגעגאַנגען אין גאָרטען. ער איז אַוועק צום פּאָנטאַן און האָט בעשלאָסען צו פערברײַנגען דאָרט אַ קלײַנע צײַט און דערנאָך געהן אַ הײם. אין דעם בלײַכען ציטריגען שײַן איז דער פּאָנטאַן אויסגעקומען, ווי אַ פערשטײַנערטער, און נאָר דער שאָרך פון די שפּיעלענדיגע וואַסערליך האָט בעלעבט דאָס פערשטײַנערטע שווײַגען. עס האָבען זיך צוגעהערט די ביימער צו דעם שאָרך, די בלעטער האָבען ווי אויף אַ דאַליאָן געהאַלטען די ציטריגע ווײַסקײַט, בײַ די אָדלערס האָבען געבלײַכט די שוואַרצע פליגלען, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס שטיק בלאַסער הימעל מיט דער ווײַסער לבנה קוקען דורכאויס נאָר דאָ, אויף דעם אָרט, פּונקט ווי דאָ דאַרף עפּעס געשעהן. און עס איז געוואָרען מאָדנע צו שטעהן דאָ אַ ווײַסער, אין דער ווײַסקײַט, בײַם פּאָנטאַן מיט דעם שטיל-שאָרכענדיגען וואַסער.

א נערוועזער איז בנימען אַוועק אין אַ זײַטיגער אַלעע און האָט זיך געלעגט אונטער אַ הויכען בעקאַנטען דעמב. פּונקט אַנטקעגען איז געשטאַנען אַ צײַל דעמבען, הויכע און צוצווײַגטע, און איבער זײ האָט זיך דער הימעל נעריסען אויף טויזענדער קלײַנע שטיקליך, וואָס זענען אויסגעקומען, ווי פונאַנדערגעהאַנגענע בלײַכע שטיקליך זײַדענס. זײ האָבען זיך לאַנגזאַם בעוועגט, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זײ ווינקען עפּעס צו די לאַנגע פּאַסען לבנה-ליכט, וואָס האָבען זיך געשלענגעלט אין דער דונקעלער אַלעע. בנימינען איז הײם געוואָרען די שלײַפען און אָהנמעכטיג האָט ער צוגעמאַכט די אויגען און האָט געטראַכט, אַז ער איז אַ פערפאַלענער, אַנ'עלענדער און אַנ'אומגליקליכער. קײנעם האָט ער נישט אויף דער וועלט און קיינעם איז ער נישט נויטיג. זײַן גורל איז דער ביטערסטער, און אַפילו גאָט אַלײן האָט איהם פערגעסען. פאַרוואָס זאָל ער אייגענטליך נישט האָבען אַ שענעם קאָסטיום מיט מאַנזשעטען, אַ שענע מאַנישקע און גוטע קאַמאַשען, און פאַרוואָס זאָל ער נישט זײַן אַ גביר'ס אַ זוהן, מיט אַ שענעם הויז, ווי דעם פּריץ'ס שלאָס, וואו די צימערן זענען גרויס, די פּאָדלאָגע געמאָלט, אויף די ווענד הענגען טײַערע בילדער און עס שמעקט אַ ריח ווי פון פריהלינג-בלומען? איידער אַזאַ מזל, איז די גלײַכסטע זאַך צו מאַכען זיך אַ טויט. פאַרהאַן אַ טיעפער אָרט אין טײַך, מען קען שוין געהן אַהין און אַרײַנוואַרפען זיך. נישט גע-

קלערט, מיט אמאל אריינוואַרפען זיך. דערמיט וואלט עפּעס געטהאָן געוואָרען א גרויסע, א שרעקליכע רעה עמיצען, דאָס וואלט געמאַכט א געוואלדיגען רושם, און פּראַניע וואלט געוואָרען אומעטיג און וואלט דאָס גאַנצע לעבען, אין דער־פריה און אויף דער־נאַכט, געטראַכט וועגען דעם. און זי וואלט געוויינט.

עטליכע אַקאָרדען פון אַ וואַלס האָבען א וויעג געטהאָן די שטילקייט פון גאָרטען, און בנימין איז אויפגעשפּרונגען. ביים פריין האָט זיך, אפּנים, אָנגעהויבען דער באַל. באַלד האָבען זיך דערהערט די געדיכטע שטאַרקע טענער פון די מעשענע כלים, דאָס באַסען־אַרטיגע רוישען פון די באַראַבאַנען און די וויילע זאַנפטע מאַטע קלאַנגען פון די פליימען. זיי האָבען זיך אַלע געפּלאָכטען צווישען זיך, איבערגעגאָסען זיך איינע אין די אַנדערע, און אַ ווײַלע זענען געבליבען די פליימען אַליין, און אַפּטמאַל האָט נאָר געשטורמט דאָס מעש. שטעהענדיג אין גאָרטען, אונטער די צווייגען, האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס שפּילט מען אויפ'ן הימעל, און אַז די בוימער טאַנצען שטומערהייד.

ווי אונגערן, איז בנימין אַוועק צום שלאָס. מיט יעדען טריט, וואָס ער האָט געמאַכט פאָראויס, האָט איהם אַלץ מעהר געקלאַפּט אין האַרצען, און עס איז איהם אויסגעקומען, אַז ער לעבט אין אַ חלום, נאָר וועלכען עס וועט קיין גוטס ניט אַרויס. נאָר אדרבה, זאָל דער חלום האָבען דעם ערגסטען סוף, עס איז נאָך בעסער, וועט ער גיכער פטור ווערען פון זיין עלענד.

די ווענד פון שלאָס, בעהאַנגענע מיט בלייכען שיין, האָבען טרויעריש אַרויסגעקוקט פון די בוימער, נאָר פון די אָפענע פענסטער האָט זיך געטראָגען אַ העל שרײַענדיג ליכט, פונקט ווי אינוועניג וואלט געברענט, און עס האָט געראוישט דער וואלס. אונטער דער מוזיק האָט זיך דייטליך געהערט דער ריטמישער קלאַנג פון שיך ביים טאַנצען און פערשיעדענע אויסרופען. אין אַנדערע חדרים פון שלאָס איז געווען פינסטער, און די לבנה האָט עפּעס מעלאַנכאָלישעס געצייכענט אויף די דונקעלע שויבען.

— עהע! און דו ביזט אויך דאָ! — האָט עמיצער אַ זאָג געטהאָן מיט אַנ'אַלטען קול און האָט בנימינען אָנגעקלאַפּט אויפ'ן פּלייצע.

בנימין האָט זיך אָבגעקעהרט און האָט דערזעהן דעם אַלטען איוואַנען, וואָס איז געשטאַנען און האָט געלאַכט אָהן צייהנער. ער האָט געהאַט אַ גרויסע, גרויע באָרד, און די ווייסע האָהר האָבען אַרויסגע־

ליכט ווי גלעזערנע. אויפ'ן ברוסט האט ביי איהם געבלישטשעט דאס מעשענע בלעכעל.

— איוואן, ווען ענדיגט זיך א באל? — האט בנימין געפרעגט, נישט ווישענדיג צו וואס.

דער וואלד האט זיך געביטען אויף א צווייטען, דער צווייטער אויף א דריטען, צווישען איין וואלד און דעם אנדערן האט מען גערוהט, און עס האט זיך געהערט, ווי מען האט געלאכט און ווי מען שפאצירט איבערן זאל. נאך א פינף וואלסען האט זיך א טייל פון די געסט ארויסגעשאטען אין גארטען. ווייסע פרויען-קליידער האבען זיך געמישט מיט שווארצע פרעק, זיי האבען אלע געבלייכט אין די לבנה-שטראהלען, און געהענדיג פארוויי איינע הינטער די אנדערע, זענען זיי אויסגעקומען ווי א פאנטאסטישע פראצעסיע אין א לבנה-נאכט.

בנימין האט זיך פערשטעקט הינטער א קוסט און דאס האט איהם געגעבען די מעגליכקייט צו זעהן, ווי אנ'אפיציר, א הויכער, א שווארצער און מיט שפארען, האט פעסט ארומגענומען א מיידעל, אנגעטהאן אין ווייסען, און האט זי ליידענשאפטליך געקושט, און נאך יעדען קוש האט ער איהר עפעס איינגערוימט אין אויער, נאך וואס דאס מיידעל האט זיך פונאנדערגעלאכט. עס איז געווען מאדנע, אפילו שרעקליך צו קוקען דערויף, נאר עס האט געצויגען צו קוקען. עפעס א שארך האט געמאכט אויפמערקזאם דעם אפיציר. האסטיג האט ער זיך אויסגעצויגען, ווי א סטרונע, און איז דיפלאמאטיש און רוהיג אוועק מיט איהר געארעמט אין בער דער אלעע, פונקט ווי עס וואלט גארנישט געשעהן. און ווידער איז בנימינס אויג געפאלען אויף די שפאצירענדע פארליך — די פרויען אין ווייסע קליידער און שיכעליך און די מאנבסיל אין שווארצע פראקען מיט קלארע מאנישקעס. און נעבען זיי די פער'חלומ'טע שטילע בוימער, מיט די בלייכע בעזילבערטע בלעטער. און דערביי דער טרוימערישער שלאס מיט די ליכט-שרייענדע פענסטער, וואו עס קומט פאר א באל. איז יעדער פרוי האט ער געזעהן פראניען, און יעדעס מאל האט זיך איהם געדאכט, אז אט וועט זי איהם ענטדעקען הינטערן קוסט אנ'איינזאמען ן פערווארפענע, מיט איינגעהאלטענע טרעהרען און אז ענדליך וועט זי איצט פערשטעהן זיינע יסורים'דיגע איבערלעבונגען און זיינע עבירה'דיגע געדאנקען און וועט איהם ארויספאלען אויפ'ן האלז און אוועקפיהרען אין שלאס אריין.

און פלוצלונג איז איהר איינגעפאלען, אז איינענטליך קען ער שוין

אַרײַנגעהן אין זאַל. עס קען איהם דער פּרינץ, וואָס פלעגט איהם אַלע מאָל קנײַפּען פאַר'ן בּעקעל, און אפילו דער אַלטער בּײזער דײַטש, בּראַנין, דעם פּרינץ'ס קאָמענדירער, וואָס שמעקט טאַבּאַק און ניסט יענעם גלײַך אין פּנים אַרײַן. צווישען די אַלע געסט קען ער אויך זײַן אַ גאַסט, קײנער וועט איהם אַ שלעכט וואָרט נישט זאָגען. און איהם האָט זיך גענומען דאַכטען, ווי מען וועט איהם מקרב זײַן, ווען ער וועט אַהין אַרײַן. דער פּרינץ, וואָס איז אַ גוטער פון נאַטור, וועט איהם, ווי אַ מאָל, אַ קנײַפּ טהאָן מיט אַ שמײכעלע פאַר'ן בּעקעל. פּראַניע וועט איהם אויסקוועצען אויבּענאָן, און די געסט וועט ער געפעלען. דאָס איז איהם אויסגעקומען אַזוי ריכטיג, אַז ער האָט עס געפיהלט מיט'ן גאַנצען בּלוט, און עס האָט איהם אויסגעזעהן העכסט נאַריש און ווילד אָבּצושטעהן דאָ, נעבּען שלאָס אַזאַ לאַנגע צײַט, אַנשטאָט צו זײַן דאָרט אַ גוטער גאַסט.

נאָר אַז דער אָרקעסטער האָט ווידער גענומען שפּיעלען און די שפּאַצירענדע האָבּען זיך אַ שאָט געטהאָן פון די אַלעען אין זאַל אַרײַן, האָט איהם פּײַנליך אַ ריס געגעבּען בּײַם האַרצען, און ער האָט שוין געטראַכט, ווי אַזוי האָט עס איהם געקענט אַרויסקומען אויפ'ן זינען אַזאַ נאַרישקײט, צו ווע'לען אַרײַנגעהן אין זאַל און צו מײנען, אַז ער וואָלט דאָרט פײַן אויפגענומען געוואָרען. אַזוי צו טראַכטען האָט נאָר געקענט אַ משוגענער אָדער אַ פּיצעל קינד. איצט האָט איהם עפּעס געשראָקען, פאַרוואָס האָט ער פריהער געקענט אַזוי טראַכטען, און דערבּײַ האָט איהם געטרײסעלט, ווי פון קעלט.

דער אָרקעסטער האָט גערוישט מיט די מעשענע כלים, די מעלאָדיע האָט זיך אַ פלאַמענדיגע געוויגט אין דער ווײַסער שטילער נאַכט, און עס האָט זיך ווידער געדאַכט, אַז די בּוימער טאַנצען שטומערהײד. פון די געסט איז שוין קײנער נישט געווען אין גאָרטען. די לעצטע זענען אַרײַן דער אָפיציר מיט דעם מײדעל. בּנימינען איז הײס געוואָרען אונטער'ן שטערען און עס האָט געדריקט בּײַ די שלײפען. ער האָט נישט געקענט שטעהן, און, אָבּגעהענדיג עטוואָס אַן אַ זײַט, האָט ער זיך געלעגט אויפ'ן גראָז. אין דעם גראָז איז געווען דושנע און עס האָט שטאַרק געשמעקט מיט בּלומען, אַזוי, אַז עס האָט גענומען ווײה טהאָן דער קאָפּ. און אַז ער האָט אויף אַ ווײַלע צוגעמאַכט די אויגען, האָט ער בּאַלד געזעהן פּראַניען, אַ העלע און אַ טאַנצענדיגע, מיט דעם לאַנגען צאָפּ, וואָס האָט זיך אומגעוואָרפען אויפ'ן פּלײצע. פון אָנהויבּ איז עס בּײַ איהם אוועק אין אַ שפּיעל: האָט ער צוגעמאַכט די אויגען, האָט ער בּאַלד

דערזעהן פראניען, טאנצענדיג, האט ער אויפגעעפענט — איז געשטאנען די שטילע פער׳חלומ׳טע נאכט מיט דעם ווייסען שיין. נאר ער האט אויסגעקליבען בעסער פראניען, און, האלטענדיג פערמאכט די אויגען, האט ער איהר עפעס געשעפטשעט אין טאנצען, היים גערופען צו זיך, איז איהר נאכגעלאפען נאך יעדען פאַ, וואס זי האט געמאכט, און געבעטען און גערופען, מיט דער לעצטער אנשטרענגונג, מיט דעם לעצטען ביסעל כח.

עס האט שוין אנגעהויבען טאגען. דער מיטען הימעל איז בלייך געווארען, די לבנה האט זיך ערגעץ נידעריג פערקייקעלט, דאס ווייסע פלאטערענדע ליכט איז אזוי ווי אויסגערונען, די לופט האט אויסגעזעהן מאט-גרוי און דער ברעג הימעל, וואס האט זיך אבגעהאקט ביי די שפיצען בוימער, האט זיך גערויטעלט.

ביים פריץ האט נאך געשפיעלט. נאר איצט איז בנימינען געווען אלין-איינס. אין קאפּ איז איהם געווען דול און אין די אויגען נעבעלדיג, ווי עפעס נאך א שווערען, א הארטען שלאף. עס האט זיך נישט געוואלט אויפהויבען פון דעם געדיכטען איינגעווארימטען גראז און אוועקגעהן. ער האט אונטערגעלעגט א האנד אונטערן קאפּ און האט צוגעמאכט די אויגען, און ביי איהם איז געווען אזא געפיהל, ווי ער וואלט געלעגען א פערלאזטער אין א גרויסער שטאדט נעבען א טייך און וואלט נישט געהאט וואו צו נעכטיגען, ווי יענע אבגעריסענע מענשען, וועגען וועלכע ער האט זיך אנגעהערט אזוי פיעל מעשיות פון דער מאמען. קליינעטשקע פליעגעליך האבען איהם געזשומט אונטערן אויער, און איבער דער באק זיינער האט געפאכט דער יונגער טאג.

אויפגעשטאנען איז ער, אז עס איז שוין געווען גוט היים, אויף די בוימער איז געהאנגען די טאג-ליכטיגקייט, דער הימעל האט געקראגען א טאג-פארב, און ער איז געווען פריש און יונג, ווי ער וואלט זיך איינגעוואשען, און די זון, א גרויסע און א מאטע, אזוי, אז מען האט געקענט אויף איהר קוקען, איז שוין ארויסגעשוואומען פונ׳ם רויטען ראנד און האט זיך נצחונ׳דיג געשטעלט אנטקעגען גארטען. בנימין האט פון ווייטען געווארפען א בליק אויפ׳ן שלאס. דארטען זענען געווען אויסגעלאשען די לאמפען און עס איז געווען שטיל. נאר דער באל האט זיך אפנים, נאך נישט געענדיגט. ער האט זיך ארומגעקוקט און איז מיט א ווייטיגער אלעע אוועקגעגאנגען א היים. די פערבראכטע נאכט אונטער׳ן הימעל, דאס שטעהן ארום שלאס, דאס גארן פראניען איז איהם איצט

אויסגעקומען , ווי א גרויסע עברה , ווי א שענדליכע זינד , צו וועלכער מען קען גארנישט צו טראכטען קיין מחילה . ווי נעהמט עס א בחור , א קלויזניק און גיט זיך איבער אזוינע געדאנקען ? און ווי נעהמט עס א בחור , א קלויזניק , וואס האט אנ'ארימע קראנקע מאמע , וואס איז אויסגעשריבען געווארען צו פערהעלפען אין שטוב — און מאכט זיך אינגאנצען ארוים פון יאך , טהוט נישט , וואס מען הייסט איהם , קען נישט פערלייערען קיין מילך-פלעקען , רייניגט אלע וויילע דאס אנצוגעל , עס זאל זיך נישט פערפלעקען , האט פיינט דעם טאטען , וואס הארעוועט פאר דער שטוב — און טראכט נאר פון ווילדע נארישקייטען , פון וועלכע עס איז א חרפה עמיצען צו דערצעהלען .

אז מען זאל וועלען זיך אויפפיהרען ווי עס בעדארף צו זיין , דארף עס גארנישט אנקומען שווער. דאס איז זעהר פשוט. מען דארף פריהער פון אלץ היטען דאווגען ; דערנאך דארף מען ארבייטען מיט חשק , וואס מעהר , וואס איבערגעגעבענער ; דערנאך דארף מען זעהן פינקטליך פערשרייבען דאס אנגעבארגטע מילך פון די גאטשניקעס און נישט האלטען דעם חשבון אויפ'ן קאפ , ווי אלעמאל , און אין א לעדיגער צייט דארף מען איבערחזר'ן א בלאט גמרא , כדי עס זאל זיך נישט פערגעסען אזוי גיך . דער ליכטיגער טאג מיט די פערטהאנענע פרעהליכע פויגליך האט איהם אונטערגעגעבען חשק צו בעשליסען אזוי זיך צו פיהרען , חאטש ערגעץ טיעף אין הארצען האט זיך עס נישט געוואלט . און דאס דאזיגע ארט אין הארצען האט שטארק וועה געטהאן .

עס איז געוועזען זעהר שווער אנצוקלאפען אין טהיר און בעגעגענען זיך מיט'ן טאטען , וואס וועט ארויסגעהן עפענען . אז מען האט נאך אין שטוב געשלאפען , איז געוועזען קענטיג אן די לייווענדען , מיט וועלכע מען פלעגט אויף דער-נאכט פערהענגען די פענסטער . א ווייל איז ער געשטאנען אהן מוטה , טראכטענדיג , אז דער טאטע , וואס האט א טבע נישט צו שלאפען פארטאג , נאר צו ליגען אזוי אין בעט , האט שוין געמוזט הערען זיינע טריט און ער ווארט נאר , אז ער זאל אנקלאפען . און ווי וועלענדיג בעוויזען דעם טאטען , אז ער האט בעשלאסען אנדערש זיך אויפפיהרען , האט ער האסטיג אנגעקלאפט דריי מאל אין טהיר . פלוצלינג האבען זיך דערהערט בארפיסע טריט , א שווער אטעמען און א רוק פון ריגעל . און אז בנימין האט אריבערגעטראטען די שוועל פון דער געעפענטער טהיר , האט איהם דער טאטע , מיט צושויבערטע האהר און מיט אנ'אנגעלענער בארד , גראב און שטרענג א זאג געטהאן :

— וואו גערט מען עס אום גאַנצענע נעכט, משוגענער הונד דו! דאָס איז געווען דאָס סאַמע גרעבסטע און מאוס'טע וואָרט, וואָס דער טאַטע האָט פאַר דער גאַנצער צייט, פון זינט זיין קומען, געזאָגט. בנימין האָט נישט געענטפערט און איז געגאַנגען ווייטער. אין שטוב איז געווען שרעקליך דושנע, און אין דער פריהמאָרגען־ליכטיגקייט האָט דער מאַמעס פּנים קרענקליך אַרויסגעבלייכט פון בעט.

IV

פון אָנהויב איז געווען אַ געוועהנליכער קאָפּ־וועהטאָג, און עס האָט געטריקענט דער גומען. אין דעם דאָזיגען קאָפּ־וועהטאָג האָט בנימין רוהיג און אויסגעהאַלטען געהאָלפען דעם טאַטען און איז אפילו געגאַנגען איינמאָהנען חובות ביי די דאַטשניקעס, וואָס איז איהם געווען זעהר נישט אָנגענעהם. פאַרנאַכט, אין אַ געראומער צייט, האָט ער אַריינגעקוקט אין אַ גמרא און אונטערגעברומט פאַר זיך דעם גמרא־נגון, און דערנאָך איז ער געזעסען שעה'ענווייז נעבען דער מאַמען און האָט אויסגעהערט איהרע שטילע אומעטיגע מעשיות פון דער צייט, ווען זי איז אַ מיידעל געווען, ווען איהרע עלטערן האָבען געוואוינט אין אַ קליין־שטעדטיל, זענען געווען רייך, און דער טאַטע איהרער האָט געהאַט אַזאַ גוטען שם אין דער סביבה, אַז אפילו די אַרומיגע גלחים פלעגען איהם אָבגעבען כבוד, פלעגען אָפט אַריינקומען צו זיי אין שטוב און איהר ברענגען מתנות. בנימין פלעגט אויסהערען די דאָזיגע מעשיות און איהם פלעגט אויסקומען, אַז די מאַמע, אַ שען יונג מיידעל, איז דעמאָלט געגאַנגען אָנגעטהאָן אין אַ ווייסען קליידעל, מיט אַ לאַנגען צאָפּ אויפ'ן פּלייצע. און עס פלעגט איהם ווערען אומעטיג, און ווידער פלעגט זיך ווילען אַוועקגעהן, אויפהערען צו טהאָן און צו פאָלגען דעם טאַטען, אַרומטרייבען זיך איבער'ן גאָרטען, האָבען זינדיגע מחשבות און פיהלען זיך עלענד, פערוואָרפען און איבעריג. נאָר די מאַמע פלעגט ווייטער דערצעהלען איהרע מעשיות מיט אַ וועה־הערציגען טאָן, און, אַ קוק געבענדיג אויף איהר, פלעגט זיך איהם ווילען פרעגען ביי איהר עפּעס זעהר נויטיגעס, עפּעס העכסט וויכטיגעס, וואָס איז איהם געגאַנגען אום לעבען און וואָס האָט געפאָדערט גרויסע

אויפריכטיגקייט און אָפענהערציגקייט. אין שטוב איז שטיל. אויסער זיי בײדען איז קײנער נישטאָ, די מאַמע האָט אַ נאַטור מוחל צו זײן און פערשטעהט עפּעס זעהר גוט אַ זאַך, און ער פלעגט מיט אַ לײדענדען אָבגעצערטען פּנים זיך אָנבויגען צו איהר, גרייט צו פרעגען וואָס ער דאַרף:

— מאַמע...

— וואָס?

דאָס פּנים זײנס פלעגט ווערען נאָך לײדענדער, אויפ'ן שטערען פלעגען אַרויסטרעטען טראָפּענס שווייס, ביי די שלייפען האָבען ציטעריג געגרינט די דינע געצווייגטע אָדערן, און מאַכטלאָז, מיט אַ פערשטיקטען אָבזיפצען, פלעגט ער אַרויסרײדען:

— גאָרנישט... גאָרנישט...

נאָר דערנאָך האָט זיך געשטאַרקט דער קאָפּ־וועהטאָג, און איבער דער גאַנצער לענג פון רוקען האָט זיך געפיהלט אַ הײסער און אַ נאָגענ־דער וועהטאָג. און אויסגעדאַכט האָט זיך איהם, אַז אַלץ, אויף וואָס זײן אויג איז געפאַלען, ברענט. האָט ער געקוקט אויפ'ן פעלד, האָט געב־רענט דאָס פעלד, האָט ער געקוקט אויף דער מאַמען, האָט זי געהאַט היץ און עס האָט איהר פערפעלט אָטעם.

— מאַמע, — האָט ער מיט וועה געזאָגט, — דו האָסט היץ. מען מוז דיר צולעגען אַ קאַלטען קאָמפּרעס צום קאָפּ.

נאָר אַז עס איז אַרײן דער טאַטע, האָט דער טאַטע אויך געהאַט היץ, און מען האָט איהם נויטיג בעדאַרפט צו לעגען עפּעס קאַלטעס צום קאָפּ. עס האָט איהם באַנג געטהאָן דער פערשמוצטער טאַטע, מיט די נישט־פערקאַמטע האָהר פון באָרד, מיט די פערפלעקטע העמד, וואָס געהט אַרום אָהן אַ קאָמפּרעס און איז לסדר פערטהאָן אין די קאַנען. נאָר ווי ראַטעוועט מען די לעבעדיגע מענשען, ווען עס ברענט די ערד, די שטוב, די שויבען און דער באַלקען? קײן פייער זעהט מען נישט, נאָר עס איז געענוג קענטיג די היץ און דאָס שווערע אָטעמען פון אַלץ. אַ פויגעל איז דורכגעפליגען פאַרביי פענסטער, און ער האָט אודאי געמוזט אַראָבפאַלען, אַ דערשטיקטער פון היץ.

און אין אַ פּאָר טעג אַרום איז שוין בנימין געלעגען צום בעט. בײ איהם האָבען געפלאַמט די באַקען און מיט אַ מאָדנעם טרוקענעם פייער האָבען געברענט די אויגען. דאָס האָט געמאַכט אַזאַ רושם אין שטוב, אַז די מאַמע האָט זיך אַראָבגעהאַפּט אַ קראַנקע פון בעט און איז געלאָ־

פֿען רופֿען דעם גוי'עשען פֿעלדשער. דער פֿעלדשער, אַ געוועזענער סאָלדאַט מיט אַ גראָבען דאַרפֿישען פּנים, האָט איהם עפּעס געטאַפּט בײַם זײַט, געדריקט אונטערן האַנד, האָט איהם אונפֿערשטענדליך אומגעוויגט אין בעט, און, פֿערקנײַטשענדיג דעם שטערען מיט גראָבע קנײַטשען האָט ער שטיל־שוויַיגענדיג פֿאַר זיך געטראַכט אַ לאַנגע צײַט און דערנאָך אַרויסגעזאָגט, אַז מען מוז דעם חולה פֿיהרען אין שטאָדט אַרײַן.

— —איוב'ס צרות האָב איך, — האָט דער טאַטע פֿערביטערט געמאַכט מיט די הענד און געטרײַסעלט מיט'ן קאָפּ, — דאָס — דאָס, דאָס — יענץ, אַנ'אָנשיקעניש...

ער האָט אײַנגעשפּאַנט דאָס פֿערד און איז געפֿאָהרען מיט בנימינ'ען אין שטאָדט אַרײַן. אין וואָגען איז בנימין געלעגען מיט'ן פּנים אַרויף, דעם קאָפּ אונטערגעשפּאַרט מיט אַ קישען, און האָט מיט אַ האַלב־צוגעמאַכטען אויג געקוקט אויפֿ'ן פֿעלד. דאָס פֿעלד האָט געברענט, און איצט האָט מען שוין געקענט זעהן דאָס פֿײַער. פֿון דעם טאַטען איז אָהן אַ ספק געווען אַ גרויסע נאַרישקײַט צו לאָזען זיך אין וועג אין אַזאַ סכנות'דיגען פֿײַער. נאָר וועלכער מענש קען דאָס אָבהאַלטען דעם טאַטען? ער האָט ליעב אַלץ צו טהאָן גיך און חאַפּענדיג, און בײַ קײַנעם נישט פֿרעגען, פּונקט ווי עמיצער וואָלט בײַ איהם וועלען אויסחאַפּען. אַז ער גיסט מילך, חאַפּט ער; אַז ער מאָהנט געלד, חאַפּט ער; און אַז ער עסט, חאַפּט ער. נאָר דאָרטען ווײַט, וואו עס פֿאַלט דער הימעל אויף דער ערד, לויפֿט אום אַ מײַדעל אין ווײַסען און דאָס פֿײַער יאָגט זי נאָך. דאָס מײַדעל קען אָבער, אַפּנים, זעהר פֿלינק לויפֿען, וואָרום אָט איז זי שוין אין דער זײַט און אָט איז זי נעבען וואָגען און קוקט מיט צווײַ בלויע נשתומם'דיגע אויגען, און לויפֿט ווידער אַוועק. עס וואָלט זײַן עפּעס זעהר גוט און אַ מצוה, ווען מען וואָלט זי געקענט אַרײַנזעצען אַהער אין וואָגען. זאָל זי אויך פֿאָהרען. נאָר אָט איז זי שוין ווידער ווײַט, אַז אונטערן הימעל, ווי אַ פּינטעלע די גרויס, ווי אַ פֿויגעלע.

און אָט איז זי ווידער בײַם וואָגען, אַ שמײַכלענדיגע און נישט קײן פֿערמאַטערטע, און זי רעדט עפּעס. מען קען אָבער נישט הערען, וואָס זי רעדט — דער וואָגען סקריפּעט און דאָס פֿײַער קנאַקט. נאָר נישקשה, זי וועט נישט אַוועקגעהן, זי וועט נאָר אויף אַ ווײַלע אַוועקלויפֿען און וועט קומען ווידער. זי מוז קומען. און זי וועט זיצען אין וואָגען און

וועט פאַהרען צוזאַמען אין דעם ווייסען קליידעלע און די ווייסע שיכעליך, דעם צאָפּ איהרען וועט ער לעגען צו זיך אויפ'ן באַק.

נאָר פלוצלונג זענען אויסגעוואַקסען גאַסען און הייזער, און גרויסע שילדען זענען געהאַנגען אויף די הייזער. דער טאַטע איז אַריינגעפאָהרען אין אַ גרויסען הויף מיט אַ ווייסען מויער, און עמיצער האָט בנימינ'ען געטראָגען איבער דונקעלע טרעפּ, וואו עס האָט געשמעקט קאַרבאָל. דערנאָך האָט אַ יונגער אונבעקאַנטער מענש איהם געטאַפּט מיט ווייסע קליינע הענדטליך און געלאַכט. און דער טאַטע איז געשטאַנען אָהן אַ היטעל, פּונקט ווי ביים פּריץ. דער מענש מיט די ווייסע הענדטליך האָט מאָדנע לאַנגזאַם און קלאָר גערעדט, און מען האָט געקענט הערען:

— שרעקט זיך נישט. ער וועט זיין געזונד. אַ לייכטע היץ־קרענק.

דער טאַטע האָט געטרייסעלט מיט'ן קאָפּ און האָט עפּעס גערעדט. דאָס ווייסע הענדטיל האָט אַ וואונק געטהאָן, און בנימינ'ען האָט מען איבערגעטראָגען אין אַ וואַנגע־צימער. דא האָט אויך געשמעקט קאַרבאָל. נאָר דאָס וואַסער אין וואַנגע איז געוועזען ליכטיג און האָט רוהיג געריפּען צו זיך. אין אַ ווילע אַרום איז שוין בנימין געלעגען אויף אַ בעטעל און האָט געקוקט אויף דער קעגענאיבערדיגער בלויער וואַנד. ערגעץ אין אַ ווינקעל האָט מען הויך געקרעכצעט, און אין אַ צווייטען ווינקעל האָט מען אָבגעענטפערט מיט אַ שטאַרקערן קרעכצען. נאָר צו דער בלויער וואַנד, פּונקט אַנטקעגען אויג, איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט דאָס מיידעל אין ווייסען און האָט וואַרים און טריי געשמייכעלט, און צו זיין אויער האָט שטיל זיך צוגעטראָגען איהר וויך שעפּטשען:

— איך וועל נישט אַוועקגעהן... איך וועל נישט אַוועקגעהן...

אוועט

א. פּ. טשעכאָוו.

אַוועט.

I

ס'איז געווען אַ פינסטערע הערבסט־נאַכט. דער אַלטער באַנקיר איז געגאַנגען ביי זיך אין צימער פון איין ווינקעל אין צווייטען און האָט זיך דערמאָהנט, ווי אַזוי ער האָט מיט פופצעהן יאָהר צוריק, אין הערבסט, געמאַכט אַנ'אָוועגד. אויף דעם דאָזיגען אָווענד זענען געווען פיעל קלוגע מענשען און ס'האָבען זיך געפיהרט אינטערעסאַנטע געשפּרעכען. דערביי האָט מען אויך גערעדט וועגען טויט־שטראָף. די געסט, צווישען וועלכע עס זענען געווען ניט ווייניג געלעהרטע און זשורנאַליסטען, האָבען זיך אין דער מעהרהייט אַרויסגעזאָגט געגען טויט־שטראָף. זיי האָבען געפונען, אַז דאָס דאָזיגע בעשטראָפונגס־מיטעל איז פערעלטערט, איז אַ שאַנדע פאַר אַ קריסטליכע מלוכה, און אונמאָראַליש. לויט דער מיינונג פון עטליכע געסט, וואָלט מען די טויט־שטראָף אומעטום געדאַרפט פערבייטען אויף אייביגע טורמע.

— איך בין מיט אייך ניט איינשטימיג — האָט געזאָגט דער בעל־הבית, דער באַנקיר, — איך האָב ניט פערזוכט ניט קיין טויט־שטראָף, ניט קיין אייביגע טורמע, נאָר אויב מ'קען אורטיילען פאָר־אויס, איז לויט מיין מיינונג, טויט־שטראָף מאָראַלישער און הומאַני־שער, ווי אייביגע טורמע. טויט־שטראָף דער'הרג'עט מיט אַמאָל, און אייביגע טורמע ביסלעכוויין. און וועלכער הענקער איז מענשליכער

דער, וואָס דער׳הרג׳עט אײַך אין עטליכע מינוט, אָדער דער, וועל־כער ציהט אַרויס פון אײַך דאָס לעבען אין פערלויף פון פיעל יאָהרען?

— סײַ דאָס, סײַ יענץ איז גלײַך אונמאָראַליש — האָט בע־מערקט עמיצער פון די געסט: — ווײַל ס׳האָט איין און דאָסזעלבע ציעל — אָבצונעהמען דאָס לעבען. די מלוכה איז נישט קיין גאָט. זי האָט נישט דאָס רעכט אָבצונעהמען דאָס, וואָס זי קאָן נישט אומקערע־רען, אויב זי וועט וועלען.

צווישען די געסט האָט זיך געפונען אַ יוריסט, אַ יונגער מענש פון אַ יאָהר פינף און צוואַנציג. ווען מ׳האָט געפרעגט זײַן מײַנונג, האָט ער געזאָגט:

— די טויט־שטראָף, די אײביגע טורמע זענען בײדע אונמאָ־ראַליש, נאָר אויב מ׳וואָלט מיר פאָרגעלעגט אויסצוקלויבען צווישען טויט־שטראָף און אײביגע טורמע, וואָלט איך געוויס אויסגעקליבען דאָס צווייטע. לעבען וױ־ניט־וױ איז בעסער וױ גאָרניט לעבען.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבען אַ לעבהאַפטע דיסקוסיע. דער באַנקיר, וואָס איז דעמאָלט געוועזען יונגער און נערוועזער, איז פּלוצלונג אַרויס פון די כלים, האָט אַ קלאַפּ געטהון מיט׳ן פויסט איבער׳ן טיש און אויסגעשריען, ווענדענדיג זיך צום יוריסט:

— ניט אמת! איך וועט זיך מיט אײַך אויף צוויי מיליאָן, אַז איהר וועט ניט אויסזיצען אין טורמע אפילו קיין פינף יאָהר!

— אויב דאָס איז ערנסט, — האָט איהם געענטפערט דער יוריסט, — וועט איך זיך, אַז כ׳וועל אויסזיצען ניט פינף — נאָר פופצעהן.

— פופצעהן? ס׳געהט! — האָט געשריען דער באַנקיר: — מײַנע העררען, איך לעג אײַן צוויי מיליאָן!

— אײַנשטימיג! איהר לעגט אײַן צוויי מיליאָן, און איך מײַן פרײַהײט! — האָט געזאָגט דער יוריסט.

און דער דאָזיגער ווילדער, אונזיניגער וועט איז געשלאָסען געוואָ־רען! דער באַנקיר, ניט וויסענדיג דעמאָלט די רעכנונג פון זײַנע מיליאָ־נען, אַ צולאָזענער און אַ לײַכטזיניגער, איז געוועזען אין דער גרעסטער ענטציקונג פון דעם וועט. בײַם נאַכט־עסען האָט ער זיך געחוזק׳עלט איבער׳ן יוריסט און גערעדט:

— בעדענקט זיך, יונגער מענש, דערווײַל איז נאָך ניט שפּעט. בײַ מיר צוויי מיליאָן איז אַ קלײניגקײט, און איהר ריזיקירט

צו פערלירען דריי־פיער די בעסטע יאהרען פון אייער לעבען. כ'זאג — דריי־פיער, ווייל איהר וועט ניט אויסזיצען מעהר. פערגעסט אויך ניט, אומגליקליכער, אז פרייוויליגע פערשליסונג איז פיעל שווערער ווי געצוואונגענע. דער געדאנק, אז יעדע מינוט האט איהר דאס רעכט ארויסצוגעהן אויף דער פרייהייט, וועט אייך פערגיפטען אין טורמע אייער גאנצע עקזיסטענץ. איך האב רחמנות אויף אייך!

און איצט, שפאצירענדיג פון איין ווינקעל צום צווייטען, האט זיך דער באנקיר דאס אלץ דערמאהנט און זיך אליין געפרעגט:

— נאך וואס האט געטויגט דער דאזיגער וועט? וואס פאר א נוצען איז ארויסגעקומען פון דעם, וואס דער יוריסט האט פערלוירען פופצעהן יאהר פון זיין לעבען, און איך ווארף ארויס צוויי מיליאן? צי קאן דאס דערווייזען די מענשען, אז טויט־שטראף איז ערגער אדער בעסער פון אייביגער טורמע? ניין און נאכאמאל ניין. נאריש און אונזיניג. פון מיין זייט איז עס געוועזען א קאפריז פון א זאטען מענשען, און פון יוריסט'ס זייט — אנ'איינפאכער דורשט נאך געלד...

דערנאך האט ער זיך דערמאהנט וועגען דעם, וואס ס'איז פארגעקומען נאך דעם בעשריבענעם אווענד. ס'איז בעשלאסען געווארען, אז דער יוריסט וועט אבזיצען אונטער דער שטרענגסטער אויפזיכט אין איינער פון די אפיצינעס, וועלכע זענען אויפגעבויט אין באנקירס גארטען. ס'איז געוועזען אויסגערעדט, אז אין פערלויף פון פופצעהן יאהר ווערט ביי איהם צוגענומען דאס רעכט אריבערצוטרעטען דעם שוועל פון אפיצינע, זעהן לעבעדיגע מענשען, הערען מענשליכע שטימען און בעקומען בריעף און צייטונגען. איהם איז ערלויבט געווען צו האבען מוזיקאלישע אינסטרומענטען, לעזען ביכער, שרייבען בריעף, טרינקען וויין און רויכערן טאבאק. מיט דער אויסערליכער וועלט, לויט די בעדינגונגען, האט ער געקאנט האבען בעציהונגען ניט אנדערש, ווי שווייגענדיג, דורך א קליין פענסטערל, עקסטרא געמאכט צוליעב דעם. אלץ, וואס ס'איז נויטיג געוועזען, — ביכער, נאטען, וויין און אנדערע זאכען, האט ער געקאנט בעקומען דורך א צעטעלע וויפיעל ער האט געוואלט, נאר דורכ'ן פענסטער. דער קאנטראקט האט פארגעזעהן אלע איינצעלהייטען און קליינינקייטען און האט פערפליכטעט דעם יוריסט אויסצוזיצען פונקט פופצעהן יאהר פון צוועלף א זייגער דעם 14־טען נאוועמבער 1870 יאהר ביז צוועלף א זייגער דעם 14־טען נאוועמבער 1885 יאהר. די קלענסטע פראבע

פון יוריסט'ס זייט צו ברעכען די בעדינגונגען, חאטש מיט צוויי מי־
נוט פריהער פאר דער בעשטימטער צייט, וואלט בעפרייט דעם באנ־
קיר פון דער פליכט, צו בעצאהלען איהם צוויי מיליאן רובל.

אין דעם ערשטען יאהר זיצען האט דער יוריסט, אויף וויפיעל
ס'איז געוועזען מעגליך צו אורטהיילען לויט זיינע קורצע צעטעלעך,
שטארק געליטען פון איינזאמקייט און אומעט. פון זיין אפיציינע האבען
זיך שטענדיג, טאג ווי נאכט, געהערט די קלאנגען פון ראיאל! ער
האט זיך אבגעזאגט פון וויין און טאבאק. וויין, האט ער געשריבען,
רופט ארויס בעגעהרען, און בעגעהרען, זענען די ערשטע פיינד פונ'ם
ארעסטאנט, אויסערדעם קאן גארנישט זיין אומעטיגערס, ווי טרינ־
קען גוטען וויין און קיינעם ניט זעהן. און טאבאק מאכט קאליע די
לופט אין זיין צימער. אין דעם ערשטען יאהר האט מען דעם יוריסט
געשיקט ביכער מעהרסטענטהיילס מיט א לייכטען אינהאלט: ראמאנען
מיט פערוויקעלטע ליעבע־אינטריגעס, קרימינעלע און פאנטאסטישע
ערצעהלונגען, קאמעדיעס א. א. וו.

אין דעם צווייטען יאהר איז די מוזיק שוין אנטשוויגען געווארען
אין אפיציינע, און דער יוריסט האט אין זיינע צעטעלעך געפאדערט
נאר קלאסיקער, אין פינפטען יאהר האט זיך אויפסניי דערהערט מוזיק
און דער פערשלאסענער האט געבעטען וויין. די, וועלכע זענען
אויפמערקזאם געוועזען אויף איהם דורכ'ן פענסטער'ל, האבען געזאגט,
אז דאס גאנצע יאהר האט ער נאר געגעסען, געטרונקען און געלעגען
אויפ'ן בעט, פלעגט אפט גענעצען, בייז רעדען מיט זיך אליין, בי־
כער האט ער נישט געלעזען. אמאל פלעגט ער זיך ביידערנאנט אני־
דערזעצען שרייבען, לאנג פלעגט ער שרייבען און אין דער פריה
פלעגט ער דאס אנגעשריבענע צורייסען אויף שטיקלעך. מ'האט גע־
הערט נישט איינמאל, ווי ער האט געוויינט.

אין דער צווייטער העלפט פון דעם זעקסטען יאהר האט דער
פערשלאסענער זיך ערנסט פערנומען מיט שטודירען שפראכען, פילא־
סאפיע און געשיכטע. ער האט זיך אזוי דורשטיג גענומען פאר די
דאזיגע וויסענשאפטען, אז דער באנקיר האט קוים צייט געהאט אויס־
צושרייבען פאר איהם ביכער. אין פערלויף פון פיער יאהר איז לויט
זיין פאדערונג געוועזען אויסגעשריבען ארום זעקס הונדערט בענדער.
אין דעם דאזיגען פעריאד האט דער באנקיר בעקומען פון זיין ארעס־
טאנט פאלגענדע בריעף. „מיין טייערער טורמע־אויפזעהער! איך

שרייב איך די דאָזיגע שורות אויף זעקס שפּראַכען. ווייזט זיי קאָמ־פּעטענטע מענשען. זאָלען זיי עס איבערלעזען. אויב זיי וועלען ניט געפינען קיין איין פעהלער, בעט איך אייך, הייסט אויסשיסען אין גאָרטען פון אַ ביקס. דער דאָזיגער שאָס וועט מיר זאָגען, אַז מיין מיה איז נישט פערפאַלען געוואָרען אומזיסט. די גענייעס פון אַלע ציישען און לענדער רעדען אויף פערשידענע שפּראַכען, נאָר ס'ברענט אין זיי איינער און דערזעלבער פלאַם. אָה, ווען איהר וואָלט געוואוסט, וואָס פאַר אַ הימלישע גליק ס'לעבט איצט איבער מיין נשמה דערפון, וואָס איך קאָן זיי פערשטעהן!" דער וואונש פונ'ם פערשלאָסענעם איז אויסגעפיהרט געוואָרען. דער באַנקיר האָט געהייסען אויסשיסען אין גאָרטען צוויי מאָל.

דערנאָך אין דעם צעהנטען יאָהר איז דער יוריסט געזעסען אונבעוועגליך ביים טיש און האָט געלעזען בלויז דאָס עוואַנגעליום. דעם באַנקיר האָט עס אויסגעזעהן עפּעס מאָדנע, וואָס אַ מענש, וועלכער האָט אין פיער יאָהר בייגעקומען זעקס הונדערט קלוגע בענדער, האָט פערלוירען אַ יאָהר צייט אויף לעזען אַ לייכט־פערשטענדליך און דין ביכעל. נאָך דעם עוואַנגעליום איז געגאַנגען רעליגיאָנס־געשיכטע און טהעאָלאָגיע.

אין די לעצטע צוויי יאָהר פון איינשליסונג, האָט דער אַרעסטאַנט געלעזען אונגעהייער פיעל, ניט אויסקלייבענדיג. דאָ האָט ער זיך בעשעפטיגט מיט נאַטור־וויסענשאַפט, דאָ האָט ער געפאָדערט בייראָנ'ען אָדער שעקספּיר'ן. ס'זענען געווען פון איהם אַזעלכע צעטלעך, וואו ער האָט געבעטען שיקען אין איין און דערזעלבער צייט אי העמיע, אי אַ מעדיצינישע לעהר־בוך, אי אַ ראָמאַן, און אַ וועלכען עס איז פילאָסאָפישען אָדער טהעאָלאָגישען טראַקטאַט. זיין לעזען איז געווען עהנליך גלייך ווי ער וואָלט געשוואומען אויפ'ן ים צווישען שטיקער פון אַ צובראָכענעם שיף און, וועלענדיג ראַטעווען זיך דאָס לעבען, חאַפּט ער זיך אָן דאָ פאַר איין ברעטעל, דאָ פאַר דאָס צווייטע!

III

דער אַלטער באַנקיר האָט זיך דאָס אַלץ דערמאָהנט און געטראַכט:

„מאָרגען צוועלף אַ זייגער איז ער פריי. לויט די בעדינגונגען וועל איך איהם דאַרפען בעצאָהלען צוויי מיליאָן. אויב איך וועל בעצאָהלען, איז אַלץ פערלוירען: כ׳בין פאָלשטענדיג רואינירט...״

מיט פופצעהן יאָהר צוריק האָט ער נישט געוואוסט די רעכענונג פון זיינע מיליאָנען, איצט האָט ער מורא געהאַט צו פרעגען זיך וואָס האָט ער מעהר — געלד אָדער חובות? דאָס אַזאַרטע בערזען־שפּיעל, די ריזיקאַלישע ספּעקולאַציעס און היציגקייט, פון וועלכע ער האָט זיך ניט געקאָנט אָבשיידען אפילו אויף דער עלטער, האָבען ביסלעכווייז געבראַכט זיינע געשעפטען צום אונטערגאַנג, און דער אונערשראָקענער, אין זיך איינגעליבטער, שטאָלצער גביר, איז געבליבען אַ באַנקיר פון מיטעלען שטאַנד, וואָס ציטערט פאַר יעדען שטייגען און פאַלען פון די פּאַפּירען.

— פערשאָלטענער וועט! — האָט געמורמעלט דער אַלטער, אין פערצווייפלונג האַפּענדיג זיך פאַר׳ן קאָפּ... — פאַרוואָס איז דער דאָזיגער מענש נישט געשטאָרבען? איהם איז ערשט פיערציג יאָהר, ער וועט ביי מיר צונעהמען דאָס לעצטע, וועט חתונה האָבען, אָנזעטיגענדיג זיך מיט לעבענס־פערגניגען, שפּיעלען אויף דער בערזע, און איך ווי אַן אָרימאַן, וועל קוקען מיט קנאה און יעדען טאָג הערען פון איהם איינע און דיזעלבע פראַגע: „איך בין פערפליכטעט אייך פאַר דאָס גליק פון מיין לעבען, ערלויבט מיר אייך צו העלפען!“ ניין, דאָס איז שוין צופיעל! די איינציגע רעטונג פון שאַנדע און באַנקראָט — איז דער טויט פון דעם דאָזיגען מענשען.

ס׳האָט געשלאָגען דריי אַ זייגער. דער באַנקיר האָט זיך צוגעהערט: אין שטוב האָבען אַלע געשלאָפען און ס׳האָט זיך נאָר געהערט, ווי הינטער די פענסטער האָבען גערוישט די פערפרוירענע ביימער. היטענדיג זיך נישט צו מאַכען דעם מינדסטען גערויש, האָט ער אַרויסגענומען פון דער אייזערנער שאַנק דעם שליסעל פון טהיר, וועלכע האָט זיך נישט געעפענט אין פערלויף פון פופצעהן יאָהר, אָנגעטהון דעם מאַנטעל און איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב.

אין גאָרטען איז געוועזען פינסטער און קאַלט. ס׳איז געגאַנגען אַ רעגען, אַ שאַרפער, פייכטער ווינד האָט זיך מיט אַ געבייזער געטראָגען איבער׳ן גאַנצען גאָרטען און האָט נישט געלאָזען צו רוה די ביימער. דער באַנקיר האָט אָנגעשטרענגט זיין בליק, נאָר ער האָט ניט געזעהן נישט די ערד, נישט די ווייסע סטאַטוען, ניט די אָפּיצינע

ניט די בוימער. צוגעהענדיג צו דעם אָרט, וואו ס'האָט זיך געפונען די אָפּיצינע, האָט ער צוויי מאָל הויך אויפ'ן קול אַ רוף געטהון דעם וועכטער. קיין ענטפער האָט זיך ניט געהערט; קענטיג, דער וועכטער האָט זיך בעהאַלטען פון שלעכטען וועטער און איז איצט געשלאָפען ערגעץ אין קוך אָדער אין אָראַנזשעריע.

„אויב כ'וועל האָבען גענוג מוט אויסצופיהרען מיין מיין, — האָט געטראַכט דער אַלטער: — וועט דער חשד פאַלען פריהער פאַר אַלץ אויפ'ן וועכטער.“

ער האָט אין דער פינסטער אָנגעטאַפּט די טרעפּ און איז אַריינגעגאַנגען אין דעם פאָדערהויז פון אָפּיצינע, דערנאָך האָט ער טאַפּענדיג זיך דערשלעפּט אין אַ קליינעם קאָרידאָר און אָנגעצונדען אַ שוועבעלע. דאָרט איז קיינער ניט געווען, ס'איז געשטאַנען עמיצענס אַ בעט אָהן בעטגעוואַנד און אין ווינקעל האָט זיך געטונקעלט אַן'אייזערנער אויווען. די שטעמפּלען אויף די טהירען, וואָס פיהרען אין צימער פון פערשלאָסענעם, זענען געווען גאַנץ.

אַז דאָס שוועבעלע האָט זיך פערלאָשען, האָט דער אַלטער, ציטערנדיג פון אויפרעגונג, אַריינגעקוקט אין דאָס קליינינקע פענסטער'ל.

אין צימער פון פערשלאָסענעם האָט טונקעל געברענט אַ ליכט. אַליין איז ער געזעסען ביים טיש. ס'האָט זיך נאָר געזעהן זיין רוקען, די האָהר אויפ'ן קאָפּ און די הענד. אויפ'ן טיש, אויף צוויי שטוהלען און אויפ'ן דיוואַן, נעבען טיש, זענען געלעגען אָפענע ביכער.

ס'איז דורכגעגאַנגען פינף מינוט און דער פערשלאָסענער האָט זיך קיין איין מאָל נישט אַ ריהר געטהון. די פופצעניעהריגע איינשליסונג האָט איהם אויסגעלערנט זיצען אונבעוועגליך. דער באַנקיר האָט אַ קלאַפּ געטהון מיט'ן פינגער אין פענסטער, און דער אַרעסטאַנט האָט ניט געענטפערט אויף דעם דאָזיגען קלאַפּ מיט קיין שום בעוועגונג. דעמאָלט האָט דער באַנקיר פאָרזיכטיג אַראָבגעריסען פון טהיר דעם שטעמפּעל און האָט אַריינגערוקט דעם שליסעל אין לאָך פון שלאָס. דער פערזשאַווערטער שלאָס האָט אַרויסגעגעבען אַ הייזעריגען קלאַנג און די טהיר האָט אַ סקריפּע געטהון. דער באַנקיר האָט ערוואַרט, אַז ס'וועט זיך באַלד דערהערען אַ פערוואונדערטער אויסגעשריי און טריט, נאָר ס'איז דורכגעגאַנגען דריי מינוט, און הינטער'ן טיר איז געווען אַזוי שטיל ווי פריהער, ער האָט בעשלאָסען אַריינצוגעהן אין צימער.

ביים טיש איז אונבעוועגליך געזעסען א מענש, ניט עהנליך אויף די געוועהנליכע מענשען. דאס איז געוועזען א סקעלעט, בעצויגען מיט הויט, מיט לאנגע פרויען-לאקען און מיט א קאלטענעוואטער באָרד. די פארב פון פנים איז געוועזען געל, מיט אנ'ערדישען אבגלאנץ, די באקען איינגעפאלען, די פלייצע לאנג און שמאל, און די האנד, מיט וועלכער ער האט אונטערגעלעהנט זיין בעוואקסענעם קאפ, איז געוועזען אזוי דין און דאר, אז ס'איז א שרעק געוועזען אויף איהם צו קוקען. אויפ'ן קאפ האבען זיך שוין געזילבערט גראהע האר, און קוקענדיג אויף דעם פערעלטערטען אויסגעמוטשעטען פנים, וואלט קיינער ניט נעגלויבט, אז איהם איז ערשט פיערציג יאהר. ער האט געשלאפען... אויפ'ן טיש, נעבען זיין איינגעבויגענעם קאפ, איז געלעגען א בויגען פאפיער, אויף וועלכען ס'איז געוועזען עפעס אויפגעשריבען מיט קליינע אותיות.

„ארימער מענש! — האט געטראכט דער אלטער — ער שלאפט און, וואהרשיינליך, זעהט ער אין חלום מיליאנען! און ס'איז גענוג נאר אנצונעהמען דעם דאזיגען האלב-טויטען, אווארף טהון אויפ'ן בעט, לייגט צושטיקען כיט'ן קישען, און די סאמע עהרליכסטע מעדיצינישע אונטערזוכונג וועט נישט געפינען קיין צייכענס פון א גוואלטזאמען טויט. יעדענפאלס לאמיר איבערלעזען פריהער, וואס ער האט דא אנגעשריבען...

דער באנקיר האט גענומען פון טיש דעם בויגען און האט איבערגעלעזען פאלגענדעס:

„מארגען צוועלף א זייגער בייטאג בעקום איך די פרייהייט און דאס רעכט פון צוזאמענלעבען מיט מענשען, נאר פריהער, איידער כ'וועל פערלאזען דאס דאזיגע צימער און וועל דערזעהן די זון, געפין איך פאר נויטיג צו זאגען אייך עטליכע ווערטער. מיט א ריינעם געוויסען און פאר גאט, וואס זעהט מיך, מעלד איך אייך, אז איך פעראכט די פרייהייט, דאס לעבען און געזונד, און דאס אלץ, וואס אין אייערע ביכער ווערט אנגערופען דאס גליק פון דער וועלט.

„פופצעהן יאהר האב איך אויפמערקזאם געלערנט דאס ערדישע לעבען. אמת, איך האב נישט געזעהן די ערד און די מענשען, נאר אין אייערע ביכער האב איך געטרונקען דופטיגען וויין, געזונגען לידער, האב זיך געיאגט אין די וועלדער נאך הירשען און ווילדע חיות, האב געליעבט פרויען... וואונדערשענע פרויען, שוועבענדע ווי די

זאלקענס, בעשאפען דורך דעם כשוף פון אייערע גניאלע פאעטען, האבען מיר בעזוכט ביי דער נאכט און מיר געשעפּטשעט וועלטען=
שענע מעשה'ליך, פון וועלכע דער קאפּ האט זיך מיר פער'שכור'ט.
אין אייערע ביכער האב איך זיך אויפגעהויבען אויף די שפּיצען פון
עלברום און מאנבלאן און האב פון דארטען געזעהן, ווי אין
דער פריה געהט אויף די זון און ווי פארנאכט פלעגט זי פערגיסען
דעם הימעל, דעם אקעאן און די בערג=שפּיצען מיט פייער=רויטען
גאלד; כ'האב געזעהן פון דארטען, ווי וואלקענס שפּרייטען זיך איבער
מיר, ס'האבען געפינקעלט בליצען. כ'האב געזעהן גרינע וועלדער,
פעלדער, טייכען, אזערעס, שטעדט, כ'האב געהערט דאס זינגען פון
סירענעס און דאס שפּיעלען פון פאסטוכער=פייפלעך, כ'האב בעריהרט
די פליגלען פון די שענע טייוואלים, וואס זענען געקומען צופליהען
צו מיר שמועסען וועגען גאט... אין אייערע ביכער האב איך זיך
געווארפען אין די טיעפסטע אבגרונדען, כ'האב בעוויזען נסים, כ'האב
געטויט מענשען, אונטערגעצונדען שטעדט, געפערדיגט נייע רעליגיא=
נען, בעזיעגט גאנצע מלוכה'ס...

„אייערע ביכער האבען מיר געגעבען חכמה. אלץ, וואס ס'איז
דורך דורות בעשאפען געווארען פון דעם אונערמידליכען מענשליכען
געדאנק, איז צונויפגעדריקט אין מיין מח אין א קליינעם הייפעל. איך
וויים, אז איך בין קליגער פון אייך אלעמען.

„און איך פעראכט אייערע ביכער, כ'פעראכט אלדאס גוטס פון
דער וועלט און די חכמה. אלץ איז קליינליך, ניט=אייביג, איינגעביל=
דעט און פערבלענדענד ווי א מיראזש. זאל זיין, איהר זייט שטאלץ
קלוג און שען, נאר דער טויט וועט אייך אראבווישען פון דער ערד
גלייך מיט די אונטערערדישע מייז, און אייער קומענדיגער דור, די
געשיכטע, די אונשטערבליכקייט פון אייערע געניעס וועלען פערפרוי=
רען ווערען אדער וועלען פערברענט ווערען צוזאמען מיט'ן ערד=קוגעל.

„איהר זייט פערריקט געווארען און געהט נישט אויף דעם ריכ=
טיגען וועג. ליגען נעמט איהר אן פאר אמת און העסליכקייט פאר
שענקייט. איהר וואלט פערוואונדערט ווערען ווען אויף עפּעל און פא=
מעראנצען=בוימער וואלטען אנשטאט פרוכטען אויסגעוואקסען פרעש און
יאשטשערקעס, אדער רויזען וואלטען אנהויבען ארויסגעבען א ריח פון
א שוויציגען פערד; אזוי וואונדער איך זיך אויף אייך, וואס איהר
האט פערביטען דעם הימעל אויף דער ערד. איך וויל אייך נישט

פערשטעהן.

„כדי צו דערוויזען אייך אין דער ווירקליכקייט מיין פעראכטונג צו דעם, מיט וואס איהר לעבט, זאג איך זיך אב פון די צוויי מיליאן, וועגען וועלכע איך האב א מאל פאנטאזירט, ווי וועגען גן־עדן, און וועלכע איך פערהאס איצט. כדי צו פערליערען דאס רעכט אויף זיי, וועל איך ארויסגעהן פון דאנען מיט פינף שעה פריהער פאר דער בעשטימטער צייט און כ'וועל אויף אזא אופן ברעכען דעם קאנטראקט..."

דורכלעזענדיג עס, האט דער באנקיר אוועקגעלעגט דאס פאפיער אויפ'ן טיש, א קוש געטהון דעם זעלטזאמען מענשען אין קאפ, פונאנדערגעוויינט זיך און ארויסגעגאנגען פון אפיצינע. קיינמאל נישט, אפילו נאך דער גרעסטער מפלה אויף דער בערזע, האט ער נישט געפיהלט אזא פעראכטונג צו זיך אליין, ווי איצט. קומענדיג אהיים האט ער זיך געלעגט אין בעט, נאר אויפרעגונג און טרעהרען האבען איהם נישט געלאזען אנטשלאפען ווערען...

אויפ'ן צווייטען טאג אין דער־פריה זענען בלאסע געקומען צולויפען די וועכטער און האבען איהם מיטגעטיילט, אז זיי האבען געזעהען, ווי דער מענש, וואס וואוינט אין אפיצינע, איז דורכגעקראכען דורכ'ן פענסטער אין גארטען, צוגעגאנגען צום טויער, דערנאך איז ער ערגעץ פערשוואונדען געווארען. צוזאמען מיט די דיענער איז דער באנקיר באלד אוועק אין אפיצינע און האט בעשטעטיגט דעם ארעסטאנט'ס אנטלויפען. כדי נישט אנצומאכען קיין איבעריגע רייד, האט ער גענומען פון טיש דאס פאפיר מיט דעם אבזאג, און אהיים קומענדיג האט ער עס פערשלאסען אין דער אייזערנער שאנק.

א העלדישער מאן

א. פ. טשעכאָוו.

אַ העלדישער מאַן.

פעאָדאָר פעאָדאָראָוויטש פיגאַיעוו באַלד נאָכדעם, ווי ער האָט געכאַפּט זײַן פרוי „אויף דעם אָרט פון פערברעכען", איז געשטאַנען אין געוועהר-מאַגאַזין פון „שמוקס עט קאָמפּ." און האָט צוגעקליבען אַ פּאַסענדען רעוואָלווער. זײַן געזיכט האָט אויסגעדריקט צאָרן, בעלײדיגונג און ענטשלאָסענהײט.

„איך ווײס, וואָס איך האָב צו טהון."... — האָט ער געטראַכט. — די פאַמיליען-פּרינציפּען זענען אויסגעלאַכט, די עהרע צוטראָטען אין שמוץ, די זינד טריאומפירט, און דעריבער דאַרף איך אַלס אַ בירגער און ערענטליכער מאַן, נקמה נעהמען. פריהער וועל איך זי דערהרג'ענען און איהר ליעבהאָבער, און דערנאָך זיך אַלײן"...

ער האָט נאָך ניט אויסגעקליבען קײן רעוואָלווער און קײנעם נאָך ניט דערהרג'עט, נאָר זײַן פאַנטאַזיע האָט איהם שוין געמאָלט דרײַ פערבלוטיגטע קערפּערס, צעשמעטערטע מוחות, רינענדער מאַרך, אַ געפילדער פון נארישען עולם, דאָס פּאַלמעסען... מיט דער אכזריות פון אַ בעלײדיגטען מענשען האָט ער זיך פאָרגעשטעלט דעם שרעק פון דער פאַמיליע און פונ'ם פּובליקום, די טויט-כּמאַטערניש פון דער פערברעכערין און אין געדאַנקען האָט ער שוין געלעזען לײַט-אַרטיקלען, וועלכע רײדען וועגען דער צופאַלונג פון די פאַמיליען-יסודות.

דער פּריקאַשטשיק פון מאַגאַזין — אַ לעבעדיג, פראַנצויזיש פּיגורל מיט אַ בײַכעל און אין אַ ווײַסען וועסט — האָט איהם פאָר פונאַנדערגעלעגט רעוואָלווערען און, שמײכלענדיג מיט דרך ארץ, האָט ער געזאָגט:

— אין וואָלט אײַך געראַטען, מאָסיע, נעהמען אָט דעם אויס-

געצייכענטען רעוואלווער, דאס סיסטעם פון סמיט און וועססאן. דאס לעצטע ווארט פון דער פייערגעווער-וויסענשאפט מיט א הילזען-ארויסווארפער. די דורכשניטליכע ווייטקייט איז זעקס הונדערט טריט. איך מאך אייך אויפמערקזאם, מאסיע, אויף די גוטע אויסרבייטונג. דאס סאמע מאדערנסטע סיסטעם, מאסיע... טאג-טעגליך פערקויפען מיר צעגדליגער פאר מערדער, וועלף און ליובאווניקעס. זעהר א ריכטיגער און שטארקער קלאפ, טרעפט אויף דער גרעסטער ווייטקייט און דער’הרג’עט אויפ’ן ארט דאס ווייב און דעם ליובאווניק, וואס אמבעלאנגט זעלבסטמערדער, מאסיע, ווייס איך שוין נישט קיין בעסערע סיסטעם...

דער פריקאשטשיק האט אויפגעהויבען און אראבגעלאזען דאס צינגעל, געאטעמט אויף די רעהרלעך, האט זיך געציעלט און געמאכט א מינע, גלייך ער קען נישט אבהאפען דעם אטעם פון פרייד. קוקענדיג אויף זיין ענטציקט פנים, האט מען געקאנט מיינען, אז ער אליין וואלט זיך גערן אריינגעלאזען א קויל אין שטערן, ווען ער וואלט נאר פערמאגט א רעוואלווער פון אזא זעלטענעם סיסטעם, ווי סמיט און וועססאן.

— און וויפיעל קאסט עס? — האט געפרעגט סיגאיעוו.

— פינף און פיערציג רובל, מאסיע.

— הם!.. פאר מיר איז עס טייער.

— אויב אזוי, מ-סיע, וועל איך אייך פארלעגען אנ’אנדער סיסטעם, א ביליגערס. אט, דאס ווילט איהר ניט א קוק טהון? ביי אונז איז א גרויסער אויסוואהל, צו פערשיעדענע פרייזען... צום ביישפיעל, דער רעוואלווער פון לעפאשע’ס סיסטעם קאסט איננאנצען אכטצעהן רובל, נאר... (דער פריקאשטשיק האט זיך געקארטשעט מיט פעראכטונג)... נאר, מ-סיע, דאס דאזיגע סיסטעם איז שוין א פערעלטערטער. איהם קויפען נאר פערשפיצטע פראלעטאריער און פסיכאפאטקעס. דערשיסען זיך אדער דער’הרג’ענען א ווייב פון א לעפאשע רעכענט זיך יעצט אלס א צייכען פון א שלעכטען טאן. א גוטער טאן ווערט נאר אנערקענט סמיט און וועססאן.

— איך האב ניט קיין שום נויטיגקייט צו שיסען זיך, ניט צו דער’הרג’ענען — האט אומעטיג געלייגט סיגאיעוו. — איך קויף עס פראסט אויף א דאטשע... שרעקען די גנבים...

— אונז איז אלץ איינס, נאך וואס איהר קויפט, — האט

געשמייכעלט דער פריקאַשטשיק, מיט עניות אַראָבלאָזענדיג די אויגען, — אויב מיר וואָלטען זיך ביי יעדען צופאַל פעראינטערעסירט וועגען די אורזאַכען, וואָלט אונז, אויסגעקומען צו פערמאַכען דעם מאַגאַזין. אויף שרעקען גנבים, מאַסיע, איז לעפּאָשע נישט פּראַקטיש, ווייל ער ניט אַרוים אַ שטילען, שוואַכען קלאַנג, און איך וואָלט אייך פאָרגעלעגט אַ געוועהנליכען הילזען פּיסטאָלעט מאַרטימיר, דער אַזוי־גערופענער דועל־פּיסטאָלעט...

"צו זאָל איך איהם אפשר אַרויסרופען אויף אַ דועל? — האָט אַ בליץ געטאָן אין קאָפּ סיגאַיעוו'ן. — איבעריגענס, ס'איז צו־פיעל כבוד... אַזעלכע באָלוואַנעס דאַרף מען דער'הרג'ענען ווי אַ הונד"...

דער פריקאַשטשיק, גראַציעז שאָקלענדיג זיך און צוקלאַפּענדיג מיט די פּיסלעך, ניט אויפהערענדיג צו שמייכלען און פּלוידערן, האָט אויסגעלעגט פאַר איהם אַ גאַנצען באַרג רעוואָלווערען. אַפּעטיטליכער און צוציהענדער פון אַלע איז געווען סמיט און וועססאָן. סיגאַיעוו האָט גענומען אין די הענד איין רעוואָלווער פון דעם דאָזיגען סיסטעם. טעמפּ זיך אָבגעשטעלט אויף איהם און זיך פערטיפט אין מראַכטען. זיין פאַנטאַזיע האָט איהם געמאָלט, ווי אַזוי ער צעשמעטערט מחות, ווי דאָס בלוט פליסט טייכענווייז איבער'ן דיוואַן און פאָדלאָגע, ווי עס צאַפּעלט זיך די פיס פון דעם שטאַרבענדער פערברעכערין... נאָר פאַר זיין צאָרנדיגע האַרץ איז דאָס ווייניג געווען. בלוטיגע בילדער, דער געיאָמער און שרעק האָבען איהם ניט בעפרידיגט... מ'האָט געדאַרפט אויסטראַכטען עפּעס מעהר שרעקליכעס.

„אָט וואָס, איך וועל איהם דער'הרג'ענען און זיך אויך, — האָט ער אויסגעטראַכט, — און איהר וועל איך לאָזען לעבען. זאָל זי זיך מוטשען פון געוויסענס־ביסען און פון די פעראַכטונג פון די אַרומיגע. דאָס איז פאַר אַזאַ נערוועזער נאַטור, ווי זי, פיעל פּייניגענדער ווי דער טויט"...

און ער האָט זיך פאָרגעשטעלט זיין לויה: ער אַ בעלעדיגטער ליגט אין טרומנע, מיט אַ קורצען שמייכעל אויף די ליפּען, און זי, אַ בלאַסע, אַ פערמאַטערטע פון געוויסענס־ביסען, געהט נאָך דער

לויה, ווי ניאָבאַ*) און ווייסט ניט, וואו זיך אהינצוטהון פון די ערנידעריגענדע, פעראַכטענדע בליקען, וועלכע עס וואַרפט אויף איהר דער אויפגערעגטער עולם...

— איך זעה, מסיע, אַז אייך געפעלט סמיט און וועססאָן, — האָט דער פריקאַשטשיק איבערגעשלאָגען זיינע פאַנטאַזיעס. — אויב ס'געהט אייך אין דעם, וואָס ס'איז צו טייער, וועל איך אייך אַראָבלאָזען פינף רובל... איבעריגענס, ביי אונז איז נאָך דאָ אַנדערע סיסטעמען, ביליגערע.

דאָס פראַנצויזישע פיגור'ל האָט זיך גראַציעז אומגעדרעהט און האָט אַראָבגענומען פון די פאָליצעס נאָך אַ טוץ שאַכטלען מיט רעוואָלווערען.

— אָט, מסיע, דאָס קאָסט דרייסיג רובל. דאָס איז ניט טייער, דערצו נאָך, איז דער קורס שרעקליך אַראָבגעפאַלען, און די גרענעץ־אָבצאָהלונגען, מסיע, העכערן זיך יעדער שעה. איך שווער אייך ביי גאָט, מסיע, איך בין אַ קאָנסערוואַטאָר, נאָר איך הויב שוין אויך אָן צו זיין אונצופריעדען! דער קורס און דער גרענעץ־אָבצאָהל האָבען געמאַכט, אַז איצט קאָנען זיך ערווערבען געוועהר נאָר די רייכע! פאַר די אָרימע איז נאָר געבליבען טולער ביקסען און פאָספאָר־שוועבעליך, און טולער־ביקסען — דאָס איז אַנ'אומגליק! דו שיסט פון אַ טולער־רעוואָלווער אין דער וואַנט, און טרעפסט נאָר זיך אין פּלייצע...

סיגאַיעוו'ן איז מיט אַמאָל געוואָרען בנגג און בעליידיגענד, וואָס ער וועט זיין טויט און וועט ניט זעהן די פּייניגונג פון דער פערברעכערין. נקמה איז נאָר דעמאָלט זיס ווען דו האָסט די מעגליכקייט צו זעהן און אָנצוטאַפּען איהרע פרוכטען, אָבער וואָס קומט

---

*) ניאָבאַ (פון דער גריכישער מיטהאָלאָגיע) אַמפיאָנאַ'ס, דעם טיבע'שען קעניג'ס ווייב, האָט זיך שטאָלץ געהאַלטען פאַר לאַטאָנאַ די מוטער פון אַפּאָלאָן און אַרטעמידאַ (גריכישע געטער), אַז זי האָט געהאַט 14 קינדער, לאַטאָנאַ, ניט פערגינענדיג איהר, האָט אָנגערעדט איהרע קינדער, אַז זיי זאָלען אויס'הרג'ענען ניאָבאַס קינדער. נאָך דעם טויט פון איהרע קינדער און מאַן איז ניאָבאַ פון עגמת נפש פערשטיינערט געוואָרען און פון די פערשטיינערטע אויגען האָבען זיך דאָך געגאָסען טרעהרען.

דער איבערזעצער.

ארוים, אויב ער וועט ליגען אין קבר און גאָרנישט וויסען.

„צי זאָל איך ניט טהון אַזוי, — האָט ער געטראַכט — כ'וועל דער'הרג'ענען איהם, דערנאָך וועל איך זיין אויף דער לויה. און נאָך דער לויה וועל איך זיך דער'הרג'ענען... איבעריגענס ביז דער לויה וועט מען מיך ארעסטירען און אָבנעמען דאָס געוועהר... בלייבט אַזוי! איהם וועל איך דערהרג'ענען, זי וועט בלייבען לעבען, איך... ביז וואָס ווען וועל איך זיך ניט דער'הרג'ענען און וועל געהן זיצען. דער'הרג'ענען זיך וועל איך שטענדיג האָבען צייט. דער ארעסט איז נאָר דערמיט, וואָס אויף דער ערשטער אויספאָרשונג וועל איך האָבען די מעגליכקייט אויפצודעקען פאַר דער מאַכט און פאַר דער געזעלשאַפט די גאַנצע נידעריגקייט פון איהר אויפפיהרונג. אויב אָדער כ'וועל זיך דער'הרג'ענען, וועט זי געוויס, מיט איהר איינגענשאַפטליכע ליגען און חוצפה, אין אַלץ בעשולדיגען מיר, און די געזעלשאַפט וועט בערעכטיגען איהר אויפפיהרונג און, געוויס, נאָך שפּאָטען פון מיר; אויב אָבער איך וועל בלייבען לעבען, איז...

אין אַ מינוט ארום האָט ער געטראַכט:

„יאָ אויב כ'וועל זיך דער'הרג'ענען, וועט מען, געוויס, מיך בעשולדיגען און חושד זיין אין בעגרענצטען געפיהל... און דערצו נאָך, פאַר וואָס זאָל איך זיך דער'הרג'ענען? דאָס איז איין מאָל, צווייטענס, דערשיסען זיך — הייסט דערשרעקען זיך. בלייבט אַזוי: איהם וועל איך דער'הרג'ענען, איהר וועל איך לאָזען לעבען, איך וועל איבערגעגעבען ווערען צום געריכט. מיך וועט מען משפט'ן, און זי וועט אויפ'ן געריכט פיגורירען ווי אַנ'עדות... איך שטעל זיך פאַר איהר צורורערטקייט, איהר שאַנדע, ווען ס'וועט איהר אויספרעגען מיין פערטיידיגער! די סימפאַטיען פון די ריכטער, פון פובליקום און דער פרעסע וועלען זיין, געוויס, אויף מיין זייט...

ער האָט זיך איבערגעלעגט, און דער פריקאַשטשיק האָט פונאַנדערגעלעגט פאַר איהם סחורה, און געהאַלטען פאַר זיין פליכט צו פערברענגען מיט דעם קונה.

— אָט איז אַ נייע ענגלישע סיסטעם, גאָר ניט לאַנג בעקומען, — האָט ער געפלוידערט, — נאָר איך בין אייך מתרה, מסיע, די אַלע סיסטעמען זענען גאָרנישט געגען סמיט און וועססאָן. די טעג, — געוויס, האָט איהר שוין געלעזען — האָט איין אָפיציר ביי אונז זיך ערוואָרבען אַ רעוואָלווער פון סמיט און וועססאָן'ס סיסטעם. ער

האָט אויסגעשאָסען אינ'ם ליובאָווניק און — וואָס=זשע מיינט איהר — די קויל האָט אַריינגעדרונגען דורך און דורך, האָט צוקלאַפּט דערנאָך אַ בראָנזאָווע לאָמפּ, דערנאָך דעם ראָיאַל, און פון ראָיאַל, פּלאַצענדיג האָט זי צוקלאַפּט אַ באַלאָנקע*) און צוקאַלעטשעט דאָס ווייב. דער עפעקט איז אַ גלענצענדער און מאַכט פיעל עהרע אונזער פירמע. דער אָפּיציר איז יעצט אַרעסטירט... איהם וועט מען, געוויס, בע=שולדיגען און פערשיקען אויף קאַטאָרגע! ערשטענס, איז די געזעצ=געבונג ביי אונז זעהר אַ פערעלטערטע; צווייטענס, מסיע, איז דער סוד שטענדיג אויפ'ן ליובאָווניק'ס זייט. פאַרוואָס? זעהר איינפאַך, מסיע! אי די ריכטער, אי די געשוואָרענע, אי דער פּראָקוראָר, און דער פערטיידיגער לעבען אַליין מיט פרעמדע ווייבער און פאַר זיי איז בעסער, אויב אין רוסלאַנד וועט זיין מיט איין מאַן וועניגער. דער געזעלשאַפט וואָלט געוועזען אַנגענעהם, ווען די רעגירונג וואָלט אַוועק=געשיקט אַלע מענער נאָך סאַכאַלין. אָה, מסיע, איהר ווייסט גאָר=נישט, וואָס פאַר אַ צאָרן ס'רופט ביי מיר אַרויס די איצטיגע שלעכ=טע מדות! ליעבען פרעמדע ווייבער איז איצט אַזוי אָנגענומען, ווי רויכערן פרעמדע פּאַפּיראָסען און לעזען פרעמדע ביכער, מיט יע=דען יאָהר גיעבען אונזערע געשעפטען אַלץ ערגער און ערגער, — דאָס בעדייט נישט, אַז די ליובאָווניקעס ווערען אַלץ וועניגער, נאָר ס'בעדייט, אַז די מענער שטעלען זיך צופריעדען מיט זייער לאַגע און האָבען מורא פאַר'ן געריכט, און פאַר קאַטאָרגע...

דער פּריקאַשטשיק האָט זיך אַרומגעקוקט און געשעפּטשעט:

— און ווער איז שולדיג, מסיע? די רעגירונג!

„געהן אין סאַכאַלין צוליעב עפּעס אַ חזיר איז אויך נישט קלוג, — האָט זיך בעקלערט סיגאַיעוו — אויב איך וועל געהן אויף קאַטאָרגע, וועט דאָס נאָר געבען דאָס ווייב די מעגליכקייט אַ צווייטען מאָל חתונה צו האָבען און אָבצונאַרען דעם צווייטען מאַן, זי וועט טריאומפירען... אַלזאָ: איהר וועל איך לאָזען לעבען, זיך וועל איך ניט דער'הרג'ענען, איהם וועל איך אויך ניט דער'הרג'ע=נען. מ'דאַרף אויסטראַכטען עפּעס=אַזוינס מעהר קליגערס. כ'וועל זיי משפּט'ן מיט זיין פעראַכטונג און וועל אויפהויבען אַ סקאַנדאַל וועגען גט=פּראָצעס...“

— אָט, מסיע, נאָך אַ נייע סיסטעם, — האָט געזאָגט דער פּריקאַשטשיק, אַראָבנעהמענדיג פון פּאָליצע אַ נייע טוץ, — איך מאַך

אײַך אויפמערקזאַם אויף דעם אָריגינעלען מעכאַניזם פון שלאָס...

נאָך דעם לעצטען בעשלום איז סיגאַיעוו'ן שוין מעהר ניט נויטיג געווען קיין רעוואָלווער, און דער פּריקאַשטשיק, בעגײַסטערענדיג זיך דערווײַל אַלײן מעהר און מעהר, האָט ניט אויפגעהערט פונאַנדערלעגען פאַר איהם זײַן סחורה. דעם בעלעדיגטען מאַן איז געוואָרען געוויסענהאַפט, וואָס צוליעב איהם האָט זיך דער פּריקאַשטשיק אומזיסט בעמיהט, אומזיסט ענטציקט, געשמײַכעלט, פערלאָרען צײַט..

— גוט, אויף אַזאַ אופן... — האָט ער געמורמעלט, — וועל איך שפּעטער אַרײַנקומען, אָדער... אָדער כ'וועל שיקען חעמען עס איז.

ער האָט ניט געזעהען, וואָס פאַר אַנ'אויסדרוק ס'האָט געהאַט דעם פּריקאַשטשיק'ס פּנים, גאָר, כדי חאָטש אַ ביסעל צו פערגלעטען די אונבעקוועמליכקײַט, האָט ער געפיהלט אַ נויטיגקײַט צו קויפען וואָס עס איז. נאָר וואָס־זשע זאָל ער קויפען? ער האָט בעטראַכט די וועגד פון מאַגאַזין, אויסקלויבענדיג דאָס ביליגסטע, און ער האָט אָבגעשטעלט זײַן בליק אויף אַ גרינגע נעץ, וואָס איז געהאַנגען נעבען טהיר.

— דאָס... דאָס וואָס איז אַזוינס? — האָט ער געפרעגט.

— דאָס איז אַ נעץ אויף צו חאַפּען וואַכטלען.

— און וואָס קאָסט עס?

— אַכט רובל, מסיע;

— פּערפעקט מיר...

דער בעלײַדיגטער מאַן האָט בעצאָהלט אַכט רובל, האָט גענומען די נעץ און פיהלענדיג זיך נאָך מעהר בעלײַדיגט איז ער אַרויסגעגאַנגען פון מאַגאַזין.

אניוטא

א. פ. טשעכאוו.

אניוטא.

אין דעם סאמע בילינגסטען נומער פון די מעבלירטע צימערן „ליסאבאן" איז פון איין ווינקעל אין צווייטען געגאנגען הין און צוריק דער סטודענט-מעדיצין פון דריטען קורס סטעפאן קלאטשקאוו און האט געטריי גע'חור'ט זיין לעקציע. פון דעם אונאויפהערליכען מורמלען איז איהם טרוקען געווארען אין מויל און אויפ'ן שטערן האט זיך בעוויזען שווייס.

ביי'ם פענסטער, וואס איז געווען אין די ווינקעלעך פערצויגען מיט אייז-צייכנונגען, איז געזעסען אויף א טאבורעטקע זיין מיטוואוינערין אניוטא, א קליינע, דארע ברונעטקע פון א יאהר פינף-און צוואנציג, זעהר א בלאסע, מיט קליינע גרויע אויגען. איינבויגענדיג די פלייצעס האט זי אויסגענעהט מיט רויטע פאדים אויף דעם קראגען פון א מענערשע פארהעמדעל. די ארבייט איז געווען אנ'איילינגע. דער קארידער-זייגער האט הייזעריג געשלאגען צוויי בייטאג און אין צימער איז נאך ניט געווען אויפגעראמט. די צוזאמענגעקנייטשטע קאלדרע, פונאנדערגעווארפענע קישענס, ביכער, קליידער, א גרויסע, שמוציגע שיסעל, אנגעפילט מיט שמוציג וואסער, אין וועלכע ס'זענען ארומגעשוואומען פאפיראסען-קארקעס, דאס מיסט אויף דער פאדלאגע, — אלץ, האט זיך געדאכט, איז געווען צונויפגעווארפען אין איין קופע, עקסטרע צונויפגעמישט, צונויפגעקנייטשט...

— די רעכטע לונגען בעשטעהט פון דריי טיילען... — חור'ט קלאטשקאוו. — די גרעניצען! דער אויבערשטער טייל אויף דער פאדערשטער ברוסט-ווענדטיל דערגרייכט ביז 4—5 ריפ, אויף דער זייט-אויבערפלעכע ביז דער פיערטער ריפ...

קלאטשקאוו, מאטערנדיג זיך פארצושטעלען דאס נאר-וואס דורכ-

געלעזענע, האָט אויפגעהויבען די אויגען צום באַלקען. ניט בעקומענדיג קיין קלאָרע פאָרשטעלונג, האָט ער אָנגעהויבען אָנצוטאַפּען ביי זיך דורכ'ן וועסטעל די אויבערשטע ריפּען.

— די דאָזיגע ריפּען זענען ערגליך אויף ראַיאַל קלאַוויִשען — האָט ער געזאָגט — כדי ניט צונויפפּלאָנטערן זיך אין רעכנונג, דאַרף מען אומבעדינגט זיך צוגעוואוינען. ס'וועט אויסקומען צושטודירען אויף אַ סקעלעט און אויף אַ לעבעדיגען מענשען... אַנו, אַניוטאַ, לאָז, כ'וועל זיך אָריענטירען!

אַניוטאַ האָט איבערגעלאָזען דאָס אויסנייען, אויסגעטהון די בלוזקע און זיך אויסגעגלייכט. קלאָטשקאָוו האָט זיך געזעצט געגענאיבער איהר, אָנגעבלאָזען זיך און אָנגעהויבען צעהלען איהרע ריפּען.

— הם... די ערשטע ריפּ דערלאָזט זיך ניט אָנטאַפּען... זי איז אונטער'ן גאָרגעל-ביין... אָט דאָס וועט זיין די צווייטע ריפּ... אַזוי איז עס... דאָס איז די דריטע... דאָס איז די פערטע... הם... אַזוי איז עט... וואָס קאָרטשעסטו זיך?...

— די פינגער זענען ביי אייך קאַלטע!

— נו, נו... וועסט ניט שטאַרבען, דרעה זיך ניט. הייסט עס, דאָס איז די דריטע ריפּ, און דאָס די פערטע. לויט'ן אויסזעהן ביסטו אַזאַ מאָגערע, און די ריפּען קאָן מען קוים אָנטאַפּען. דאָס איז די צווייטע... דאָס איז די דריטע... ניין, אַזוי וועסטו זיך נאָך פערפּלאָנטערן און וועסט דיר ניט קאָנען פאָרשטעלען קלאָר... ס'וועט אויסקומען אָנצוריסעווען. וואו איז מיין שטיקעל קויל?

קלאָטשקאָוו האָט גענומען דאָס שטיקעל קויל און האָט מיט איהם אָנגעצייכענט אויפ'ן ברוסט ביי אַניוטאַ'ן עטליכע פּאַראַלעלע ליניעס, ערגליכע אויף די ריפּען.

— אויסגעצייכענט. אַלץ ווי אויפ'ן האַנד. נו, און יעצט קאָן מען אויך אַ קלאַפּ טהון. שטעל דיך אויף!

אַניוטאַ איז אויפגעשטאַנען און האָט אויפגעהויבען די קין. קלאָטשקאָוו האָב זיך אַזוי פערטיעפט אין זיין בעשעפטיגונג, אַז ער האָט ניט בעמערקט, ווי די ליפּען, די נאָז און די פינגער ביי אַניוטאַ'ן זענען בלוי געוואָרען פון קעלט. אַניוטאַ האָט געציטערט און מורא געהאַט, אַז דער סטודענט בעמערקענדיג איהר ציטערן, וועט אויפהערען צו צייכענען מיט'ן קויל און קלאַפּען, און דערנאָך וועט ער שלעכט אויסהאַלטען דעם עקזאַמען.

— איצט איז אַלץ קלאָר — האָט געזאָגט קלאַטשקאָוו אויפהערענדיג צו קלאַפּען. — דו זיין אַזוי, און וויש ניט אָב די צייכנונג און איך וועל דערווייל אַ חזר טהון אַ ביסעל.

און דער סטודענט האָט ווידער אָנגעהויבען אַרומגעהן און חזר'ן. אַניוטא פּונקט ווי אַ טאַטואירטע, מיט שוואַרצע פּאַסען אויף די ברוסט, אַ צונויפגעקאָרטשעטע פון קעלט, איז געזעסען און געטראַכט. זי פלעגט אין אַלגעמיין רעדען זעהר ווייניג. זי האָט שטענדיג געשוויגען און אַלץ געטראַכט, געטראַכט...

פאַר די זעקס—זיבען יאָהר פון איהר וואַנדערן איבער די מעבלירטע צימערן, האָט זי אַזעלכע מענשען ווי קלאַטשקאָוו געקענט פינף. איצט האָבען זיי שוין אַלע געענדיגט די קורסען זענען געוואָרען לייט און, געוועהנליך, ווי אַנשטענדיגע מענשע, האָבען זיי איהר שוין לאַנג פערגעסען. איינער פון זיי וואוינט אין פּאַריז, צוויי זענען דאָקטוירים, דער פיערטער איז אַ מאַלער און דער פינפטער, זאָגט מען אַפילו, איז אַ פּראָפעסאָר. קלאַטשקאָוו — דער זעקסטער... באַלד וועט אויך ער ענדיגען דעם קורס, וועט ווערען אַ מענש. זעהן צווייפעל, די צוקונפט איז אַ גאַנץ שענע און פון קלאַטשקאָוו'ן וועט געווים אַרויסקומען אַ גרויסער מענש, נאָר די געגענוואַרט איז זעהר שלעכט: קלאַטשקאָוו האָט ניט קיין טאַבאַק, ס'איז ניטאָ קיין טהיי, און צוקער איז געבליבען פיער שטיקלעך. מ'דאַרף וואָס גיכער ענדיגען דאָס אויסנעהען, אָבטראָגען צו דער בעשטעלערין און קויפען פאַר די בעקומענע פינף-און-צוואַנציג קאָפּיקעס אי טהיי אי טאַבאַק.

— מ'קאָן אַריינגעהן? — האָט זיך געהערט אונטער'ן טהיר.

אַניוטא האָט אויף גיך אַרויפגעוואָרפען אויף די פּלייצע אַ וואָלען טיכעל. ס'איז אַריינגעגאַנגען דער מאַלער פעטיסאָוו.

— און איך קום צו אייך מיט אַ בקשה — האָט ער אָנגעהויבען, ווענדענדיג זיך צו קלאַטשקאָוו'ן און טהיריש קוקענדיג פון אונטער די האָר, וואָס זענען אַראָבגעהאַנגען איבער'ן שטערן — טהוט אַ טובה, באָרגט מיר אייער שענע מיידעל אויף אַ שעה צוויי! איך שרייב, פערשטעהט איהר מיך, אַ בילד און אָהן אַ מאָדעל איז פאַר קיין פאַל ניט מעגליך!

— אַך, מיט פערגניגען! — האָט איינגעשטימט קלאַטשקאָוו — געה, אַניוטא.

— וואָס האָב איך דאָרט אַזוינס ניט געזעהן! — האָט שטיל-

ארויסגערעדט אניוטא.

— נו, גענוג! דער מענש בעט דאך פאר דער קונסט, ניט צוליעב וועלכע ס'איז נארישקייטען. פארוואס זאלסטו ניט העלפען, אויב דו קאנסט?

אניוטא האט זיך אנגעהויבען אנטהון.

— און וואס שרייבט איהר? — האט געפרעגט קלאטשקאוו.

— פסיכעא. א גוטער סיוזשעט, נאר ס'קומט אלץ עפעס ניט ארויס; ס'קומט אלץ אוים פון פערשיעדענע מאדעלקעס צו שרייבען. נעכטען האב איך געשריבען פון איינע מיט בלויע פים. פארוואס, פרעג איך, איז ביי דיר בלויע פים? דאס, זאגט זי, פארבען די זאקען. און איהר חור'ט אלץ. א גליקליכער מענש, איהר האט געדולד.

— די מעדיצין האט שוין אזא איינגעשאפט, אז דו וועסט זיך פאר קיין פאל ניט בעגעהן אהן חור'ן.

— הם... ענטשולדיגט, קלאטשקאוו, נאר איהר לעבט זעהר חזיר'יש! דער שווארץ יאהר ווייסט ווי אזוי איהר לעבט!

— וואס הייסט ווי אזוי? אנדערש קען מען נישט לעבען... פון טאטען קריג איך בלויז צוועלף רובל א חודש, און פאר דעם געלד איז שווער צו לעבען ווי געהעריג איז.

— אזוי איז עס, אזוי... — האט דער מאלער געזאגט און עקלענדיג האט ער זיך געקנייטשט: — נאר מ'קען יערענפאלס לעבען בעסער... אנ'ענטוויקעלטער מענש דארף אומבעדינגט זיין אנ'עסטעטיק. ניט אמת? און ביי אייך דא, דער שווארץ יאהר ווייסט וואס ס'טהוט זיך! דאס בעט איז ניט אויפגערוימט, שמוציג וואסער, מיסט... די נעכטיגע קאשע אויפ'ן טעלער... טפו!

— דאס איז אמת, — האט געזאגט דער סטודענט און האט זיך פערשעמט: — נאר אניוטא האט היינט קיין צייט ניט געהאט אויפצורוימען. זי איז די גאנצע צייט פערנומען.

ווען דער מאלער און אניוטא זענען ארויסגעגאנגען, האט קלאטשקאוו זיך געלעגט אויף דער קאנאפע און אנגעהויבען חור'ן ליגענדיג. דער נאך איז ער פלוצלונג אנטשלאפען געווארען, און אויפחאפענדיג זיך אין א שעה ארום, האט ער אונטערגעשפארט דעם קאפ מיט די פויסטען און זיך אומעטיג פערטראכט. איהם האט זיך דערמאהנט די ווערטער פונ'ם מאלער, אז אנ'ענטוויקעלטער מענש דארף זיין אנ'עסטעטיק, און זיין צושטאנד האט איהם אין דער ווירקליכקייט איצט אויסגעזעהן העס-

ליך און אבשטויסענד. ער האט מיט זיין שכל פארגעזעהן זיין גאנצע צוקונפט, ווען ער וועט אננעהמען זיינע קראנקע אין א קאבינעט, טרינקען טהיי אין א לופטיגען עס־צימער, אין דער געזעלשאפט פון א פרוי, אנ'אנשטענדיגע פרויענצימער, — און איצט די דאזיגע שיסעל מיט שמוציג וואסער, אין וועלכער ס'זענען געשוואומען פאפיראסען־קארקעס, האט אויסגעזעהן, אויסערגעוועהנליך העסליך. אניוטא האט זיך איהם פארגעשטעלט ניט קיין שענע, אנ'אבגעלאזענע, א נעבעכדיגע... און ער האט בעשלאסען פונאנדערגעהן זיך מיט איהר, גלייך, וואס ס'זאל ניט געשעהן.

ווען זי איז צוריקגעקומען פונ'ם מאלער און אויסגעטהון דאס פוטער, האט ער זיך אויפגעהויבען און געזאגט צו איהר מיט ערנסט:

— אט וואס, מיין ליעבע... זעץ זיך און הער אויס. מיר דארפען זיך פונאנדערגעהן! מיט איין ווארט, וואוינען צוזאמען מיט דיר וויל איך ניט מעהר.

אניוטא האט זיך אומגעקעהרט פונ'ם מאלער א פערמאטערטע, אנ'אויסגעמוטשעטע. פון לאנגען שטעהן אלס מאדעל האט דאס פנים בעקומען א שלעכטען אויסזעהן. זי איז דאר געווארען און די קיהן איז געווארען שפיציגער. אויף'ן סטודענט'ס ווערטער, האט זי גארניט געענטפערט, בלויז די ליפען האבען איהר אנגעהויבען ציטערן.

— מוזסט דאך איינשטימען, אז פריהער אדער שפעטער וואלט אונז אלץ איינס אויסגעקומען פונאנדערצוגעהן — האט געזאגט דער סטודענט. — דו ביסט א גוטע, א וואוילע, און ניט קיין נארישע, וועסט פערשטעהן...

אניוטא האט ווידער אנגעטהון דעם פוטער, שווייגענדיג איינגעוויקעלט איהר אויסגעהעכץ אין פאפיר, צוזאמענגעקליבען דעם פאדים, נאדלען; דאס פאפיר מיט די פיער שטיקלעך צוקער האט זי געפונען אויפ'ן פענסטער און האט עס אוועקגעלעגט אויפ'ן טיש נעבען די ביכער.

— דאס איז אייער... צוקער... — האט זי שטיל געזאגט און זיך אויסגעדרעהט, כדי צו בעהאלטען די טרעהרען.

— נו, וואס־זשע וויינסטו? — האט געפרעגט קלאטשקאוו.

ער איז א צוטומעלטער זיך דורכגעגאנגען איבער'ן צימער און האט געזאגט:

— ביסטווירקליך א מאדנע... ווייסט דאך אליין, אז אונז איז

אומבעדינגט נייטיג פונאנדערצוגעהן זיך. ניט אייביג וועלען מיר דאך זיין צוזאמען!

זי האט שוין צונויפגעקליבען אלע איהרע פעקלעך און האט זיך אומגעקעהרט צו איהם, כדי צו געזעגענען זיך און עס האט איהם אנגענומען א רחמנות אויף איהר.

„זאל זי אפשר נאך א וואך וואוינען דא? — האט ער געטראכט — ווירקליך, לאז זי נאך וואוינען, און אין א וואך ארום וועל איך איהר היימען אוועקגעהן”.

און פאר פערדרוס אויף זיין לאראקטלאזיגקייט, האט ער געשריען צו איהר הארט:

— נו, וואס־זשע שטעהסטו! אוועקגעהן איז אוועקגעהן, און ווילסטו ניט, טא טהו אויס דאס פוטער און בלייב איבער! בלייב איבער!

אניוטא האט אויסגעטהון דאס פוטער, שווייגענדיג שטיל, דערנאך האט זי אויסגעשנייצט די נאז, אויך אזוי שטילערהייט, האט א זיפץ געטהון און אהן געראויש זיך געווענדעט צו איהר שטענדיגע פאזיציע — צו דער טאבורעטקע ביי'ם פענסטער.

דער סטודענט האט גענומען צו זיך דאס לעהר־בוך און אנגעהויבען ארומגעהן פון ווינקעל צו ווינקעל.

— די רעכטע לונג בעשטעהט פון דריי טיילען... — חזר'ט ער — דער אויבערשטער טהייל אוויף דעם פארערשטען ווענדטעל פון די ברוסט דערגרייכט ביז 4—5 ריפ...

און אין קארידאר האט עמיצער געשריען מיט אלע כחות:

— גריגאָרי, דעם סאמאווער!

א געהיימניספולע נאטור.

אין קופעע פון ערשטען קלאס.

אויף דער סאפע, וועלכע איז בעצויגען מיט האָזען־סאמעט, זיצט אנגעלעהנט א האולע דאמע, דער טייערער געפרענזעלטער פאכער ציטערט אין איהר פעסט־צוזאמענגעדריקטע האנד, די פענסנע פאלען אלע

מינוט אראב פון איהר שיין נעזעל, די בראַש אויף דער ברוסט, דא הייבט זי זיך אויף. דא לאזט זי זיך אראב, פונקט ווי א שיפעל צווישען די חוואליעס. זי איז אויפגערעגט... געגענאיבער איהר אויף א סאפע זיצט דעם גובערנאטאר'ס א טשינאווניק פאר בעזונדערע ענינים, א יונגער שרייבער אנ'אנפאנגער, וועלכער האט געדרוקט אין די גובערנסקע צייטונג קליינע ערצעהלונגען אדער, ווי ער פלעגט עס אנרופען „נאוועלען" — פון אריסטאקראטישען לעבען... ער קוקט איהר אין פנים, קוקט אנגעשטרענגט, ווי א קענער. ער איז אויפמערקזאם, ער לערנט, פערשטעהט איהר, בעגרייפט... איהר נשמה, איהר גאנצע פסיכאלאגיע איז ביי איהם ווי אויף דער האנד.

— אה, איך בעגרייף אייך! — רעדט דער טשינאווניק פאר בעזונדערע ענינים, קושענדיג איהר האנד נעבען בראסלעט — אייער פיהלענדע, צארטע נשמה זוכט אנ'אויסגאנג פונ'ם קרומען וועג... יא! דער קאמפף איז א שרעקליכער, אנ'אונגעהויערער, נאר... פאלט ניט אראב ביי זיך! איהר וועט זיין די זיגערין!

— בעשרייבט מיך, וואלדעמאר! — רעדט די דאמע, שמייכלענדיג אומעטיג — מיין לעבען איז אזוי פול, אזוי פערשידענארטיג, אזוי פערשידענפארביג... נאר דער עיקר — איך בין אומגליקליך! איך בין א ליידענדע אין דאסטאיעווסקי'ס געשמאק... בעווייזט דער וועלט מיין נשמה, וואלדעמאר, בעווייזט די ארימע נשמה! איהר זענט א פסיכאלאג. ס'איז נאר ניט דורכגעגאנגען א שעה, ווי מיר זיצען אין קופע און רעדען, און איהר האט מיר שוין בעגרייפט אינגאנצען, אינגאנצען!

— רעדט! איך בעט אייך, רעדט!

— הערט. איך בין געבוירען געווארען אין אנ'ארימע פאמיליע פון א טשינאווניק. דער פאטער איז געוועזען א גוטער, א וואוילער, א קלוגער, נאר... דער ארומיגער גייסט און די צייט... איהר פערשטעהט, איך בעשולדיג ניט מיין ארימען פאטער. ער האט געטרונקען, געשפיעלט אין קארטען, גענומען וזיאטקעס... די מוטער ווידער... נאר וואס זאל איך רעדען! די נויט, דער קאמפף פאר'ן שטיקעל ברויט, דאס בעוואוסטזיין אז דו ביסט קליין און נישטיג... אך, צווינגט מיך ניט צו דערמאהנען זיך! איך האב זיך געדארפט אליין דורכשלאגען א וועג... די אומגעלומפערטע אינסטיטוט-ערציהונג, דאס לעזען נארישע ראמאנען, יוגענד-פעהלערען, די ערשטע ניט-דרייסטע ליעבע... און דער קאמפף

מיט דער אומגעבונג ? שרעקליך ! און די פערצווייפלונג ? און די יסורים פון דעם טיעף־בעהאלטענעם אונצוטרויען צום לעבען, אונגלויבען אין זיך ?... אך ! איהר זענט א שרייבער און קענט אונז, פרויענצימער. איהר ווערט פערשטעהן... צום אומגליק, בין איך בעגאבט מיט א ברייטע נאטור... איך האב געווארט אויף גליק, און נאך וועלכען ! איך האב געוואלט זיין א מענש ! יא ! זיין א מענש — אין דעם האב איך געזעהן מיין גליק !

— וואונדערליכע פרוי ! — שעפטשעט דער שרייבער, קושענדיג די האנד נעבען בראסלעט — ניט אייך קוש איך, זעלטענע, נאר די מענשליכע ליידען ! געדענקט איהר ראסקאלניקאוו'ן ? ער האט אזוי געקושט.

— אה, וואלדעמאר ! איך האב געדארפט רוהם... רויש, גלאנץ, ווי יעדערע — נאך וואס זיך בעגרענעצען ? — איך בין ניט ווי אלע אנדערע. איך האב געווארט אויף עפעס אונגעוועהנליכעס... ניט פרויענארטיגעס ! און אט... און אט... האב זיך אונטערגעדרעהט אויף מיין וועג א רייכער אלטער גענעראל... פערשטעהט מיך, וואלדעמאר ! דאס איז דאך געווען זעלבסטאפפערונג, זיך מפקיר געווען, פערשטעהט איהר ! איך האב זיך ניט געקאנט אנדערש בעציהען. איך האב רייך געמאכט די פאמיליע, האב אנגעהויבען רייזען, טהון גוטס... און ווי איך האב געליטען, ווי אונערטרעגליך, נידריג־געמיין זענען פאר מיר געווען די אומארמונג פון דעם דאזיגען גענעראל, כאטש, מ'דארף מודה זיין דעם אמת, אין זיין צייט האט ער זיך בעריהמט ! ס'האבען זיך געטראפען מינוטען... שרעקליכע מינוטען ! נאר מיך האט געשטארקט דער געדאנק, אז דער אלטער וועט ניט היינט—מארגען שטארבען, כ'וועל אנהויבען לעבען, ווי איך האב געוואלט, זיך איבערגעבען דעם געליעבטען מענש, כ'וועל זיין גליקליך... און איך האב אזא מענש, וואלדעמאר ! גאט ווייסט, כ'האב !

די דאמע פאכט שטארק מיט'ן פאכער. איהר געזיכט נעהמט אן א וויינענדיגען אויסדרוק.

— נאר אט איז דער אלטער געשטארבען... מיר האט ער איבערגעלאזען א ביסעל, איך בין פריי, ווי א פויגעלע, איצט קאן איך עס לעבען גליקליך... ניט אמת אפשר, וואלדעמאר ? דאס גליק קלאפט מיר אין פענסטער. מ'דארף עס נאר אריינלאזען, נאר... ניין ! וואלדעמאר הערט, איך בעשווער אייך ! איצט איבערגעגען זיך דעם געליעבטען מענשען, ווערען זיין פריינדין, העלפערין, די טרעגערין פון

זײַנע אידעאַלען, זײַן גליקליך... אַברוהען... נאָר װי אַלץ איז געמײַן, העסליך און נאַריש אויף דער װעלט! װי נידעריג אַלץ איז, װאָלדעמאַר! איך בין אומגליקליך, אומגליקליך, אומגליקליך! אויף מײַן װעג שטעהט װידער אַ שטערעניש! װידער פיהל איך, אַז מײַן גליק איז װײַט, װײַט! אַך, װיפיעל יסורים, װען איהר זאָלט װיסען! װיפיעל יסורים!

— נאָר װאָס־זשע איז? װאָס שטעהט אײַך אין װעג? איך בעט אײַך, רעדט! װאָס פאַרט?

— אַ צװײטער רײַכער אַלטער...

דער צוּבראָכענער פאָטער פערדעקט דאָס שענע פּנים׳ל. דער שרײַבער לעהנט אונטער מיט׳ן פויסט זײַן פיעל־טראַכטענדיגען קאָפּ, זיפצט אָב און מיט אַן׳אויסזעהן פון אַ קענער־פּסיכאָלאָג פערטראַכט ער זיך. דער לאַקאָמאָטיװ שרײַט און פײַפט, ס׳רוימלען זיך פון דער אויפגעהענדער זון די פאַרהענגליך פון פענסטער...

דוד קאסעל.

הערבסט.

א גראהער שאטען לעגט זיך אויף די פעלדער,
און פריה צושפרייט די נאכט די פליגלען איהרע.
מיין ליעבעס קינד! דער הערבסט איז שוין געקומען!
עס שטארבען בלייכערהייד די גראזען און די בלומען.
דער הערבסט — עס פלאצט די לעצטע סטרונע אויף
מיין לירע.

עס רוקען זיך די וואלקענס איבער הימעל,
ווי שווארצע בערג, און אומעטיגע, טריבע.
עס לויפט דער ווינד דורך אפלעניש און שרעקען,
א יאמער הויבט זיך אויף אין אלע עקען —
דער לעצטער קוש, דער לעצטער חלום פון מיין
ליעבע.

דער בורלאַק

אַ. ס. ניקיטין.

דער בורלאַק.

אַך, און דו, ברודער, האָסט קענטיג צרות געזעהן,
אַז אַ פרעהליכעס ליעד מאַכט דיר טרעהרען,
הער זיך איין אויב אַזוי, וואָס מיט מיר איז געווען,
הער זיך צו צו אַ לעבען אַ שווערען.
נאָך דעם טויט פון מיין פאָטער — נור נײַנצעהן יאָהר אַלט —
בין איך עלענד אַ יתום פערבליבען.
האָט אַ שכנ׳ס אַ טאָכטער מיך דאַן געהאַט האָלט,
פאַר מיין פרוי האָב איך זי אויסגעקליבען.
ווי דאָס גליק האָט זי מיט זיך און שטוב מיר געבראַכט,
גאָט אַ ליכטיגען גיב איהר גן־עדן!
ס׳איז שוין איין מאָל אַ בריה געוועזען — געטראַכט
וואו אַ גראָשען הוצאות פערמיידען.
ס׳קומט דער ווינטער פאַרנאַכט, צינדט דאָס פייער׳ל אָן, —
איך אַוועקגעזעצט וועבען און שפינען
און זיך צוגעלעגט ערשט נאָכ׳ן קרייהען פון האָהן, —
פאַרטאָג קענסט זי שוין ווידער געפינען.
זי לויפט זעהען די בהמות די שעפסען נאָך נאַכט,
זיי דאָס עסען, דאָס טרינקען געגעבען,
צוגעקליבען די שטוב, פאַרטיג וואַרמעס געמאַכט
און זיך ווידער אַוועקגעזעצט וועבען.
אָדער זומער אין פעלד, די זון ברענט, עס איז שניט, —

נעהמט זי שניידען — נעהמט גארבען דערלאנגען, —
„רוה נאר אב״, זאג איך איהר — „לאז, איך בין
נאך נישט מיעד, —
ס׳וועט נישקשה דער טייוועל נישט פאנגען.״
ס׳פלעגט זיך מאכען א נײם איהר ווען ברענגען אין
הויז,
פערגניגען איהר שאפען פערוועלען,
פלעגט זי זאגען: מײן לעבען, וואס ברענגסטו זיך
אוים,
אויך אזוי זענען מיר אונז געפעלען.
געוועזען גרוים איז מײן גליק, און ווער ווײס ברודער וואו
וועט די בײזע שעה אונז נאך דערוויסען!
אין דר׳ערד האט זי געפונען איהר אײביגע רוה,
דו דערמאנסט — און דאס הארץ ווערט צוריסען.
מײן אײן טרײסט איז געוועזען דער זוהן — א שײן
קינד,
גאר פונקט זי מיט איהר ליכטיגען פנים,
האט דאס לעזען דער קלײנער פערשטאנען געשווינד,
גאר א לײט געטראכט וועט ארויסקומען.
נאר נישט דאס איז איהם אבער געוועזען בעשערט,
עפּיס קראנק מיר געווארען פאר שבועות,
איך האב, ברודער, געטאן, איך האב וועלטען צוקערט,
מיט דאקטוירים מיט באבסקע רפואות;
פאר א רובל אויך צוגעזאגט קויפען א ליכט
אנצוצינדען אין קלויסטער, געבעטען,
נאר איך האב דאך געמוזט, עס האט גארנישט
געהאלפען,
אויך מײן זוהן צום בית־עולם בעגלײטען.
ס׳איז מיר פינסטער געוועזען דאן! ס׳איז לאנג שוין
פארבײ,
נאר פערגעסען איז שווער יענעם זומער.
מען קלײבט ברויט פון די פעלדער, — ס׳איז טענץ,
זינגערײ,
און איך חשך און דאגה און קומער.

כ׳האב צום הינכער א שליטען זיך שאפען געקלערט,
פאר א פוהרמאנשען נעהמען זיך לעבען, —
ווערט אויף שאף א מגפה, ס׳צופאלען די פערד, —
נאך אלץ ווייניג געווארען פערגעבען.
א פערלארענער איז מיר דער ווינטער אוועק,
כ׳זעה — דער עולם נעהמט נאר פון מיר לאכען,
דער זאגט — זעה נאר אויף איהם, — אט אזא מין סארט שנעק
דרוקט זיך אויפעט אין קהל׳שע זאכען!
איינער זירעלט זיך: „פוילער! נישט פאר איהם מיט זיין קאפ
איז א לעבען אין דחקות א שווערער;
איז א מענש נאר א חוואט, יענער פאלט נישט אראב
אין א צרה און הוליעט נאך מעהרער.
פאר׳ן שכל האב איך זיך געחאפט פון די רייד,
גאט אליין איז צו הילף מיר געקומען;
ס׳האט דער זעעל זיך פערגלוסט אין דער ווייט, אין דער ברייט.
כ׳בין אוועק, נאר א פאס מיטגענומען.
און איצט בין איך „בורלאק״ — אט דא האבען מיין וארג
פון דער וואלגע די חוואליעס פערהוליעט.
לעגסט פונאנדער א פייער — ס׳טרעפט אונטער א בארג
ביידערנאכט און דו ליעגסט איינגעטוליעט.
דא הויבט איינער א חבר אן זינגען א ליעד,
מען חאפט אונטער — פריינד זינגען אינאיינעם;
מיך נעהמט ווארפען אין קעלט און אין היץ יעדעס גליד,
איך זינג אויך מיט, און שטארק מיך נישט וויינען.
ס׳ווערט דאס וועטער ווען שלעכט און אין הארצען פערפויזט
די אמאליגע וועהטאגען ווידער,
נעהמט די וואלגע זיי צו און אנטלויפט און זי רוישט
און זינגט פריי איהרע ווילד-פרייע ליעדער.

און עס צינדט ווי א פייער דער צארן זיך אן,
נאר מיך ארט נישט קיין קעלט, נישט קיין רעגען, —
מיט מיין שיפעל פאראוים, בעוויז איך וואס איך קאן,
כ׳שטעל מיין כח דעם שטורם אנטקעגען.
כ׳פליה איבער די חוואליעס, עס שליידערט, עס דרעהט —
נו, איצט גאט, ווי דיין ווילען וועט הייסען!
צו געלעבט איז געלעבט אז געשטארבען איז טויט,
און אין הארצען — דעם שמערץ ווי פערגעסען!

י. וויינבערג.

אדעלא

י. סעגאַלאָוויטש.

אַדעלאַ.

(עסקיז)

ביי טאָג איז זי מיר פרעמדער, ווען מיר בעגעגנען זיך דערמאָהנען מיר קיינמאָל ניט די פאַרינגע נאַכט, עס דוכט זיך מיר, אַז מע קוקט אויף אונז, מען וויים פון אונזערע טרוימען...

שפּיעל איך מיט איהר פּאַפּאַ אין קאָרטען, קומט זי צו און פרעגט שטיפעריש־מילד:

— ווער געווינט?

בעט איך איהר, זי זאָל זיך זעצען נעבען מיר, וועט זיין מזל־דיגער.

— און דער פּאַפּאַ — זאָגט זי — ווער וועט זיצען נעבען פּאַפּאַ? און אַנטלויפט...

ווען אַלע געהען שפּאַצירען טהייל איך זיך אָב פון זיי; איך גנב'ע זיך אַריין אין די קאָרען און רייס דאָרט אָן בלומען, און ווען איך קום צוריק, פרעגט זי מיך די ערשטע:

— וואו ביזטו געווען? בלומען געריסען? וואס וועסטו טהון מיט אַזוי פיעל?

— אַט, וואס איך וועל טהון און איך פערשיט זי מיט די בלומען...

מיר געהען אַרויף אויפ׳ן קרייץ־באַרג, די זון פערגעהט שוין; אונטען טומעלט נאָך דאס שטעדטעל; ווי שוואַרצע פּינטעלעך, זעהען אויס די מענשען; די שילדען פון די קראָמען פלאַקערן אין זון־פייער, דער גאָלדענער קלויסטער־שפּיץ ווערט צושמאָלצען... און ראָמאַן דער שטומער פאַסטוך קלויבט צונויף זיין סטאַדע, אַ קליין שעפּעלע לויפט איהם נאָך... ער דערזעהט אונז, נעהמט אַראָב דאס היטעל און לאַכט. איינער פון אונז, וויל איהם עפּעס פרעגען; שטעהען זיי ביידע אַנטקעגען

גיין דער פערגעהענדער זון מיט רויטע פנימ'ער און מאכען אזוי מאָדנע מיט די הענד. אדעלא צולאכט זיך און שיקט א לופט־קוש דעם שטומען פאסטוך, און איהר פאפא רופט אונז שוין אהיים.

— ס'ווערט שפעט, זאָגט ער — מיר וועלען שפּעטער ניט זעהן וואו אראבצוגעהן פון בארג.

מיר לאָזען זיך לאנגזאם אראב, איינער אנגעהאלטען אין צווייטען, פלוצלונג ניט איינע פון די פרויען א געשריי; וואס איז? מען לויפט צו צו איהר און מען דערוויסט זיך: א זשאבע איז דורכגעשפרונגען. אלע לאכען און דאס ווידער־קול פון געלעכטער הילכט אב איבער בערג און רופט עפּעס וועסען...

מיר זענען שוין אונטען אויפ'ן פרייען פעלד, דאָ איז נאך גארניט אזוי פינסטער, די לופט איז קיהל און ריין, אט איז שוין דער בית־עולם און נאכ'ן בית עולם איז באלד דאס שטעדטעל, איך קוק אראב אויף די שטילע קברים, די בוימער ווארפען אראנטער זייערע דונקעלע שאטענס, און די שאטענס הילען איין יעדעס בערגעלע ואמד, יעדע מצבה... איך טראכט עפּעס... אומעטיג־צארט זענען מיינע געדאנ־קען... פלוצלונג דערשפיר איך עמיצען נעבען זיך: ווער איז עס? אדעלא ! איך נעהם זי פאר די האנד, קיינער זעהט אונז ניט: אלע זענען אוועק פאראויס איך קוק זי שוויינענדיג אן און פרעג זי:

— אדעלא, האסט מורא פאר'ן טוידט?

— איך ווייס ניט, וואס דאס איז אזוינס, — ענטפערט זי מיר און שמייכעלט... און מיך שרעקט די פרייע לאנקע אויפ'ן בית־עולם, מען וועט זי צוגראבען אויף קברים...

ווען מיר קומען אריין אין שטעדטעל איז שוין פינסטער: עס בע־גריסען אונז פיעל פייערלעך, אין א קרעמעל שטעהט „ראמאן" דער שטומער פאסטוך און קויפט „טיטון" ער דערזעהט אונז און האפט ווידער אראב דאס היטעל... ביים גארטען, וואו אדעלא וואוינט, ווארטען איהרע עלטערן, ביים שיידען זיך דערלאנגט זי מיר ביידע הענד און דאס איז א סימן, אז זי וועט שפּעטער ארויסקומען...

אויף די וועראנדעס אין שטעדטעל ווערט פרעהליך, מען עסט, מען לאכט, ערגעץ נאהענט הויבט אן די נאכטיגאל צו זינגען, נור זי הערט באלד אויף, ווי זי וואלט זיך טראכטען: „צופיעל כבוד פאר אייך", אויף איין ווערענדע זינגט א יונגע פרויען־שטימע און ווען זי ענ־דיגט, דערהערען זיך אויסגעשרייען: „בראווא", „בראווא" די שטעדטיל־

שע קינדער שטעהען אונטער די פענסטער און הערען זיך אלצדינג איין.

קורץ ועגען די אוועגדען. די פייערלעך פערלעשען זיך גיך. דאָס שטעדטעל שלאָפט איין, נור איינציגע פאַרעלעך געהען אוועק צום ווייקסעל, קוקען זיך דאָרטען איין, ווי די לבנה שפּיגעלט זיך אין גלאַנצענדיגען וואַסער... שטערענדלעך פאַלען און לעשען זיך... די חוואַליעס דערהערען אַ מאָל אַ קוש און אַנטלויפען מיט'ן סוד.... און איך זיץ שוין בייַ אַדעלאַ'ס גאָרטען און וואַרט. די געגענד שווייגט; אַ מאָל נור רייַסט אַ בלעטעלע זיך אָב פון אַ בוים און פאַלט לאַנגזאַם צו מייַנע פיס; פייער-פליגעלעך פליהען אַרום, ווי זיי וואָלטען מיר וועלען ערגעץ פערנאַרען... און די אויגען מייַנע זוכען און קוקען דורך די שטאַכעטען פון פאַרקאַן: וואו איז זי? פאַר וואָס קומט זי נית? נור אָט, אויף דער סטעזשקעלע פון גאָרטען בעווייַזט זיך אַ סילועט. אָט איז ער שוין בייַם פאַרקאַן!

—אַדעלאַ! רוף איך אויס און זי זיצט שוין נעבען מיר אויפ'ן באַנק איך בעמערק נית, ווי איהרע הענד קומען אין מייַנע, ווי אונזערע פינגער פלעכטען זיך צונויף...

— וואָס האָסטו מיר געלאָזען אַזוי לאַנג וואַרטען? פרעג איך זי רוהיג.

— דער פּאַפּאַ האָט נית געשלאָפען, כ'האָב אַלץ געהערט, ווי ער בלעטערט די צייַטונגען.

— האָסט נאָך אַלץ מורא פאַר'ן פּאַפּאַ, אַזאַ גרויס מיידעל מיט אַזעלכע לאַנגע האָר, שעהם זיך! און איך גלעט איהרע האָר, איהר קעפּעל פאַלט צו צו מיר מיט אַזוי פיעל ליעבע און פערטרויאונג... איך קוש זי נית, כ'האָב מורא זי צו קושען: זי איז דאָך אַזוי ריין און אומשולדיג און איך...

אַ מאָל פרעגט זי מיר, פון וואָס איך טראַכט אַזוי פיעל, דערצעהל איך איהר פון אַ לאַנגען דערגעהרונג, און פון אַ געבראָכענעם שטאָלץ: פאַרזיכטיג דערצעהל איך, עס זאָל זיך דער גיפט פון מיין האַרץ אין איהרע נית איבערגיסען... הערט זי מיר אויס מיט פערוואונדערטע אויגען, שלינגט איין יעדען וואָרט, יעדען געדאַנק און שווייַגט און ווען איך ענדיג פאַלט זי ווידער צו צו מיר...

און די געגענד ווערט נאָך שטילער און שווייַגענדיגער, די אַלטע בוימער שלאָפען און די יונגע קושען זיך פערבאָרגענערהייד; אַ נאַכט-פויגעל קומט נאָהענט צופליהען, שרייַט עטליכע מאָל אויס און אַנטלויפט; ערגעץ קוואַקעט אַ זשאַבע, דער נאַכט יגאַל זינגט פון שלאָף האַלבע

אבגעהאקטע טרעלען ... אט אזוי רעדט די נאכט אויף אומפערשטענדליכע שפראכען, אט אזוי רעדט די נאכט! ... און ארעלא דוכט זיך שלאפט אויף מיין ברוסט. — שלאפסט טהייערע? הויבט זי אויף דאס קעפעל, האלט האלב-אפען די אויגען און רעדט עפעס צו מיר.

— „ניט איך שלאף און ניט איך וואך, ביי נאכט איז אזוי גוט... אזוי גוט"

אין דער פריה בין איך אריינגעלאפען צום קסאנדרו אין גארטען נאך בלומען. דעם קסאנדרוס „בעל-הבית'טע" האט מיר בעמערקט דורכ'ן פענסטער און איז ארויסגעקומען מיט א שער אין האנד:

— היינט וועלען די רויזען קאסטען טהייערער, האט זי מיר א זאג געטהון.

— זאל זיין טהייערער: גיט נור וואס מעהר! און זי האט מיר אבגעשניטען פיעל פריש-אויפגעפענטע רויזען; אויף עטליכע פון זיי זענען שוין געשטאנען האניג-ביהנען און געזויגען דעם טהייערען זאפט...

איך האב אוועקגעשיקט די בלומען צו ארעלען, און אליין בין איך אוועק בלאנדזען אונטערן שטעדטעל...

די זון האט נאך ניט פערשפרייט איהרע ווארעמע פליגעלען אין אלע טהאלען, און דעריבער איז דאס גראז אין פיעל ערטער נאך נאס געוועזען; פון דא און דארט הויבען זיך שמעטערלינגען אויף און פליהען אוועק; עס דוכט זיך אויס, אז דאס איז זייער ערשטער פליהען. איך געה ארויף אויף א בארג און דער וויקסעל גיט א בליץ פאר די אויגען, ווי א אנגעשארפטע קאסע... עטליכע זעגיל-שיפלעך טראגען זיך לאנגזאם איבער'ן טייך; ביי נאכט, ווייזט אויס, האט געמוזט א ווינד בלאזען, נור איצט איז די לופט שטיל און רוהיג...

געלויבט זייט, פריה-מארגען!

איך קוק זיך איין אויף די פערזייהטע פעלדער, אויף די ווילד-פערוואקסענע בערג, און מיין הארץ ווערט ענג פאר פרייד: אזוי פיעל שעהנע בילדער, — דאס אויג קאן עס אלץ ניט ארומנעהמען: אט איז א בערגעל, פערוואקסען מיט יונגע סאסנעס, די סאסנעס זעהען אויס ווי סאלדאטען וואס מארשירען, אט איז א הויכער טאפאל, און נעבען איהם ליגט א אונטערגעבראכענע סאסנע, ווי א קנעכט פאר א

מיר וואלט געשעפשעט אין דער שטיל: איך קניה פאר דיר, איך קניה פאר דיר"...

דורך די בערג דערזעה איך א קליין דערפעל, פון אויבען דוכט אויס, אז דאס דערפעל שלאפט, נאר ווען איך לאז זיך אראב נידעריגער, דערזעה איך, אז אלע הייזלעך זענען אפען: די עלטערע דארפס-לייט זענען געווים אין פעלד, און די קינדער שפילען זיך ביים טייכעל, וואס פאלט אריין אין וויקסעל: אט האבען צוויי בארוויסע, האלב נאקעטע שיקסלעך געכאפט א שעפסעלע און ווילען עס אויסבארען, — דאס שעפסעלע ראנגעלט זיך אזוי הילפלאז... נור ווען די קינדער שלעפען עס אריין אין וואסער, ווערט עס רוהיגער...

מיין פרייד וואקסט און פלוצלונג נעהמען שוועבען פאר מיר צוויי ריינע גלויביגע אויגלעך... „אדעלא!“ „אדעלא!“ שעפטשע איך, און א חיילע פערדריסט מיר, וואס איך בין נאך ניט, ווי שטענדיג, ביי זיי אין גארטען, עס בענקט זיך מיר נאך איהר געלעכטער.

איך קום שפעט אין שטעדטעל, מיין בעל-הבית'טע בעגעגענט מיך מיט א זיפץ, וואס איז? דער מיטאג איז שוין קאלט, לאך איך אף פונאנדער!

און א קאלטען מיטאג קאן מען ניט עסען?
שאקעלט זי צו מיט'ן קאפ און בעדויערט מיך.

פארנאכט. איך חאפ זיך אויף פון שלאף און הויב אויף דעם פארהאנג פון מיין פענסטער. אהא, די זון איז שון פערגאנגען, שוין באלד נאכט; עטליכע טויבען לאזען זיך אראב נעבען ברונעם, טרינקען זיך אן און פליהען האסטיג אוועק...

איך געה אוועק אויף דער ברייטער מארק-גאס יודען און קריסטען האבען זיך אוועקגעזעצט ארום „פלומפ“, און מען דערצעהלט זיך מעשיות, א ביסעל וויטער האבען שקצים ארומגערינגעלט דעם פאסטוך, ראמאן, און בעטען איהם אויף שטום-לשון, ער זאל מאכען קונצען; איינער פון די שקצים לעגט אוועק אויף דער ערד א שטרוי, און ראמאן שפייט אן אין די הויפענס מעשה-העלדישקייט, און שפרינגט אריבער, די שקצים צעלאכען זיך און דאס רעדעל ארום ראמאנען ווערט אלץ גרעסער...

אויף „זייער“ גאס איז שוין רוהיג, אין די פויערשע הייזלעך

ציינדט מען קיין פייער ניט אן, נור אין איינינע ערטער בליצען פיי־ערלעך דורך די בוימער, און א געלעכטער הערט זיך פון א גארטען. איך געה צו צום טהירעל און בלייב שטעהן, ניין! איך וועל ניט אריינגעהן; אפשר, וועט זי אליין שפעטער ארויסקומען, איך וויל קיינעם ניט זעהען אויסער איהר...

און זיצענדיג אויפ'ן באנק, דערזעה איך, ווי א פרעהליכע חברה ליעטניקעס קומט אן. איך דערקען זיי שוין פון ווייטען, זיי קומען צו נעהנטער און בעמערקען מיך.

— וואס זיצטו דא?

— קום אויף די בערג! וועלדען זיך עטליכע שטימען צו מיר.

— דא איז זעהר שטיל, איך האב ליעב די שטילקייט...

— און דאס געלעכטער'ל פון גארטען, האסטו אויך אודאי ניט פיינד? ווייצעלט זיך איינער פון זיי...

זיי געהען אוועק קלאפענדיג מיט די לאנגע בארג־שטעקענס, און זינגען:

אויף די בערג, אויף די בערג,
צו דעם אוראלטען שלאס,
וועלכער שטעהט אהן א דאך,
מיט צעלעכערטע וועגד...
דארטען לעגט מען צענויף
א קליין שייטערל האלץ...
אך! ווי פרעהליך עס ווערט,
ווען דאס שייטערל ברענט...
אונז איז ווייניג דער טאג,
אונז איז ווייניג די נאכט:
וואו עס שוועבט נור א טרוים
מוז ער אונזערער זיין...
אויף די בערג, אויף די בערג
צו דעם אוראלטען שלאס;
דארטען פאלען ביי נאכט
א סך שטערען אריין...

די שטימען דערווייטערן זיך און איך קוק אונגעדולדיג אין גארטען אריין,

פון גאָרטען קומט אַרויס די דיענסט־מיידעל אַנטאָשאַ, זי גע͏הט נאָך עפּעס.

— וואָס טהוט איצט אַדעלאַ? פרעג איך זי...

— אַדעלאַ וואַרט אויפ'ן פּאַן, ענטפערט זי מיר און ענטלויפט מיט די עמערס, און ווען זי געהט צוריק שטעלט זי די עמערס אַוועק און זאָגט מיר שטילערהייד:

— זאָל דער פּאַן וואַרטען, אַדעלאַ וועט באַלד אַרויסקומען! און עס געדויערט ניט לאַנג, זי קומט אַרויס פון גאָרטען און בלייבט שטעהן ביים פּאַרקאַן, ווי זי וואָלט מיר ניט בעמערקען.

— ביזט ברוגז אויף מיר?

שטראָפט זי מיר, פאַר וואָס איך בין אַ גאַנצען טאָג ניט געווען— און שטוב זאָגט זי, האָבען זיך אַלע געוואונדערט, וואָס איך קום ניט...

— און דו האָסט זיך אויך געוואונדערט?

ווערט זי שוין ווייכער און געהט צו צום באַנק...

— כ'האָב געוואַרט אויף דיר, כ'האָב דיר געוואָלט דאַנקען פאַר די בלומען...

און זי דערצעהלט מיר:

— ווען אַנטאָשאַ האָט מיר געבראַכט די רויזען, בין איך גע־שלאָפען, די טרייע אַנטאָשאַ! זי האָט אַוועקגעלייגט די בלומען אויף מיין קישען און איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, אַ שכור'ע פון רויזען־ריח; כ'האָב באַלד פערשטאַנען, אַז דאָס איז פון דיר... און ווייסט, וואָס איך האָב געטהון?

— וואָס האָסטו געטהון, זאָרגלאָזע מיידעל?

— אויף די בלומען זענען געבליבען עטליכע טראָפּענס־טהוי פון דער נאַכט, האָב איך זיי אויסגעטרונקען... און אַ גאַנצען טאָג האָב היינט געזונגען און געבענקט נאָך דיר, עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט אַ גאַנצען טאָג, אַז עמיצער געהט מיר נאָך און וואַרפט כסדר אויף מיר בלומען...

— דאָס בין איך געווען, טהייערע! דאָס בין איך געווען — איך האָב זיך פערשטעלט, דו זאָלסט מיך ניט זעהן...

קוקט זי מיך אָן לאַכט זיך פונאַנדער...

— יאָ, יאָ...

און עס דוכט זיך מיר, אַז זי גלויבט מיר...

פון די בערג הערט מען לאַכען און זינגען, פרעגט זי מיר פערוואונדערט:

— ווער לאַכט עס אַזוי שפּעט אויף די בערג? דערצעהל איך איהר פון דער פרעהליכער חברה, הויבט זי זיך פלינק אויף פון באַנק.

— קום אהין, קום צו זיי!

נאָר אין דעם זעלבען מאָמענט דערהערט זיך פון גאָרטען: „אדעלאַ“! דאָס רופט זי די מוטער, און זי געהט שוין ניט אויף די בערג, זי איילט שוין צוריק אין גאָרטען:

— שוין שפּעט... די מאַמאַ רופט... קום מאָרגען!... און זי ווערט פערשוואונדען צווישען די בוימער,

איך בלייב אַליין און עס דוכט זיך מיר, אַז עס איז אַ חלום: עפּעס אַ מלאך איז דאָ געקומען אויף אַ ווײַלע; האָט איהם עמיצער איבערגעשראָקען, איז ער אנטלאָפען...

מיניאַטיורען

פעטער אלטענבערג.

מיניאטורען.

I

פארוואס.

מיר זענען געזעסען געבען אפענעם פענסטער און געטרונקען היי־טען, דופטיגען טהיי. ביי'ם קאלענדער כאמאוואר האבען מיר ניט גע־פיהלט די פייכטע פרישקייט פון פריהלינגס־אווענד. ווי פערצויבערטע, אין א טיעפען שווייגען האבען מיר געקוקט אויף די שענהייט פון דער נאטור, וועלכע האט איצט איבערגעלעבט איהרע יוגענד־יאהרען.

פון די בערג, וועלכע האבען זיך געצויגען וויים, וויים ביז צום האריזאנט, פון יונגען, גרינעם וואלד, וועלכער איז ביי די דאזיגע ריע־זען צו־פוסען געלעגען, האט געבלאזען א שטיל, ווארים פריהלינגס־ווינדטעל.

— קיינמאל, אניוטע, קיינמאל האב איך דיך נאך ניט געזעהען אזוי שען, אזוי בעגייסטערט, ווי היינט, דא נעבען דיין איינציגען פריינד!..

פון דערווייטען האט זיך דערהערט א פערשטיקטער פייף פון א צוג־לאקאמאטיוו, ערגיץ נעהנטער האט א הונד געבילט, פון דער זייט האט זיך דערהערט א צו־הויכער, פרעכער געלעכטער פון מענשען.

— קיינמאל, אניוטע, קיינמאל ביזטו מיר נאך ניט געוועזען אזוי טייער, אזוי נאהענט ווי איצט, אין דיזער געטליכער פריהלינגס־נאכט!..

— פארוואס?

קיינער וואלט דאס ניט געקאנט פערשטעהן...

„דו האָסט דאָס געוואָלט״.

איצט ביזטו צופריעדען, מײַן טײַערע!
דיך בעאונרוהיגט שוין מעהר ניט מײַן בליק — דער בליק פון א צורײַצטער חיה...
דו האָסט דאָס געוואָלט!

איך האָב זיך פון אַלעם דערוואוסט: איך בין דיר איבעריג געווען, איך בין דיר צו־לאַסט געפאַלען.

עס וועלען דורכגעהן טעג. ס׳וועלען פערלויפען יאָהרען און אַמאָל א מידע, א נידערגעשלאָגענע וועסטו זיך אָנהויבען גריבלען אין מײַנע צדיעף:

„ער איז געווען קראַנק. שטערבליך קראַנק איז ער געווען, נאָר איך האָב רוהיג איהם געלאָזען שטאַרבען״...

אָ, איצט ביזטו שוין רוהיג, טײַן טײַערע!

עס ערגערן דיך שוין מעהר ניט די נאָהנטע צײַלען פון מײַנע טרויעריגע בריעף...

און דײַן קאַלטער בליק זאָגט מיר:

„אָ, איצט זײַט איהר מיר פיעל טײַערער!״

האָסטו ווען געזעהן א צורײַצטען טיגער, וועלכער לויפט אום איבער זײַן ענגען שטײַגעל?...

איצט ביזטו שוין רוהיג, מײַן ליעבע!

„מיר בלײַבען פרײַנד, פעטער! וואָס, איהר ווילט ניט? אומגאָטעס ווילען, פעטער, ערקלערט וואָרום!?״

איך האָב ניט געענטפערט און קאַלט געדריקט דײַן האַנד.

דאָס האָסטו דאָך געוואָלט!...

בעמערקונג:
זייטע 22, ערשטע שורה, געדרוקט: יעקב שטיינבערג —
באדארף זיין: יעקב שטערנבערג.

קאטאלאג פון פערלאג „פראגרעס“, ווארשא.

נייע ביכער פון שלום־עליכם.

נאר וואס ערשינענען 2 נייע בענדער
פון שלום־עליכם:

1) מאטעל דעם חזנ׳ס

כתבים פון א יונגעל א יתום.

דער דאזיגער באנד בעשטעהט פון איין גרויסע געשיכטע, ווי אזוי מאטעל פייסי דעם חזנ׳ס, א יונגעל א יתום, פאהרט מיט א חאליעסטרא יודען, ווייבער און קינדער קיין אמעריקא, און וואס זיי זעהען זיך אן אויפ׳ן וועג און אויף דער גרענין און אין די גרויסע אייראפע־אישע שטעדט: בראד, לעמבערג, קראקע, ווין, אנטווערפען און לאנדאן.

דאס בוך איז בעשטימט פאר גרויסע
און פאר קליינע לעזער.

פרייז 80 קאפ׳.

2) יודישע קינדער

א באנד פון וועלכען נייע יום־טוב־מעשיות פאר גרויס און פאר קליין — די עזעס בוך, געשריבען פונ׳ם קינדער־לעבען, נעמט ארום אלע יודישע ימים־טובים פון א גאנץ יאהר, אנגעהויבען פון פסח און געענדיגט מיט פורים.

פרייז 85 קאפ׳.

Книгоизд. „ПРОГРЕСЪ“, Варшава.
Налевки 36.

Verlag „PROGRES“, Warschau.
Nalewki 36.

אברהם רייזענ'ס ווערק.

	ק'	ר'
שריפטען:		
I באנד געזאמעלטע ליעדער.	25	1
II באנד מענשען און וועלטען	25	1
III געשטאלטען.	25	1
ערצעהלונגען און בילדער.	25	—
צייט ליעדער.	20	—
ליעדער פון לעבען.	50	—
דאס יודיש ווארט (זאמעלבוך).	75	—
20-טער יאהר־הונדערט.	50	—
יאהרבוך „פראגרעס" (זאמעלבוך).	70	—
קונסט און לעבען (זאמעלבוך).	80	—
רעפעטיציע.	6	—
גוטע ברידער (איינאקטער).	5	—
דער פוילישער גלח.	5	—
פערשפעטיגט.	5	—
ציגיינערין.	5	—
עס דרוקט זיך דער פערטער באנד פון א. רייזענ'ס שריפטען.		

נײַ־ערשינענע ביכער פון פערלאג „פראגרעס":

	ק'	ר'
פערברעכען און שטראף. פון פ. דאסטאיעווסקי מיט זיין פאטאגראפישעס בילד. איבערזעצט פון ז. רייזען.	25	
פרייליין מוטער. ראמאן פון בעוואוסטען דייטשען שריפטשטעלער ערנסט געארגי. . . .	70	
ערד. פ. הירשביין . .	25	
א מאמע. רחל פייגענבערג .	25	
קאמפער. י. מ. וויסענבערג .	35	
יואל. פ. הירשביין . .	35	
ערצעהלונגען. י. פאס . .	35	
נאוועלען. ל. שפירא . .	35	
דער לאנדסמאן ש. אש . .	40	
קנאה און תאוה. י. מ. וויסענבערג	80	
חסידיש. 5-ער באנד פון פרצ'ס שריפטען	25	1
פאר קליין און גרויס 6-ער באנד .	25	1
בילדער און סקיצען 7-ער „ .	25	1
פרייע ערד רעדאגירט רייזען .	—	1

Изд' „Прогрессъ", Варшава, Налевки 36.